# ש. אנ-סקי

## געזאמעלטע שריפטען



№ 90.
Y.
Hasmonaea Tartu

ש. אַן-סקי

(שלמה-זנוויל ראַפּאָפּאָרט)

# געזאַמעלטע שריפטען

## פערצעהנטער באַנד

# נאָוועלען

פערלאַג „אַן-סקי"

ווילנאָ-וואַרשאַ-ניו-יאָרק תרפ"ח — 1928

אויסגעפיהרט דורכ'ן פערלאַג ש. שרעבערק

פערקויף-געזעלשאַפט „צ ע נ ט ר אַ ל" וואַרשאַ

Printed in Poland.

איבערדרוקן און איבערזעצן אָהן דער ער
לויבעניש פון מאָרט צואה־פערתעלטער
איז שטרענג פערבאָטען.

Copyright Dr. Ch. Zhytlowsky
Marquand Ave Bronxville
New-York. U. S. A.

הילע פון יוסף זיידענבייטעל.

צינקאָקלישען אויסגעפיהרט דורך ח. גאָלדבערג.

דעם זאץ האָט אויסגעפיהרט פייגע שריפטגיסער.

Druk. I. Hendlera, Warszawa Długa 26. Tel. 260 - 19

3
Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1941:6990
23545

# אונטער אַ מאַכק'ן

(ערצעהלונג פון דער השכלה-עפּאָכע)

## ט

דאָס הייזעל פון׳ם מוליער אַנטאָן קאָוואַדלע אין דער גוי׳אישער סלאָבאָדקע אין וו. האָט זיך גערעכענט אין שטאָדט פאַר׳ן צענטער פון דער געפעהרליכסטער אפיקורסות. צווישען די פרומע יודען איז דאָס הייזעל געוועזן בעוואוסט אונטערן נאָמען „די נעסט פון דער טומאה״ און מען האָט וועגען איהר דערצעהלט גאַנצע לעגענדעס. עלטערע יודען, פערבייגעהענדיג פאַרביי דאָס הייזעל, פלעגען געשווינד פערקאַטשען די פאָלעס, אָבקעהרען זיך, פערשנעלערן די טריט און אַנ׳אַנדערש מאָל אויסשפייען; פערקעהרט, עלטערע ווייבער פלעגען פערבייגעהן פאַמעליך. אָנקוקען דאָס הייזעל מיט אַ טרויעריגען בליק, צו־שאָקלען מיט׳ן קאָפ און עפעס שעפטשען פאַר זיך. נאָר ווען פון הייזעל פלעגט זיך הערען אַ הויך, אויפגערעגט געשפרעך אָדער אַ געזאַנג פון פיל שטימען–שטענדיק אַנ׳אומעטיקער און אַ סענטימענטאַלער, פלעגען די ווייבער זיך שרעקען און גע־שווינד אַריבערגעהן אויף דער אַנדער זייט גאַס.

קאָוואַדלעס הייזעל איז געוואָרען אַ צענטער פון אפיקורסות,

זייט דאָרט האָט זיך אין אַ קליינעם צימערל בעזעצט אַ געקומענער „עקסטערן“, אַ פייערדיגער משכיל, אַרום וועלכען עס האָט זיך פערזאַמעלט אַ קרייזעל אָפענע און בעהאַלטענע משכילים, איבערהויפּט ישיבה-בחורים. דער עקסטערן איז אין גיכען ערגעץ פערשוואונדען, נאָר דאָס צימער איז אַריבער צו אַנ׳אַנדער בחור, נאָכדעם צו אַ דריטען און איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ הויפּט־קוואַרטיר פון די אָרטיגע משכילים. די איינוואוינער פון צימער האָבען זיך אָפט געביטען. צייטענווייז זענען דאָרט געווען עטליכע איינוואוינער. אַנ׳אַנדערש מאָל איז קיין איינער נישט געווען, נאָר דאָס צימער איז שטענדיג פערבליבען אין רשות פון דער „חברה“. קאָוואַדלע אַליין, אַ רוסיפיצירטער לאַטיש, אַנ׳אַלמן אָהן קינדער, וועלכער האָט ליב געהאַט דעם טרונק און דערביי צו פילאָזאָפירען, האָט זיך צוגעוועהנט צו דער יונגער חברה און זיך בעצויגען גוטמוטיג אי צו דעם שטענדיגען רעש, וואָס האָט געהערשט אין צימער, אי צום אָפּטען בייט פון די שכנים. ער האָט אַליין נישט געוואוסט, ווער פון די יונגעלייט איז זיין שכן. פערבליבען איז ביי איהם אין זכרון דער נאָמען פון איינעם פון די שכנים, ברוך, און ער האָט שוין נאָכדעם מיט דעם נאָמען גערופען יעדערן, וועמען ער האָט געטראָפען אין שטוב, אפילו די גאַנצע חברה צוזאַמען. קיין חשבון פון דירה־געלט האָט ער נישט געוואוסט, נאָר ווען ער האָט נויטיג געהאַט געלד, פלעגט ער אַריינגעהן אין חדר, אָבשטעלען זיך ביי דער טהיר, מאַכען אַ שטרענגען פנים און מיט אַ שרעקענדיגען קול ווענדען זיך צו דער גאַנצער חברה:

—ברוך! וואָס טראַכסט דו זיך, וואָס דו צאָהלסט נישט קיין דירה־געלד! די רגע זאָל מיר זיין אַ רובל! אַניט וועל איך דיין גאַנצע „חברה“...

און פלעגט ענדיגען מיט אַנ׳אויסדריקליכער בעוועגונג אָדער מיט אַ נאָך מעהר אויסדריקליכען וואָרט. „חברה“ האָט זיך נישט זעהר געשראָקען פאַר זיין געשריי און פלעגט פרואוון אָבפּטרן זיך מיט הבטחות. ווען אָבער ער פלעגט שטאַרק צו-

שטעהן, האָט מען גענומען דינגען זיך. מושה ווערענדיג אויף אַ האַלב רובל, פלעגט מען אויפ'ן אָרט צונויפזאַמלען דאָס געלד.—און ער פלעגט אַוועקגעהן אַ קאָנטעטער.

אַ שכּור'ער פלעגט קאָוואַדלע ליב האָבען צו שרעקען זיינע שכנים. ער פלעגט זיך אָבשטעלען ביי דער טהיר, מאַכען גזלנ'ישע אויגען, אָנשטעלען די וואָנסען און זאָגען מיט אַ שרע־קענדיגען קול:

—וואַרט, ברוך! אַט וועל איך געהן צום „ראַבין" און וועל איהם דערצעהלען אַז איהר עסט „הזיר", וועט אייך זיין „קדחת"!...

און ער איז געווען זיכער, אַז ער האָט צום טויט דער־שראָקען די חברה.

אין זיין אייזענער קאָמפּאַניע פלעגט ער זיך אָברופען וואַ־רים וועגען דער חברה:

—אַ פרעהליכע חברה! ריידען, שרייען, זינגען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען אַנ'עמער אויסגעטרונקען. און באמת נעהמען זיי הויך טיי גאָרנישט אין כ 19 אפנים, אַז דער מילך זייערער איז שוין אַזאַ, אַז זיי ווערן פון בלויזען טיי שכּור...

## ב

זכן יוסף קראַנץ האָט זיך בעזעצט ביי קאָוואַדלען אין הדר'ל, איז שוין דאָרט געווען אַ שטענדיגער איינוואוינער. גע־הייסען האָט ער ברייגעס. אַ יונגערמאַן פון אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, זעהר אַ מאָגערער, מיט אַ בלאָנדען ציגען בערדעל און שוואַכע קורצזיכטיגע אויגען, געגאַנגען איז ער שטענדיג איינגעבויגען, האָט וועניג גערעדט, נאָר אַנ'אַנדערש מאָל פלעגט זיך אויף זיין פנים בעווייזען אַ שוואַכער, קרענקליך מידער שמייכעל. לויט זיין כאַראַקטער האָט ער וועניג געפּאַסט פאַר דער לייכטזיניגער, פרעהליכער חברה, נאָר ער האָט זיך בע־מיהט צרויטווייזען, אַז ער אינטערעסירט זיך מיט אַלץ, מיט

וואָס די קאָמפּאַניע אינטערעסירט זיך, און פלעגט נעהמען אַנ׳אָנטייל אין די וכּוחים און שטיפעררייען. נאָר זיין שמייכעל, ביים טרויעריגען אויסדרוק פון די אויגען, איז שטענדיג אַרויסגעקומען אַ בלאַסער, בלוט־אָרימער, און דאָס געמאַכטע געלעכטער פלעגט אָפט איבערגעריסען ווערען דורך אַ שטאַרקען הוסט. ערנסט האָט זיך בריינעס אינטערעסירט נאָר מיט זיינע לערנביכער. ער האָט זיך געגרייט אויף עקסטערן און איז געווען אינגאַנצען אַריינגעטהון אין די למודים. ער האָט זיך שוין צוויי מאָל עקזאַמענירט, און איז ביידע מאָל דורכגעפאַלען. פון דעמאָלט אָן האָט ער פערלוירען דעם גלויבען אין זיך און אַלץ געזוכט אַ „גוטע גימנאַזיע". מען מוז נאָך צוגעבען, אַז לויט זיין נאַטור איז ער געווען אַ ווייכער מענש און אַנ׳איבערגעגעבענער חבר.

ווען קראַנץ האָט זיך בעזעצט אין חדר, האָט בריינעס שנעל איבערגעגעבען איהם די ראָליע פון בעל־הבית. צוזאַמען דערמיט איז אין קראַנץ׳ס רשות אַריבער דאָס אייזערנע בעטעל אָהן אַ מאַטראַץ, מיט אַ ווייך קישעלע פון אַ שטוהל אָנשטאָט אַ קישען. יוי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, האָט בריינעס פריהער אויך זיך נישט בענוצט מיט׳ן בעט און איז געשלאָפען אויף דער לעזשאַנקע, צונויפגעדרעהט אין דרייען.

דאָס וואָס בריינעס האָט אַזוי שנעל איבערגעגעבען אין קראַנץ׳ס רשות דעם חדר, איז פאָרגעקומען איבערהויפּט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך בעצויגען צו איהם מיט גרויס כבוד. קראַנץ איז געווען מיט דריי יאָהר יונגער פאַר בריינעס׳ן, נאָר ער האָט געהאַט אַ „העלדישע פערגאַנגענהייט". זיין פאָטער איז געווען אַ בעוואוסטער רב און ער האָט זיך ערצויגען אויף אַ שטרענג־אָרטאָדאָקסאַלען שטייגער. נאָר צו פופצעהן יאָהר איז ער שוין געווען אַ פייערדיגער אפיקורס. איינמאָל זענענדיג פערכאַפּט דורך אַ שטורעמדיגער השכלה־התלהבות האָט ער אין שוהל אין דער געגענוואַרט פון פאָטער און אַנדערע פרומע יודען גערעדט אין אַ זעהר נישט פאַסיגען טאָן וועגען משה רבינו. עס איז געוואָרען אַ שרעקליכער סקאַנדאַל. דער פאָטער

איז געפּאַלען חלשות. מען האָט זיך אַ ווערף געטהון שלאָגען דעם אפיקורס, וועלכער האָט זיך קוים אַ לעבעדיגער אַרויסגע־ריסען פון שוהל און זיך שוין מעהר נישט אומגעקעהרט אַהיים. אין צוויי וואָכען אַרום, ווען מען האָט געכאַפּט עטליכע ישיבה־בחורים ביי אפיקורסישע ביכער און אַרויסגעטריבען זיי פון דער ישיבה, האָט ער זיך אַריינגעריסען אין דער ישיבה און געגעבען אַ פּאַטש דעם ראש־ישיבה, אַנ׳אַלטען, זעהר חשוב׳ען יודען. מיט די עלטערן האָט ער איבערגעריסען יעדע בעציהונג, איז אָנגעקומען צו אַ רוסישען שלאָסער, האָט אָנגעטון אַ רויט העמד און אַזוי אומשפּאַצירט איבער די גאַסען צוזאַמען מיט קריסטליכע אַרבייטער. ער האָט אויסגעזוכט אַלערליי מיטלען, ווי אַזוי שטאַרקער מצער צו זיין די פאַרשטעהער פון אַלטען דור, און האָט געפיהלט אַ ליידענשאַפטליכע פאַנאַטישע שנאה צו אַלץ, וואָס האָט געטראָגען אויף זיך דעם צייכען פון רע־ליגיע, פון אָרטאָדאָקסיע. אינ׳ם אַלטען דור האָט ער געזעהן די סבה פונ׳ם גאַנצען בייז און פינסטערניש פון דער וועלט. קיין חדוש נישט, אַז אינגיכען האָט ער בעקומען אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט צווישען די משכילים נישט נאָר אין זיין שטאָדט, נאָר אויך אין דער סביבה.

## ג

אין אַ קורצער צייט אַרום איז צו די צוויי צוגעקומען אַ דריטער שכן. גערופען האָט מען איהם שעכטל. געקומען איז ער פון מאָהילעוו. דאָרט האָט ער געלערנט אין דער ישיבה און מען האָט איהם אַרויסגעוואָרפען פאַר אפּיקורסות. געווען איז עס אַ בחור׳ל פון אַ יאָהר זיבעצעהן. אַ קליינינקער, עקספּאַנסי־ווער, מיט קלוגע, לעבעדיגע אויגען און געקרייזעלטע האָר. ער האָט זיך נאָך נישט געגרייט צו קיין שום שול, האָט נישט געטראַכט וועגען דער צוקונפט און געשלונגען אָהן אַ צאָהל העברעאישע השכלה־ביכער. דערביי האָט יעדעס בוך אַרויסגע־

רופען ביי איהם די גרעסטע התפעלות. האָט פאַר איהם געעפענט גאַנצע וועלטען און טיפסטע תהומות. חוץ דעם האָט ער זיך שטענדיג געטראָגען מיט פאַנטאַסטישע פלענער, ווי גליקליך צו מאַכען די וועלט. דאָ האָט ער געפונען אַ זיכער מיטעל צו מאַכען אַלע יודען פאַר אפיקורסים. זאָל נאָר פּאָליציי בעפעהלען, אַז יעדען שבת פאַר קריאת התורה זאָלען משכילים אין אַלע שוהלען האַלטען דרשות—אַוועקגעהן פון שוהל פאַר קריאת־התורה און מוסף וועט פערשטעהט זיך, קיינער נישט—מען מוז אויסהערען דעם משכיל'ס דרשה, און ווי באַלד מען וועט זי נאָר אויסהערען, וועלען, פערשטעהט זיך, אַלע ווערען משכילים; אַנ'אַנדערש מאָל האָט ער געפונען אַ זיכער מיטעל אויסצוראָטען אָרימקייט פון דער וועלט. מען דאַרף נאָר בעזאָרגען די אָרימעלייט, ווי מען בעזאָרגט ישיבה־בחורים. אויב יעדער רייכער אָדער בעל־הבתישער יוד וועט אויסהאַלטען איין אָרימאַן אָדער עטליכע—וועלען קיין קבצים נישט בלייבען. איינמאָל האָט ער זיך אפילו אַרומגעטראָגען מיט'ן פּלאַן, אַז עס וואָלט געווען זעהר גוט, ווען מען וואָלט אַראָבגעגראָבען אַלע בערג און פערשיט אַלע טאָהלען,—וואָלט אומעטום זיין גלייך און שען. מיט זיינע פּראָיעקטען און טרוימערייען האָט שעכטל שטאַרק דערעסען זיינע חברים, נאָר בייז זיין אויף איהם האָבען זיי נישט געקאָנט—אַזוי נאַאיוו און האַרציג זענען געווען זיינע קינדערשע פּלענער. עס האָט אפילו געטראָפען, אַז קראַנק פלעגט זיך מיט אייניגע פון זיי פעראינטערעסירען און צוזאַמען מיט שעכטל'ען בעטראַכטען און אַרומריידען זיי. און בריינעס, קוקענדיג מיט איין אויג אין לערן-בוך, פלעגט, פון דרך ארץ וועגען, כדי נישט בעליידיגען די חברים, אונטערהאַלטען דאָס געשפּרעך מיט איינצעלנע באַמערקונגען. נאָר אויף זיינע ליפּען פלעגט שפּילען אַ שטיל שמייכעלע, אַנ'איראָניש און רחמנות'דיגס.

געלעבט האָבען קאָוואַדלעס שכנים, פערשטעהט זיך, אין אַ קאָמונע, ד. ה. זיי האָבען אַלע גלייך געהונגערט. קיין שטענדיגע מיטלען צום לעבען איז ביי קיינעם פון זיי נישט געווען פון צייט צו צייט פלעגט זיך טרעפען אַ גראָשעדיגע לעקציע

אַ צופעליגע אַרבייט. אַ פּאָר רובל אַ חודש פלעגט אַריינקומען פון דער קאַסע, וואָס די גימנאַזיסטען האָבען געגרינדעט. נאָר דאָס אַלץ האָט נישט געקלעקט. אַ לאַנגע צייט האָבען זיי זיך ערנעהרט בלויז מיט ברויט און טיי און עס זענען געווען צייטען, ווען דאָס איז אויך נישט געווען. געגאַנגען זענען זיי אַרומגעריסען, האַלב־באָרוועס, חדשים׳ווייז נישט געביטען די וועש. צו זייער אָרימקייט האָבען זיי זיך בעצויגען ווי אמת׳ע פילאָזאָפען. מיט אַ לוסטיגער גלייכגילטיגקייט, שטענדיג געוויצעלט זיך איבער׳ן אייגענעם הונגער, איבער די פינגער, וואָס האָבען אַרויסגעקוקט פון די צעריסענע שיך. מען האָט אפילו אַ ביסעל קאָקעטירט דערמיט, ווי מיט אַ סימן פון הויכער גייסטיגקייט.

סוף כל סוף אָבער האָט דער שטענדיגער הונגער געגעבען זיך פיהלען. אין די כאַראַקטערען פון די יונגעלייט איז פאָרגעקומען אַנ׳איבערברוך. אין די נשמה האָט זיך אָנגעקליבען אַ צערייצטקייט און פערביטערונג און די שטימונג איז געוואָרען אַלץ געדריקטער. געאַרבייט האָבען זיי ווייניג, גאַנצע טעג פלעגען אַרומגעהן אויף אַרומלויפען איבער׳ן שטאָדט זוכען עטליכע קאָפּיקעס אויף ברויט. אין צימער האָט מען זיך שטענדיג געוואַלגערט אויפ׳ן בעטעל און אויף דער לעזשאַנקע און מען פלעגט זיך דורכוואַרפען מיט טעמפּע דערעסענע וויצען און גלייכווערטלעך. אָבלעבען אויף אַ ווײלע פלעגט מען נאָר דאַן ווען עמיצער פון די רייכערע חברים האָט געבראַכט עטליכע גראָשען אָדער עסענוואַרג. מען פלעגט דאַן איינאָרדנען אַ מאָהלצייט „מיט טיי און פּאַפּיראָ סען״ און, פערשטעהט זיך, מיט וכוחים און געזאַנג, נאָר פיהרען וכוחים און זינגען פלעגט מען געוועהנליך ליגענדיג אויסגעצויגען. דאָס האָט זיך געווען כ׳נט פאַר מעהר אַריסטאָקראַטיש. זיי האָבען נעביך אַליין נישט פערשטאַנען, אַז דער אַריסטאָקראַטיזם נעהמט זיך דערפון, וואָס זיי האָבען שוין קיין כח נישט געהאַט צו האַלטען זיך אויף די פיס.

בעסער פאַר אַלעמען האָט איבערגעטראָגען דאָס דוקות

בריינעס. ער איז פון קינדווייז אָן געוועהנט געווען צו הונגערן. זיין מוטער איז געווען אַ קעכין, די שוועסטער האָט געאַרבייט אין אַ הוט־וואַרשטאַט און ער האָט מעהר געזאָרגט וועגען זיי, ווי וועגען זיך.

ביי דער גאַנצער לייכטזיניגקייט פון קראַנצ׳ס כאַראַקטער, האָט ער אַלץ מעהר געפיהלט די לאַסט פון הונגעריגען לעבען, וואָס האָט זיך געצויגען אָהן אַ תכלית שו־ן עטליכע יאָהר.

דער דריטער חבר, שׂכל׳טל האָט, ווייזט אויס, אויך אָנ־געהויבען מיד ווערען. זענענדיג אין מאָהילעוו אין דער ישיבה, פלעגט ער בעקומען פון די עלטערן אונטערשטיצונג עטליכע רובל אַ חודש. דערביי האָט ער „געגעסען טעג". זינט ער איז געקומען קיין וו. האָבען די עלטערן אויפגעהערט איהם שיקען געלד. צו זיי האָבען דערגרייכט קלאַנגען אפילו נישט גאָר קלאָרע, וועגען די פּאַסירונגען אין מאָהילעווער ישיבה, האָבען זיי גענומען פאָדערן, דער זוהן זאָל קומען אַהיים,–שעכטל האָט געשריבען די עלטערן, אַז ער איז אין וו. אָנגעקומען אין דער ישיבה. ער האָט געהאָפּט, אַז איהם וועט זיך איינגעבען בערוהיגען זיי און ווייטער בעקומען שטיצע, נאָר דערווייל האָט ער געהונגערט. פאַר די פינף–זעקס חדשים, וואָס ער האָט געוואוינט אין קאָוואַדלעס חדר׳ל האָט ער זיך שטאַרק אומגע־ביטען, איז געוואָרען אָבגעצעהרט און האָט פערלוירען די פריהערדיגע לעבהאַפטיגקייט. אַנ׳אַנדערש מאָל, ליגענדיג אויס־געצויגען אויפ׳ן בעטעל, פלעגט ער זינגען דעם פּסוק פון חומש מיט אַ טרויעריג־וויינענדיגען מאָטיוו:

–„אַי, ווער וועט אונז מאַכען עסען פלייש, אָי, אָי, אָי, מיר דערמאָהנען די פיש וואָס מיר האָבען געגעסען אין מצרים אומזיסט, און די פלוצערן און די קירבעסען און דעם רעטעך און די ציבעלעס און דעם קנאָבעל, און איצט איז אונזער נשמה פערשמאַכט, מיר האָבען גאָרנישט"... (במדבר יא, ד–ו).

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָבען זיינע פּלענער און ס־ווימערייען אָנגענומען אַ נייע ווענדונג. אָנשטאָט די ברייטע פּראָ־עקטען פון רעליגיעזע און סאָציאַלע רעפאָרמען, אפילו

געאָלאָגישע אומענדערונגען, זענען אַרויסגעטרעטען גאַנץ קליי־נינקע בעגעהרען און טרוימען וועגען געפינען אַ טייסטער מיט געלד, וועגען בעקומען אַ פוד זילבער. דער לעצטער פּלאַן איז געווען גאָר אַנ׳איינפאַכער און אַ גרינגער. מען דאַרף נעהמען צעהנטויזענד זילבערנע 20־קאָפּיקענע מטבעות און אַראָבפּיילען פון יעדערער אַ ביסעלע זילבער. ליידער אָבער, האָט ער נישט געוואוסט, וואו מען נעהמט די צעהן טויזענד צוואַנציג־קאָפּיקענע מטבעות.

ד

איינמאָל, שפּעט ביינאַכט, ווען אַלע זענען שוין גע־שלאָפען, האָט שעכטל גענומען וועקען קראַנצ׳ן:

— שטעה־אויף! איך האָב גאָר אַ נייעם פּלאַן!—האָט ער אויסגעשריען אויפגערעגט.

קראַנץ האָט זיך אויפגעכאַפּט און, געוואויר ווערענדיג וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך, איז ער שטאַרק אין כּעס געוואָרען:

—געה צו אַלדי שוואַרץ יאָהר! לאָז מיך צו רוה מיט דיינע פּלענער! איך וויל שלאָפען.

—ועסט צייט האָבען אויסצושלאָפען זיך! הער נאָר אויס, אויף ייאָס פּאַר אַ המצאה איך בין געפאַלען. וועסט אויפשפּרינגען פון אָרט, אַז דו וועסט דערהערען. איך זאָג דיר, אַ גאָלדענער פּלאַן! אויב ער וועט זיך נאָר איינגעבען, זענען מיר אַלע געראַטעוועט.

נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס קראַנצ׳ן זענען שוין גוט בעקאַנט געווען שעכטל׳ס אויפטכעצען, האָט ער זיך פונדעסטוועגען פעראינטערעסירט מיט זיינע ווערטער. ווער ווייסט וואָס פּאַר אַ המצאה איהם איז איינגעפאַלען! אפשר טאַקי אַזאַ׳ פון וועלכער מען קאָן געראַטעוועט ווערען. נאָר גלייך אונטער־געבען זיך האָט ער נישט געוואָלט און אָבגעענטפערט שטרענג־

—געה אַוועק מיט גוטען! אַנישט וועל איך דיר אָנברעכע:

די ביינער, אז דו וועסט פערגעסען אלע דיינע פלענער.

—אדרבה! זעהר גוט,—האט זיך שעכטל דערפרעהט.—ברעך מיר די ביינער! וויפיל דו ווילסט, ברעך! נאר פריהער הער אויס. וואס איך וועל זאגען. אז דו וועסט מיך אויסהערען, וועסטו נישט ברעכען מיר די ביינער, וועסט זיך אפילו א וואך טהון קושען מיך.

דערמאהנענדיג זיך, אז אין חדר איז דא נאך א לעבע־דיג נפש, וואס איז פעהיג אויסצוהערען פלענער, ד. ה. ברייַנעס (וועגען איהם פלעגט מען אפט פערגעסען), האט קראנץ אנגעוויזען אויף דער לעזשאנקע:

—דערצעהל איהם דיינע פלענער. לאז ער זיך ווארפען קושען דיך און מיך לאז צו־רוה.

שעכטל איז איינגעגאנגען אויך אויף דעם.

—גוט! איך וועל איהם דערצעהלען, נאר דו וועסט אויך מוזען הערען.

און, ווענדענדיג זיך צו ברייַנעס'ן, האט ער געפרעגט:

—ווילסט הערען מיין פלאן?

ברייַנעס, וועלכער איז געלעגען אויף דער לעזשאנקע, איבערגעדעקט איבער'ן קאפ מיט'ן פאלטא, האט, ווי א טשערע־פאכע, ארויסגערוקט דעם קאפ, נאכדעם דעם לאנגען בלויזען האלז און געענטפערט געהארזאם:

—פארוואס נישט? אויב עס איז אזא גאלדענער פלאן ווי דו זאגסט, פארוואס נישט הערען?

—נו, זעהסט? וועכט דאך שוין אלץ איינס נישט שלאפען, טא בעסער זעץ זיך און הער,—האט געפאדערט שעכטל.

—נו, גוט!—האט זיך אונטערגעגעבען קראנץ און געזעצט זיך,—רייד! אבער אהן איבריגע ווערטער, צו דער זאך.

—די זאך איז גאר פראסט,—האט שעכטל אנגעהויבען מיט א גרויסער זיכערקייט—דו דארפסט פאהרען קיין באבילצעווע, אנטהון א מאסקע און אנהויבען צו ארבייטען.

—וואוהין פאהרען? אין וואס פאר א באבילצעווע? וואס פלוידערסטו?—האט זיך קראנץ צעבייזערט און געוואלט צוריק

אַ וואַרף טהון זיך [illegible] זיך בי.לעגער!

—וואַרט!—האָט איהם שעכטל שנעל איבערגעשטעלט—ווער איז דיר שולדיג, אַז דו ווייכסט גאָרנישט און האָסט אַ קעצעשען מוח? איך האָב דיר צוואַנציג מאָל דערצעהלט וועגען באַבילצעווע. דאָס איז דאָס שטעדטיל, פון וואַנען איך בין. אַ גרויס יודיש שטעדטעל, אַ כרך! ווער ווייסט עס נישט באַבילצעווע. דאָרט איז אפילו געווען אַ בעוואוסטער גוטער יוד „דער באַבילצעווער", און כאָהרען דאַרפסטו זהין, כדי צו ווערען אַ לעהרער...

—וואַרט, וואַרט!—האָט ער גפאַיילט אויסגעשריען, זעהענדיג, אַז קראַנץ וויל איהם איבערשלאָגען—איך זאָג דיר, דו וועכסט דאָרט האָבען זהן אַ צאָהל לעקציעס, און די רייכסטע. אויף פופצעהן, אויף צוואַנציג רובל אַ חודש. אַ-שר נאָך מעהר! דאָס גאַנצע שטעדטיל וועט זיך לערנען... איך פערשטעה נישט, ווי אַזוי בין איך דאָס פריהער אויף דעם נישט געפאַלען.

—דאָס איז דיין גאַנצער פלאַן?—האָט קראַנץ געפרעגט ענטטוישט.

—לאָז מיך ריידען!—האָט שוין אויסגעשריען מיט תקיפות שעכטל.—אַ מאָדנער מענש, לאָזט נישט ענדיגען! ווייסטו וואָס מען קאָן דאָרט מאַכען, ווען מען זאָל זיך ווי דער סדר איז נעהמען? מען קאָן דאָרט אַראָבנעהמען פון וועג אַלע בהורים פון שטעדטיל, אָבער טאַקי אַלע! מען קאָן בעלויכטען דאָס גאַנצע שטעדטיל מיט די גאָלדענע שטראַהלען פון דער ליכטיגער השכלה-זון!—האָט ער געענדיגט מיט פאַטאָס.

דער פלאַן האָט אָנגעהויבען אינטערעסירען קראַנצ'ן און ער האָט שוין ערנסט צרויסגעזאָגט:

—וועגען דעם דאַרף מען זיך מיישב זיין.

די בעמערקונג האָט געמאַכט אַנ'איינדרוק אויף ברייגעס'ן. ער איז לאַנגזאַם אַראָבגעקראָכען פון דער לעזשאַנקע, צוגעגאַנגען צום בעט און געזעצט זיך אויפ'ן ברעג.

—יאָ, דאָס איז אַנ'אינטערעסאַנטער פלאַן,—האָט ער שטיל מסכים געווען.

— זעהט איהר, אז איך בין׳ געדעכט געווען האט טריאומ־פירט שעכטל-נאר איהר האט מיך נאך נישט אויסגעהערט ביז׳ן סוף. הערט ווייטער! אויב דו וועסט פאהרען און אנטהון א מאסקע, אבער טאקע א מאסקע, וואס א מאסקע הייסט, וועט דיר גרינג זיין איינריידען מיין טאטע-מאמע, אז איך בין דא אין דער ישיבה, בין פרום ווי א שטעקען, און זיץ טאג און נאכט על התורה ועל העבודה און אין א יאהר ארום וועל איך האבען סמיכה אויף הוראה. דעמאלט וועלען זיי ווייטער אנהויבען שיקען מיר געלד. פערשטעהסט?

— א טייערער פלאן, אויף מיין ווארט! — האט זיך ארויס־געריסען ביי קראנצ׳ן.

— א טייערער פלאן! — האט נאכגעזאגט בריינעס.

— צי וועסטו אבער קאנען אויספיהרען איהם, ווי נויטיג איז, — האט ארויסגעזאגט שעכטל. — דערויף דארף מען זיין א גאון!

— זארג נישט! אויב איך וועל זיך נאר נעהמען, וועל איך אויספיהרען. אויף אזעלכע זאכען בין איך א מזיק! — האט מיט זיכערקייט געענטפערט קראנץ.

— מיין מאמען פיהרען אין חדר וועט דיר אויך נישט גרינג אנקומען. זי איז א לאנד-חכמה. פון ערשטען בליק וועט זיך דיר דוכטען, אז זי איז א שטילינקע, קאן קיין צוויי נישט צעהלען. נאר זי האט א שארף אויג. דו וועסט זיך דארפען היטען פאר איהר ווי פאר פייער!

— נישקשה, איך וועל זיך מיט דיין מאמען אויך אן־עצה געבען!

די חברים האבען נאך א היבשע צייט בעסראכט דעם ענין, נאר די ענדגילטיגע בעשטימונג האט מען אבגעלעגט אויף מארגען.

## ה

נישט גרינג איז אָנגעקומען קראַנצ׳ן פּועל׳ן ביי זיך אָבּ־צופאָהרען פון ווו. עס האָט זיך איהם שטאַרק נישט געוואָלט פערלאָזען דאָס איינגעזעסענע אָרט, און די חברים. איהם האָט געשראָקען דאָס לעבען אין אַ פערוואָרפענעם ווינקעל וואו עס הערשט אונבּעגרענעצט דער געלטער דור. און נאָך מעהר האָט איהם געשראָקען דאָס, וואָס ווערענדיג אַ לעהרער, וועט ער דאַרפען סיסטעמאַטיש און פעראַנטוואָרטליך אַרבּייטען. נאָר פון דער אַנדער זייט האָט איהם שטאַרק געצויגען די אַרטיסטישע, קאָנספּיראַטיווע זייט פון דער קומענדיגער טעטיגקייט. אָנטהון אַ פרומע מאַסקע, פערקריכען זיך אומבּעמערקט אין דער מחנה פון שונא, אָבּנאַרען און שטילערהייד חוזק מאַכען פון די בּלו־טיגסטע שונאים און הינטער זייער רוקען זייהען מיט פולע הויפענס די קערנער פון השכלה. דערצו, פערשטעהט זיך, האָט ער נישט פערגעסען, אַז דאָרט שטעהט פאָר אַ זאַט לעבּען. חוץ דעם האָט זיך געוואָלט אַ טובה טהון שעכטל׳ען. און ביי קראַנצ׳ן איז געבּליבּען: פאָהרען קיין בּאַבּילצעווע.

אויסריכטען איהם אין וועג האָט זיך גענומען די גאַנצע חברה. די הויפּט־שוועריגקייט איז בּעשטאַנען אין בּעקומען געלד אויפ׳ן וועג. ווייל בּאַבּילצעווע איז געווען גאַנץ ווייט און פאָה־רען צהין האָט געדאַרפט דויערן מעהר ווי אַ מעת־לעת. צום גליק האָט זיך געפונען אַ חבר, נאָר־וואָס אַ געקומענער פון דער היים, מיט אַ נייען פּאַלטאָ. ווערלכען מען האָט דעם זעל־בּען טאָג פערקויפט. נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבּען די בּעקליי־דונג. ווי אַנ׳אַרטיסט, וואָס גרייט זיך צורוסטרעטען אויף דער בּיהנע, האָט קראַנץ בּעטראַכט יעדע קלייניגקייט פון זיין טואַ־לעט. דער ראָק—אַ לאַנגער, נאָר נישט איבּריגנס, אויפ׳ן האַלז אַ טיכעל, נישט אַנדערש אַ שוואַרצס; דאָס היטעל נישט קיין סאַמעטענס, נישט קיין אַטלאַסענס, נאָר אַ געוואַנטענעס; די הוי־זען אַרויסגעלאָזט איבּער די שטיוועל. עס פערשטעהט זיך, אַז

מען האָט אויך נישט פערגעסען צו בעקומען אַ פּאָר תּפילין און אַ סדור.

אין דער זעלבער צייט האָט שׂכל בעקאַנט געמאַכט קראַנצ'ן מיט'ן שטעדטיל, האָט כאַראַקטעריזירט די אָנגעזעהענע בעלי-ה[illegible]ם און איבערהויפּט די, וואָס זענען געפעהרליך פאַר איהם, [illegible] אָנגעוויזען ווי אזוי זיך צו בעגעהן מיט יעדערן און אָנגע[illegible]רקט ביי וועמען ער קאָן האָבען לעקציעס. נאָר אינטערעסאַנ[illegible]ר פון אַלץ איז געווען, וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען דעם געהיימען קרייזעל משׂכּילים, וואָס האָט שוין עקזיסטירט אין שטעדטיל. דאָס איז געווען אַ גוט אָרגאַניזירט און שטרענג קאָנספּיראַטיוו קרייזעל פון אַכט—צעהן יונגעלייט, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען דורך דעם שוחט'ס זוהן, חיים-וואָלף, שוין אַ בעווייבטער יונגערמאַן. חיים-וואָלף האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די פרומסטע יונגעלייט, שׂכל האָט גערעדט וועגען איהם מיט ענטציקונג און אַלץ איבערגע'חזר'ט: „אַט ער מאַסקירט זיך, מאַסקירט ער זיך טאַקע". ער האָט צעהן מאָל בעשוואוירען קראַנצ'ן—האַלטען בסוד דעם נאָמען פון חיים-וואָלפ'ן. דאָס קרייזעל האָט געהאַט אַנ'אפּיקורסישע ביבליאָטעק. נאָר קיינער חוץ חיים-וואָלפ'ן, האָט נישט געוואוסט, וואו זי געפינט זיך. אַ נייעם מיטגליד פלעגט מען צונעהמען מיט גרויסע שוועריגקייטען נאָך אַ גאַנצע רייה פּרובענישען. דאָס קרייזעל האָט געהאַט זיין „פּאַראָלע", דאָס קרייזעל אַרבייט לאַנגזאַם און סיסטעמאַטיש פיער—פינף יאָהר און אַ דאַנק דער שטאַרקער האַנד פון חיים-וואָלפ'ן איז ער גאַנץ און קיינעם פון די פרומע יודען פאַלט ניט איין, אַז אַזאַ מין קרייזעל עקזיסטירט. שׂכל האָט געגעבען קראַנצ'ן די „פּאַראָלע" און אָנגעוויזען, מיט וועמען ער זאָל אין זיינהויב אַריין אין בעציהונגען.

אויסגעאַרבייט האָט מען אויך אַ גענויען פּראָיעקט ווי אַזוי אָבצוגאַרען שׂכל'ס עלטערן. קראַנץ דאַרף צופעליג בעגעגענען זיך מיט זיי. צופעליג דאַרפען זיי זיך דערוויסען, אַז קראַנץ איז בעקאַנט מיט זייער זוהן און נאָכדעם דאַרף שוין

קראַנץ דערצעהלען הרים וגבעות וועגען זיין לערנען, וועגן זיין התמדה א. אַ. וו.

הערענדיג שעכטל׳ס רייד איז קראַנץ געווען שטאַרק פערוואונדערט פון זיין פראַקטישען חוש און פון זיין שאַרפען קענען מענשען. ווי אַזוי האַרמאָנירט דאָס מיט זיינע ווילדע פלענער און פאַנטאַזיעס? אַז קראַנץ האָט דאָס אַרויסגעזאָגט שעכטל׳ען, האָט יענער זיך צעלאַכט און געענטפערט:

—פרא אדם! מען דאַרף דאָך נישט צונויפמישען צוויי זאכען. ווען מען פליהט אין הימעל, פליהט מען אין הימעל, און ווען מען געהט אויף דער ערד, געהט מען אויף דער ערד. „השמים, שמים לה׳, והארץ נתן לבני אדם“.

## ו

קראַנצ׳ס נסיעה קיין באַבילצעווע האָט געדויערט פינף טעג, געפאָהרען איז ער, פערשטעהט זיך, אָהן אַ בילעט. וואו מען האָט נישט געקאָנט איז מיט אַ משא-צוג. עטליכע סטאַציעס געגאַנגען צו-פיס. דעם לעצטען האַלבען מעת-לעת איז אויסגעקומען צו פאָהרען מיט אַ פוהר. אין בויד האָט ער זיך בעקאָנט מיט אַ באַבילצעווער יונגענמאַן, אַ קרעמער, וועלכער האָט איהם גענומען פונאַנדערפרעגען וועגען וואָס ער פאָהרט קיין באַבילצעווע און גלייך אונטערגעזאָגט אַן׳ענטפער:

—נאָך וואָס איהר פאָהרט קיין באַבילצעווע?—האָט ער אָנגעהויבען און שנעל צוגעגעבען:—איהר ווילט, וועל איך אייך זאָגען, נאָך וואָס איהר פאָהרט. איך האָב דערקענט נאָך אייער נאָז נאָך! איהר פאָהרט בעטען אַ שטעל ביי רעבעלמאַנען.

פון שעכטל׳ען האָט קראַנץ געוואוסט, אַז אין באַבילצעווע איז דאָ אַ גביר רעבעלמאַן, וועלכער האָט אַ זעג-מיהל. קראַנץ האָט גלייך בעשטימט אויסנוצען די המצאה פון זיין מיטפאָהרער און אַרויסשטעלען אַלס ציל פון זיין פאָהרען קיין באַבילצעווע—בעקומען אַ שטעל ביי רעבעלמאַנען. קיין שטעל וועט

ער, פערשטעהט זיך, נישט בעקומען און וועט שוין על פי גויס, נישט וועלענדיג, מוזען זיך נעהמען פאר לעהרעריי.

—עס קאן זיין, אז איהר האט געטראפען און עס קאן זיין, אז נישט,—האט קראנץ אומישנע אונבעשטימט געענטפערט און גלייך צוגעגעבען:—מען זאגט, אז עס איז זעהר שווער, אנקומען צו איהם אויף א שטעל.

—נישט נאר שווער, נאר פשוט אונמעגליך. איהר פאהרט לחלוטין אומזיסט!

—וואס רעדט איהר!—האט זיך קראנץ דערשראקען.—וואס זשע וועל איך טהון?

—וואס וועט איר טהון? איהר וועט גארנישט טהון. איהר וועט פאהרען צוריק.

—אבער איך קאן צוריק נישט פאהרען, איך קאן נישט,—האט זיך קראנץ צעהיצט.--איך מוז געפינען א וואסערע שטעל אדער בעשעפטיגונג, איהר פערשטעהט—איך מוז!

—קיין טאטער וועט אייך נישט העלפען,—האט יענער מיט א קאנטעטער רוהיגקייט געשאטען איהם זאלץ אויף די וואונדען.-- אט, אז איהר וואלט האבען א רעכטע מטבע, א פאר הינדערט רובל, וואלט איך אייך גלייך געבען א געשעפט, א גאלדען געשעפט. מען קאן קויפען ביי א פריץ האבער בזול-הזול, חצי חנם!

—ווען איך וואלט האבען געלד וואלט איך ביי אייך קיין עצה נישט פרעגען,--האט איהם איבערגעשלאגען קראנץ.—אט ווייזט א קונץ, גיט אנ׳עצה, וואס מען טהוט אהן געלד.

—אהן געלד איז שלעכט,-האט ער געענטפערט איבערציינט,--אפשר קענט איהר מגלען קוואס? לימאנאד?—האט ער זיך דערמאהנט.

—ניין, איך קען נישט.

—טינט?

—אויך נישט. שרייבען מיט טינט קען איך און אפילו גוט

—פראשעניעס שרייבען קענט איהר?

—ניין...

—הע! סאָ אויף וואָס טויגט איהר?

נאָר ער האָט באַלד צוגעגעבען:

—אַ האַנטשריפט איז ביי אייך לכל הפחות אַ שיינער?

—אַ וואונדערליכער, געטאָקטע אותיות!

—קאָנט איהר דאָך ווערען אַ לעהרער.

קראַנץ האָט געוואַרט אויף דעם פאָרשלאָג, האָט אַ ווײַלע געטראַכט און געענטפערט ווי נישט ווילענדיג:

—אַ ביטער ברויט...

—און וואו וואַלגערט זיך זיס ברויט?

—נישט קיין שענער ברויט...

—און וואו וואַלגערט זיך שענער?

—און ביי אייך קאָן מען בעק מען רעכטע לעקציעס?

—פשש! וויפיל איהר ווילט. די לעהרער, וואָס זענען געווען ביי אונז, האָבען געשאַרט גאָלד!

—וואו-זשע האָבען זיי זיך אַהינגעטהין?

—דער שוואַרץ יאָהר ווייסט זיי! איינער האָט פערפיהרט אַ בעל-הבתישע טאָכטער און איז אַנטלאָפען. דער אַנדערער איז געווען אַן אפיקורס, האָט געראויכערט אום שבת, האָט גערעדט על ה׳ ועל משיחו,—האָט מען איהם משלח געווען. נאָך איינער האָט פראָסט חתונה געהאַט און אַוועקגעוואָרפען די לעהרעריי...

—ניין! פאַר מיר איז דאָס נישט קיין עסק!—האָט קראַנץ זיך אָבגערופ.ן,—עס וואָלט זיין אַ בזיון פאַר מיין משפחה, איך זאָל זיך אַראָבלאָזען אויף אַזאַ מאוס ברויט.

—זאָרג נישט!—האָט דער יונגערמאַן איהם געטרייסט, ווי באַלד איהר זענט אַ מענש מיט אַ פען און פון אַ פיינער משפחה, וועט זיך אין באַבילצעווע געפונען פאַר אייך אַ שידוך מיט עטליכע הונדערט רובל נדן. ביי היינטיגע צייטען איז דאָס דער רעיעלסטער עסק!

ז

קראַנץ האָט אָנגעהויבען פונאַנדערפרעגען בײַ װעמען ער קאָן בעקומען אַ צימערל.

דער יונגערמאַן האָט אָנגערופען ביז צעהן אונבעקאַנטע געמען.

—איהר קאָנט נאָך אַ פרעג טהון בײַ קרײנע אפרים׳ס, בײַ איהר איז אויך דאָ אַ חדר׳ל.—קרײנע אפרים׳ס איז געװען שעבסל׳ס מוטער. צוליב מעהר זיכערקײט האָט קראַנץ געפרעגט:

—מיט װאָס בעשעפטיגט זיך דער אפרים?

—אַ מלמד.

—װאָס פאַר אַ מענש?

—װאָס פאַר אַ מענש? אַ מענש! נישט קײן גרויסער חכם איז נישט קײן קלײנער נאַר. נאָר אַן׳עהרליכער מאַן. דערפאַר איז דאָס װײב זײנס, קרײנע, אַ כוואַט, אַן׳אמת׳ער קאָזאַק! זי האַלט אַ קלײטעל און איז די גאַנצע עקרת-הבית.

—הײסט דאָס, רעדט איהר מיר אײַן בײַ איהר נעהמען אַ חדר, איהר װעט מיר אפשר אָנװײזען, װאו זי װאוינט?

—דאָס װעט אײַך יעדעס יונגעל אָנװײזען. נאָר מיר װע-לען פערבײפאָהרען, װעט איהר דאָרט אַראָבקריכען.

די פוהר איז אַרײנגעפאָהרען אין שטעדטיל. דורכפאָהרענ-דיג עטליכע גאַסען, האָט זיך דער בעל-עגלה אָבגעשטעלט פאַר אַן׳אַלט שטיבעל.

—אָט דאָ װאוינט קרײנע אפרים׳ס,—האָט אָנגעװיזען קראַנצ׳ן זײן מיטפאָהרער.

קראַנץ איז אַרויסגעקראָכען פון בויד, בעצאָהלט דעם פוהרמאַן און גענומען דאָס פעקעל.

אין דער צײט איז פון שטוב אַרויס אַן׳עלטערע יודענע, אַ ברײטבײניגע, מיט אַן׳ענערגישען פנים, מיט רוהיגע, גרויסע קלוגע אויגען. זי איז אַרויס אָנקוקען, װער איז עס צוגעפאָהרען צום הויז.

—קריינע! אַ געקומענער יונגערמאַן דאַרף אַ חדר. איהר וועט אפשר פערדינגען?—האָט זיך געווענדט צו איהר דער מיט-פאָהרער.

קריינע האָט רוהיג בעקוקט קראַנצ׳ן פון קאָפּ ביז די פיס און נישט געאיילט געענטפערט.

—איך וועל זעהן...

און נאָכ׳ן מאָל בעקוקענדיג, האָט זי איהם אַריינגעבעטען אין שטוב.

אין אַ נידריגער, האַלב-פינסטערער דירה האָט געהערשט אַן׳ אָרימקייט און אַ גרויסע אומאָרדנונג. דערפאַר איז דאָס הויז גווען פול מיט כפרים. זיי זענען געלעגען אומעטום, אין שאַנק, אויפ׳ן קאָמאָד, אויף די טישען און אויף די פענסטער.

—זיצט. פון וואַנען זענט איהר?—האָט געפרעגט קריינע.

—פון ווו..

—פון ווו.?—האָט זי איבערגעפרעגט פערוואונדערט.—איהר זענט אַליין אַ דאָרטיגער?

— יאָ.

קריינע האָט אַ ווײלע געשוויגען, נישט צראָבלאָזענדיג איהר בליק פון גאַסט. ווייזט אויס, איהר האָט זיך געוואָלט גלייך אָנהויבען אַ געשפרעך וועגען איהר זוהן, נאָר זי האָט זיך אָבגעהאַלטען.

—נאָך יואָס זענט איהר אַהער געקומען? וועגען אַן׳עסק?

—יאָ... אַ שטעל... ביי רעבעלמאַנ׳ען אין זאַג-מיהל... אויב עס וועט זיך איינגעבען.

קריינע האָט געעפענט די טהיר אין צווייטען חדר.

—אָט, קוקט-אָן דעם חדר. דאָ האָט פריהער געוואוינט אַ גאַנץ געזונד.

דאָס חדר׳ל איז געווען זעהר אַ קליינס, כמעט אַ פינס-טערס. נאָר דער הויפּט-חסרון איז בעשטאַנען דערין, וואָס ער האָט זיך אָבגעטיילט פון דעם בעל-הבית׳ס דירה מיט אַ דינעם וועכדטעל, וואָס האָט נישט דערגרייכט צום באַלקען. פינדעס-טוועגען האָט קראַנץ בעשלאָסען איהם דינגען, כדי צו האָבּ...

אַ צוזאַמענגעבונד ביכער פון מעלכה׳ס עלטערן. שפּעטער, ווען ער וועט איינאָרדנען דעם חבר׳ס ענין, וועט ער קענען אַריבער אויף אַן׳אַנדער קוואַרטיר. ער האָט זיך בעדונגען זעקס רובל אַ חודש פאַר׳ן חדר מיט קעסט. קראַנץ׳ן האָט אַ ביסעל געוואונדערט, וואָס פערדינגענריג דעם חדר, האָט קריינע אפילו נישט דער-מאָהנט וועגען מאַן. אפנים, אַז ער האָט ביי איהר קיין שום דעה נישט געהאַט אין שטוב-זאַכען.

—איהר ווילט מסתמא עסען,—האָט קריינע פאָרגעלעגט.— מיר האָבען שוין אָבגעגעסען וואַרמעס. איך וועל אייך עפּיס צוגרייטען.

זי האָט דערלאַנגט ברויט, פּוטער, אַ פּאָר אייער און זויער-מילך. ווען קראַנץ האָט זיך געוואַשען עסען, האָט זי זיך צוגעזעצט צום טיש אַנטקעגען איהם. אַ היבשע ווילע האָט זי געשוויגען.

—זאָגט מיר, אין וו. איז אַ גרויסע ישיבה?—האָט זי אַ פרעג געטהון.

—ווי הייסט! איינע פון די גרעסטע ישיבות אין ליטאָ— האָט קראַנץ געענטפערט, נישט אָברייסענדיג זיך פון די זויער-מילך.

—אַ סך בחורים?

—איך רעכען, ביי אַ הונדערט... אפשר מעהר.

זי האָט אַ ווײַלע ווייטער געשוויגען, נאָכדעם אַרויסגע-רעדט שטיל, ווי צופעליג:

—איך האָב דאָרט אַ זוהן אין דער ישיבה.

—אין וו.?- האָט זיך קראַנץ פערוואונדערט.

—וואָס וואונדערט איהר זיך?

—ווייט זעהר פון דאַנען. עס זענען דאָך דאָ נעהנטערע ישיבות.

קריינע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַרויסגערעדט מיט אַ געדריקטען קול:

—אַזוי האָט זיך געמאַכט... אָט זענט איהר דאָך געקומען

פון וו. זאַהער, לאָמש עס איז ווייס,—האָט זי צוגעגעבען מיט אַ שוואַכען שמייכעל.

—איהר קענט דאָרט ווען פון די ישיבה-בחורים?—האָט זי ווייטער געפרעגט.

—אין פנים קען איך כמעט אַלעמען. מיט פיל פון זיי בין איך בעקאַנט. איך האָב אַליין אויך געהערט דעם שיעור אין דער ישיבה.

—מיין זוהן איז ערשט נישט לאַנג אין וו., ביי אַ האַלב יאָהר.

—ווי רופט מען איהם?

—הלל... מסתמא רופט מען איהם נאָכ'ן שטעדטיל נייד: „דער באַבּילצעווער“.

—הלל?... דער באַבּילצעווער?... האָט קראַנץ זיך געגומען דערמאָהנען און לסוף אַרויסגערעדט בעשטימט און זיכער:

—ניין! אַזאַ איז ביי אונז אין דער ישיבה נישטאָ!

קראַנץ האָט גלייך בעמערקט, אַז קריינע איז בלייך געוואָרען און אויף איהר געזיכט האָט זיך בעוויזען דער אויסדרוק פון אומרוה. זי האָט זיך דערשראָקען, דערפיהלענדיג, אַז אָט ווייזט זיך ארויס דער ביטערער אמת, אַז איהר זוהן איז נישט אין דער ישיבה. קוקענדיג אויף קריינע'ן, האָט קראַנץ איבערגעלעבט דאָס געפיהל פון אַן אַרטיסט, ווען ער זעהט, אַז זיין שפּיל פערכאַפּט די צוהערער.

—איהר האָט איהם אפשר פּראָסט נישט בעמערקט...—האָט זי אָנגעהויבען זוכען אַ בערוהיגונג.—ער איז נישט קיין הויכער, אַ שוואַרץ-הנ'עוודיגער, אַנ'איידעלער...

—נישט קיין הויכער?... אַ שוואַרץ-הנ'עוודיגער?...—האָט קראַנץ איבערגע'חזר'ט, ווי דערמאָהנענדיג זיך.—ווער קאָן דאָס זיין?... דער יאַנעוויצער... דער ליאָזנער... דער מאָהילעווער...

—אפשר רופט מען מיינעם „דער מאָהילעווער“,—האָט זיך אָנגעכאַפּט קריינע,—ער איז פריהער געווען אין דער ישיבה אין מאָהילעוו.

—ביי איהם זענען געקרייזעלטע האָהר?

—יאָ, יאָ!

—אַז ער רעדט,—פּינטעלט ער אַנ׳אַנדערש מאָל גיך מיט די אויגען!

—נו! דאָס איז ער!—האָט קריינע בעשטימט און זיכער געענטפערט, אינגאַנצען בערוהיגט זיך און האָט זיך אפילו אויפגעהויבן פון אָרט.—הייסט עס, איז ער אין דער ישיבה און איהר קענט איהם?

—ווי דען! דער מאַהילעווער! איך קען איהם זעהר גוט. איך פלעג איהם כמעט יעדן טאָג זעהן אין שוהל... אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ היגער. איך וואָלט אייך ברענגען אַ בריף פון איהם.

—נו, און ווי לעבט ער דאָרט?...—ווי איז ער אין דער ישיבה?—האָט אָנגעהויבען נאָכפרעגען קריינע, נישט געפינענדיג קיין בעשטימטע ווערטער אויף איהרע פראַגען.

—ווי ער לעבט—ווייס איך נישט... עסט טעג, אויב ער האָט אַלע טעג... אָנגעטהון איז ער, דעם אמת זאָגענדיג, נישט גאָר ווי דער סדר איז... ווי געוועהנליך, ישיבה בחורים. און וואָס איז שייך לערנען—האָט קראַנץ צוגעגעבען מיט אַנ׳אמת׳ער זעלבסט-אָפּפערונג—איז מיר שווער וועגען דעם עפּיס צו זאָגען, ווייל ער האָט מיך שטאַרק איבערגעיאָגט... ער רעכענט זיך פאַר איינעם פון די בעסטע בחורים אין דער ישיבה... דער ראש-ישיבה שפּיגעלט זיך מיט איהם...

קראַנץ האָט, ווייזט אויס, גוט געשפּילט זיין ראָליע. ביי קריינע׳ן האָבען געפינקעלט די אויגען פון גליק. זי איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענסטער, האָט אַ רוף געטהון אַ מיידעלע, וואָס האָט זיך געשפּילט ביים אָנטקעגענדיגען הויז:

—חנ׳קע! לויף גיכער אין חדר און זאָג אפרים׳ען, ער זאָל קומען אַהיים אויף אַ ווײַלע. זאָג, מען האָט געבראַכט אַ גרוס פון הילקען.

## ח

עס איז געקימען אַנ׳אַלט יודעל. אַ דאַרער, מיט אַ קליין, גראָ בערדעל, מיט קיילעכדיגע אַרויסגעקייקעלטע אויגען, איינגעגעפאַלענע באַקען און אונטערגעשוירענע, פערשמירטע מיט שמעקטאַבאַק וואָנסען. דאָס פנים האָט געהאַט אַנ׳ערדישע פאַרב. די באָרד און די פאות זענען געווען צעפודעלט, פונאַנדערגעוואָרפען ווי זיי וואָלטען זיך קלויבען אַנטלויפען אין בעזונדערע זייטען. געווען איז אויף איהם אַ לאַנגער בגד ביז די פיאַטעס און אַ גרויסער פערשמאָלצענער טלית-קטן ביז די קניה. אויפ׳ן געזיכט איז געווען דער אויסדרוק פון מבולבל׳קייט. אפנים, ער איז נאָך אינגאַנצן געווען אַריינגעטהון אין דעם, מיט וואָס ער האָט זיך נאָר וואָס בעשעפטיגט אין חדר.

—אַ? אַ גרוס פון הלל׳ן?—האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ פאַרלאָרענעם קול און אַרומגעקוקט זיך. דערזעהן קראַנצ׳ן, האָט ער שנעל איהם דערלאַנגט די האַנד און אָבגעבראָקט:

—שלום-עליכם! פון וואַנען איז אַ יוד? וואָס מאַכט ער דאָרט הלל?...

—וואָס האָסטו זיך אַרויפגעוואָרפען אויף אַ מענשען, אַז דו ווייסט נאָך גאָרנישט.—האָט איהם קריינע אָבגעשטעלט פרוקען און מיט קוים איינגעהאַלטענעם פערדרוס.—זעץ זיך און רייד ווי אַ מענש...

דידאָזיגע בעמערקונג האָט געבראַכט אפרימ׳ען צו-זיך. ער האָט פערלעגט די פאָלעס פון בגד און געזעצט זיך צום טיש.

קריינע האָט איהם אין עטליכע ווערטער דערצעהלט ווער דער גאַסט איז, נאָך וואָס ער איז געקומען און וואָס ער האָט דערצעהלט וועגען זוהן. פערבייגעהענדיג, האָט זי דערמאָהנט, אַז זי האָט איהם פערדונגען דעם חדר.

אפרים, נישט אויסהערענדיג זי ביז׳ן סוף, האָט שנעל אַ פרעג געטהון:

—וואָס לערנט ער איצט? וועלכע מסכתא!

צו דער פראגע איז קראַנץ געווען צוגעפֿרייט זיין ער האָט, נישט טראַכטענדיג, אָנגערופען די ערשטע מסכתא וואָס איהם איז אַרויף אויפֿן זינען:

—ערובין.

—ווי הייסט „ערובין"?—האָט אויסגעשריען פערוואונדערט, כמעט דערשראָקען, אפרים—ער האָט דאָך מיר געשריבען, אַז ער לערנט „זרעים"!

—„זרעים" זאָגט דער ראש-ישיבה פאַר אַ כתה בעזונדער, פאַר עטליכע פון די בעסערע תלמידים. אייער זוהן רעכענט זיך דאָך ביי אונז אין ישיבה פאַר איינעם פון די בעסטע בחורים. ער האָט אַ טייערן קאָפּ...

—איהר דערצעהלט עס מיר?—האָט אויסגעשריען אפרים.—איך ווייס דאָס נישט, וואָס? אַז דער שגץ וואָלט זיך נישט פוילען, וואָלט ער שוין לאַנג האָבען סמיכה אויף הוראה.

—ער האָט זיך איצט, דוכט זיך, גענומען דערפאַר.

—אזוי? גענומען זיך?—האָט איבערגעפרעגט אפרים, איינ-עסענדיג זיך מיט די אויגען אין קראַנצ'ן.

און מיט אַמאָל האָט ער זיך שאַרף אַ קעהר געטהון צום ווייב און אויסגעשריען מיט פערביטערונג:

—און זי שלעפּט איהם אַהיים! שלעפּט איהם ווי מיט צוואַנגען! געווען אַ גזלנ'טע און געבליבען א גזלנ'טע!

צו קראַנצ'ס פערוואונדערונג האָט קריינע איהם נישט אָפּ-געשטעלט. זי האָט זיך אַ ביסעל צעמישט און איינגעהאַלטען בעענטפערט:

—דו ווייסט נישט, וואָס דו רעדסט...

און ווי זי וואָלט זיך אָנטהון אַ כח אַרויסזאָגען וועגען וואָס איהר איז שווער געווען צו ריידען, האָט זי מיט אַ גאַנץ אַנדער טאָן, אַנ'אינטימען אָנגעהויבען:

—איך וועל אייך דערצעהלען, וואָס די מעשה איז. איך האָב נישט געגלויבט, אַז מיין בחור איז אין ווּ. אין דער ישיבה.

קראַנץ האָט געמאַכט אַ פערוואונדערט פנים, נאָר געשוויגען.

—איהר פערשטעהט א געשילטעז—האט זיך אפרים צע-לאכט.—האט נישט געגלויבט! רעדט מיט א יודענע! א יורענע האט פאר אלץ מורא און גלויבט קיינעם נישט!

—לאז ריידען.—האט איהם דאס ווייב אבגעשטעלט.—דא, פערשטעהט איהר מיך, איז געיוען גאר א בעזונדערע מעשה... אין מאהילעוו אין דער ישיבה איז געווען א גאנצע... איך ווייס וואס? מען האט געכאפט ישיבה-בחורים מיט ביכער, ארויסגע-טריבען זיי פון דער ישיבה. און אקוראט אין דער צייט איז דאס יונגעל מיינס מיט אמאל אריבערגעפאהרען קיין וו.... נו, פערשטעהט זיך, איז מיר אריין אין זינען... דאך א מאמע...

—איהר האט דאך געקאנט אנשרייבען א בריף דעם ראש-ישיבה אין וו. און אנפרעגען איהם,—האט קראנק אנגעוויזען דאס ריכטיגסטע און דערפאר דאס געפעהרליכסטע מיטעל. אויף צוויי פיל איז ער געווען זיכער אין זיין זיג.

—באמת... עפיס נישט איינגעפאלען...

—אבער איצט האסטו שוין אויפגעהערט מורא האבען?—האט אפרים אנגעהויבען דרייסט, טרייסלענדיג מיט'ן בערדעל.

—אויפגעהערט מורא האבען. געה אין חדר!—האט איהם טרוקען געענטפערט קריינע.

—אבער עס איז נאך ווייניג, וואס דו האסט אויפגעהערט מורא האבען! דו דארפסט נאך עפיס טהון...—דו פערשטעהסט, וואס איך מיין.—איז ער צו'ן צוגעשטאנען צו איהר.

—איך פערשטעה, איך פערשטעה! געה!—האט זי שוין שטרענג אנגעשריען אויף איהם.

—ער איז שנעל אוועק אין חדר. נאך זיין אוועקגעהן האט קריינע געזאגט:

—שוין לאנג נישט געשיקט איהם קיין געלד... מארגען, אם ירצה השם, וועל איך איהם שיקען עטליכע רובל...

אין אוונד, ווען אפרים איז געקומען פון חדר, האט זיך פון דאס ניי אנגעהויבען דאס געשפרעך וועגען הלל'ן, וועגען דער ישיבה, וועגען וו.. ווען אלע פרטים זענען שוין געווען ארומגערעדט, האבען די בעלי-הבתים זיך פעראינטערעסירט מי

קראַנצ'ן אַליין. ער האָט גערן און אָפּענהערציג דערצעהלט זיי וועגען זיך. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער גביר. עס פערשטעהט זיך, אַז מען האָט איהם געלערנט אַלע זיבען חכמות. נאָר דער פאָטער איז מיט איין מאָל געוואָרען אַ יורד און איז גלצלונג געשטאָרבען. אויף דעם זוהנ'ס הענד זענען געבליבען די מוטער די אלמנה און צוויי דערוואַקסענע שוועסטער. מוז ער געפינען אַ וואָסער-עס-איז מיט'ל אויפצוהאַלטען זיי. האָט מען איהם אָנגעוויזען אויף רעבעלמאַנען. אַזאַ גביר, האָט אַזוי פיל געשעפטען, ווי ווערט זיך דאָס ביי איהם נישט געפינען קיין שטעל? איז קראַנק געקומען אַהער.

די ערצעהלונג האָט ערוועקט ביי אפרים און קריינע'ן אַ טיפען מיטגעפיהל צו קראַנצ'ן. זיי האָבען אפילו צוגעזאָגט דורך אַ בעקאַנטען זיך מהתדל זיין ביי רעבעלבאַנען, נאָר זיי האָבען בוגעגעבען, אַז זיי האָבען מורא, די טרחה זאָל נישט זיין אומזיסט. ביי רעבעלמאַנען זענען שוין דאָ צופיל מענשען.

—דער יונגערמאַן, מיט וועמען איך בין געפאָהרען—האָט זיך צָבגערופען קראַנק—האָט דעם גאַנצען וועג מיר איינגערעדט, איך זאָל ווערען דאָ אַ לעהרער, לערנען קינדער לייענען און שרייבען רוסיש. ער האָט גע'טענה'ט, אַז איך קאָן פשוט נתעשר ווערען... ווי געפעלט אייך אַזאַ פלאַן?—האָט ער געענדיגט מיט אַ געלעכטער.

—דאס איז ברוך לייזער בער'ס,—האָט קריינע ערקלערט דעם מאַן וועגען קראַנצ'ס מיטפאָהרער.—אַ משוגע'נער קאָפּ!

—עס קאָן זיין, אַז ער איז גערעכט, אַז מען קאָן פון לעהרעריי גוט פערדינען,—האָט קראַנק שוין געזאָגט ערנסט.

—אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז דאָס דען אַן עסק פאַר אַ בעל-הבתיש קינד פון אַ פיינער משפחה? וואָס? אַליין קריכען אין בלאָטע? און באמת גערעדט טויג איך טאַקי נישט צו דעם... שרייבען און לייענען קאָן איך אפילו צעהן מאָל בעסער ווי דער גרעסטער לעהרער. אָבער היינטיגע צייטען זוכט מען דאָך נישט דאָס. מען וויל, אַז אַ לעהרער זאָל

זיין אַ יונגאַטש, אַנ׳אפּיקורס—אַ־ך ווייס וואָס!—און אָט דערבּ טויג איך נישט!

די בּעלי-הבּתּים האָבּען איהם אויסגעדריקט זייער מיט-געפיהל.

אָבּוואַרטענדיג אַ ווײַלע, האָט ער צוגעגעבּען מיט אַ בּע-דריקטען קול, ווי פאַר זיך:

וואָס אָבּער טהוט מען מיט אַ קראַנקער מאַמען און צוויי שוועסטער? אויפ׳ן גאַס קאָן מען זיי נישט אַרויסוואַרפען!

די טראַגישע פראַגע איז אין דעם געבּליבּען נישט פער-ענטפערט. אָבּער דער ענטפער האָט זיך שוין קלאָר אָנגע-צייכענט.

פאַר׳ן שלאָף האָט קריינע אַ פרעג געטהון קראַנצ׳ן:

—איהר קענט מסתּמא אָנשרייבּען אַנ׳אַדרעס אויף אַ קאָנ-ווערט?

זי האָט איהם דערלאַנגט אַ צעקנייטשטען בּריף און צו-געגעבּען:

—דאָ איז דיין הלל׳ס אַדרעס. איך וועל אייך מאָרגען געבּען פינף רובּל און בּעטען אויפשרייבּען דעם אַדרעס און אָבּשיקען איהם.

קראַנץ האָט טרייגעקוקט אין בּריף. דאָרט איז געווען דער אַדרעס: קאָוואַלעס הויז יוסף קראַנצ׳ן פאַר שעכטל׳ען.

—דער אַדרעס איז נישט ריכטיג אָנגעשריבּען,—האָט קראַנץ געזאָגט און גלייך אויסגעמעקט זיין נאָמען און אָנגע-שריבּען בּריינעס׳עס. דירעקט אויף שעכטל׳ס נאָמען שיקען געלד האָט מען נישט געקאָנט, ווייל ער האָט קיין פּאַס נישט געהאַט.

—זעהט, ס׳אַר אַ גליק!—האָט זיך קראַנץ דערפרעהט,—ווען נישט איהר, וואָלט דאָס געלד פערפאַלען געגאַנגען!

## ט

קראַנץ האָט לאַנג נישט געקאָנט איינשלאָפען. ער האָט

זיך געפונען אין דעם אויפגערעגטען צושטאַנד פון אַנ'אַרטיסט, וועלכער פיהלט, אַז ער האָט קינסטלעריש דורכגעפיהרט זיין ראָליע. דערמאָהנענדיג זיך וועגען אַלערליי פרטים און געשנרעכען פון פערגאַנגענעם טאָג, האָט ער איינגראָבענדיג דעם קאָפּ אין קישען, געלאַכט ווי אַ משוגע'נער. ווען עמיצער זאָל איהם אין יענער מינוט געווען זאָגען, אַז ער האָט דעם גאַנצען טאָג קיין אַנדער זאַך נישט געטהון, ווי נאָר געליגט, און געליגט פערברעכעריש און פעררעטעריש, ערגער ווי אַ גנב, וואָס קלויבט זיך שטיל אַריין אין אַ פרעמד הויז, וואָלט ער עס נישט פערשטאַנען. אַזוי פער'שיכור'ט איז ער געווען פון זיין אַרטיסטישער ראָליע.

אויף מאָרגען אינדערפריה, איז קראַנץ אַוועק מיט אפרים'ן אין שוהל צום דאַווענען. ער איז אומישנע געגאַנגען מיט אפרים'ען, כדי זיין ערשיינען אין שטעדטיל זאָל דורכגעהן אונטער דער מאַסקע פון אַ פרומען יודען. געהענדיג, האָט קראַנץ פונאַנדערגעפרעגט דעם מלמד, וואָס ער לערנט מיט זיינע תלמידים און דערביי געגעבען איהם צו פערשטעהן, אַז ער איז אויך נישט קיין עם־הארץ.

עטליכע יודען האָבען אָבגעשטעלט אפרים'ען און איהם געפרעגט, מיט וועמען געהט ער עס? ער האָט אַלעמען געענטפערט, אַז דאָס איז אַ יונגערמאַן פון וו., זיין ההל'ס אַ חבר, און אַז געקומען אַהער איז ער וועגען אַ געשעפט.

קראַנצ'ן איז פאָרגעשטאַנען אַריינטרעטען אין פערבינדונג מיט דעם געהיימען קרייזעל משכילים. שעכטל, איבערגעבענדיג איהם די כּאַראָליע, וועלכע האָט געדאַרפט עפענען פאַר איהם די טהירען פון קרייזעל, האָט אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיך ווענדען צו איינעם פון די מיטגלידער, מיט'ן נאָמען לייוויק און האָט איהם איבערגעגעבען זיינע סימנים. אין שוהל האָט קראַנץ גלייך דערקענט לייוויק'ן. צום סוף דאַווענען, פאַר עלינו, איז קראַנץ עטליכע מאָל פערבייגעגאַנגען פאַר לייוויק'ן און מיט אַ תפילה־נגון צוויי מאָל איבערגע'חזר'ט דעם פסוק פון תהילים, וואָס האָט געדינט אַלס פּאַראָליע:—„ואתה אנוש כערבי אלופי

ומוידע: אשר יחדו נמתיק סוד בבית אלקים נהלך ברגש״ (תהלים, נ״ה, י״ד–טו).

לייוויק, נישט אומקוקענדיג זיך, האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און קראַנץ האָט זיך אומגעקעהרט אויף זיין אָרט נעבען אפרים׳ן.

קראַנץ האָט געוואַרט אויף געהיימע צייכענס, אַ צעטעלע, אַ שטיל שושקעריי אין אַ ווינקעלע, נאָר דאָס בעגעגעניש איז פאַרגעקומען אַ סך פּראָסטער. נאָכ׳ן דאַווענען איז לייוויק צו־געגאַנגען צו אפרים׳ען און ווייזענדיג אויף קראַנצ׳ן, געפרעגט ווער ער איז.

–דאָס איז אַ יונגערמאַן פון וו., מיין הלל׳ס אַ חבר פון דער ישיבה.–האָט געענטפערט אפרים.

לייוויק האָט איהם געגעבען שלום, גענומען פונאַנדער־פרעגען וועגען וו., וועגען הלל׳ן און געענדיגט דערמיט, וואָס ער האָט איינגעלאַדען קראַנצ׳ן צו זיך אויף טיי נאָכמיטאָג...

אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אפרים געזאָגט:

–דאָס איז ר׳ שמעריל דעם געהילץ־הענדלערס אַ זוהן. אַ פיינער בחור, זיצט טאָג און נאַכט און לערנט. מיין הלל׳ס אַנ׳אַלטער חבר. אויב ער האָט אייך פערבעטען אויף טיי, געהט אַריין צו איהם. זיין פאָטער קאָן אייך אַ טובה טהון ביי רע־בעלמאַנען.

קראַנץ האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער דאַרף נאָך אָבשפּילען די קאָמעדיע מיט רעבעלמאַנען און איז גלייך פון דאַווענען אַוועק צו איהם אין קאָנטאָר. דאָרט איז געווען פול מענשען און איהם איז אויסגעקומען צו וואַרטען אַ פּאָר שעה ביז ער האָט זיך דערשלאָגען צום בעל־הבית. שטיל, מיט אַ רחמנות־פּנים, ווי מען בעט אַ נדבה, האָט ער געבעטען אַ שטעל אין קאָנטאָר. רעבעלמאַן האָט אפילו נישט אויסגעהערט זיינע רייד און מיט אונגעדולד אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד:

–לאָזט מיך צורוה! איך האָב קיין שטעלעס נישט! איך האָב נישט און וועל נישט האָבען! און דולט מיר נישט דעם קאָפּ!

קראַנק האָט זיך בענוגענט מיט דעם ענטפער.

נאָך מיטאָג איז ער אַוועק צו לייוויק'ן. דער געהיימער משכיל האָט איהם בעגעגענט ביי דער טהיר, אָבגעפיהרט צו זיך אין צימער אויפ'ן צווייטען שטאָק און פערמאַכט נאָך זיך די טהיר. דער חדר איז געווען אַ גרויסער. אומעטום זענען געלעגען ספרים.

לייוויק איז געווען אַ בחור פון אַ יאָהר צוואַנציג. זיין מאָגער, פערשאַרפט פנים מיט אַ קוים אָנגעצייכענט בערדעל האָט זיך אַרויסגעגעבען פאָראויס. קליינע, שוואַרצע שטעכעדיגע אויגלעך, ווי ביי אַ מייזעל. אין פנים איז געווען עטוואָס טרוּקענעס, צַלטליך־שטרענגעס, אַקוראַט ווי דער יונגערמאַן וואָלט קיינמאָל נישט אַ שמייכעל געטהון. דאָס קול איז אויך געווען אַ טרוקענעס, אָהן אַנ'אויסדרוק, אַ ביסעל הייזעריג.

לייוויק האָט קאַלט בעקוקט קראַנצ'ן און כמעט שטרענג געפרעגט:

—וואָס טהוט הלל אין וו.? ער איז אין דער ישיבה?

—ניין. ער האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך אינגאַנצען די מאַסקע.

—אַ נאַרישקייט!—האָט אָבגעשניטען לייוויק.—געמעגט נאָך זיין אין דער ישיבה. פּרץ גדר זיין וואָלט ער נישט אָנווערען שפּעטער... נו, און איהר נאָך וואָס זענט אַהער געקומען? לעקציעס?

—יאָ... איך דאַרף זיך מיט אייך מישב זיין וועגען דעם.

קראַנק האָט איהם דערצעהלט וועגען זיינע פּלענער און ווי אַזוי ער האָט שוין אָבגענאַרט שעכטל'ס עלטערן. לייוויק האָט איהם אויסגעהערט קאַלט, אפילו קיין שמייכעל נישט געטהון.

—אָנגעהויבען האָט איהר נישט שלעכט,—האָט ער ווי פאַר־זיך אַרויסגערעדט,—נאָר ווי וועט דאָס ביי אייך ווייטער געהן—איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, איך האַלט נישט פון דער אַרבייט פון לעהרעריי...

די בעמערקונג האָט קראַנצ'ן איבערראַשט.

—ווי הייסט? פאַרוואָס?

—ביי אונז זענען שוין געווען עטליכע לעהרער און זיי האָבען געבראַכט מעהר שאָדען, ווי נוצען. פלעגען קומען, מאַ-כען אַ רעש, אויפהויבען אויף די פיס דאָס גאַנצע שטעדטיל, אָבטהון פיל נאַרישקייטען און אַוועקפאָהרען...

קראַנצ׳ן האָבען זיינע רייד אַלץ מעהר איבערראַשט. ער האָט זיך נאָר געפונען צו ענטפערן:

—מסתמא האָבען זיך געטראָפען אַזעלכע לעהרער, וועלכע...

—דער תוכן איז נישט דערין,—האָט איהם לייוויק איבער-געשלאָגען די רייד,—איך האַלט גלאַט נישט פון די גרויס-שטאָדטישע משכילים. זיי האָבען ליב צו שטורמען, אַרויסווייזען גבורות, זאָגען אפיקורסישע ווערטלעך, אָבטהון שפּיצלעך, אָבער אַרבייטען שטיל און מיט התמדה קאָנען זיי נישט. דערצו האָ-בען זיי נאָך ליב זיך פיל צו חקר׳ענען און שרייבען לאַנגע מליצה-בריף וועגען זאַכען, וועגען וועלכע מען דאַרף שווייגען, און זייערע בריף פאַלען געוועהנליך אַריין צום רב אָדער צום ראש-ישיבה. זיי האָבען נאָך דערצו נאָך אַ רגילות טראָגען אין אַלע קעשענעס השכלה-ביכלעך...

די ווערטער, אַרויסגעזאָגט מיט אַ גיפטיגער איראָניע, האָבען קראַנצ׳ן שטארק בעליידיגט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און טרוקען אַרויסגערעדט:

—עס קאָן זיין, אַז איהר זענט גערעכט. נאָר איך האָב ערוואַרט, אַז איהר וועט מיט מיר אַנדערש ריידען. אויב איהר האַלט, אַז מיר, לעהרער, ברענגען נאָר שאָדען, האָבען מיר נישט וועגען וואָס צו ריידען...

—וואַרט אַ ווײַלע—האָט איהם לייוויק אָבגעשטעלט אונגע-דולדיג—איהר זענט אומזיסט ברוגז געוואָרען. איך האָב אייך נישט געוואָלט בעליידיגען. איך האָב אייך מעהר נישט געז ווי איך קוק אויף דעם ענין. נו, אדרבה, זאָגט אַליין, פאַר אַ נוצען ברענגט אַ לעהרער?

—ווי הייסט, וואָס פאַר אַ נוצען? איך פערשטעה נישט...

—פשוט! עפענען די אויגען, אַראָבפיהרען פון וועג...

יונגעל קאָן גיכער אַנ׳אייגענער מענש, אַ חבר, ווי אַ לעהרער. און דאָס, וואָס אַ לעהרער לערנט אויס עטליכע יונגלעך און מיידלעך לייענען און שרייבען, איז, נאָך מיין דעה נאָך, קיין גראָשען נישט ווערט. ממה נפשך: וועט מען עמיצען עפענען די אויגען, וועט ער שוין אָהן אַ לעהרער זיך אויסלערנען אַלץ, וואָס מען דאַרף. אָט האָב איך, זיצענדיג איבער דער גמרא, אין צוויי יאָהר זיך צוגעגרייט אויף אַלע אַכט קלאַסען גימנאַזיע. און ווער עס וועט בלייבען בלינד, יענעם וועט נישט העלפען וואָס ער וועט קאָנען לייענען און שרייבען.

דער געדאַנק איז פאַר קראַנצ׳ן געוועזן ניי, נאָר ער האָט נישט געקאָנט נישט איינשטימען מיט איהם.

עס פערשטעהט זיך, איך זאָג דאָס נישט דערפאַר, איהר זאָלט זיך אָבזאָגען פון אייער פּלאַן—האָט לייוויק צוגעגעבען,— איך קען דאָך אייך נישט און וויים נישט, ווי איהר וועט פיה-רען די אַרבייט. אָנגעהויבען האָט איהר ווי עס בעדאַרף צו זיין. אויב ביי אייך וועט ווייטער געהן אַזוי גלאַט, וועט איהר דאָ אונז קאָנען העלפען אין אונזער אַרבייט...

נאָך די פריהערדיגע רייד האָבען די ווערטער קראַנצ׳ן אַ ביסעל אויפגעמונטערט.

—אָט, איהר וועט זעהן, ווי איך וועל אַרבייטען!—האָט ער זיכער אַרויסגעזאָגט.

—איך וועל אייך, פערשטעהט זיך, העלפען מיט וואָס עס וועט מעגליך זיין. לעקציעס וועט איהר דאָ האָבען. געהט אַריין צו נחמן דעם שניט-קרעמער. מען וועט שוין מיט איהם דורכ-שמועסען, און ער וועט אייך אָוועקגעבען זיינע קינדער לערנען. ביי איהם איז אַ יונגעל מיט אַ מיידעל. נאָך איהם וועלען שוין אַנדערע אַליין געבען צו אייך... נאָר איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: אַרבייט שטיל אָהן רעש. און געדענק, אַז אַראָפּפיהרען עמיצען פון וועג דאַרף מען אַזוי, אַז ער זאָל עס אַליין נישט בעמער-קען, ער זאָל נאָכדעם נישט וויסען, אַז עמיצער האָט איהם פון וועג אַראָבגעפיהרט. מען דאַרף פאַר אַ מענשען נאָר אויפעפענען די טהירען און אַרייגעהן דאַרף ער שוין אַליין.

געהענדיג צו לייוויק'ן, האָט קראַנץ זיך געגרייט צו בע־געגענען אַ קליינשטעדטילדיגען בחור, וועלכער וועט קוקען אויף איהם, גרויסשטעדטישען, מיט אַ אָבשיי, וועט שלינגען זיינע ווערטער און פאָלגען אַלץ, וואָס ער וועט איהם זאָגען. ער האָט אפילו פאָראויס בעשלאָסען נעהמען אין האַנד דעם גאַנצען קרייזעל און אָנפיהרען מיט איהם. מיט אַמאָל האָט ער געטראָ־פען פאַר זיך אַ מענשען אַ זעלבסטשטענדיגען, אַנ'ערפאַהרענעם, וועלכער איי פיל געבילדעטער פאַר איהם און וועלכער האָט מיט איהם אָנגעהויבען ריידען, ווי מיט אַ תלמיד. קראַנץ האָט זיך גלייך אונטערגעגעבען און אָנגעהויבען קוקען אויף לייוויק'ן פון אונטען אַרויף. איהם האָט זיך נאָר געוואָלט בעקענען מיט'ן גאַנצען קרייזעל און איבערהויפט מיט'ן אָנפיהרער, מיט'ן שוחט'ס זוהן.

—ווי אַזוי זעהט מען זיך מיט חיים וואָלפ'ן—האָט ער גע־פרעגט לייוויק'ן.

—מיט וועמען? מיט וועלכען חיים וואָלפ'ן?—האָט זיך לייוויק פערוואונדערט.

—ווי הייסט? ער איז דאָך דער אָנפיהרער פון קרייזעל. הלל האָט מיר געזאָגט...

לייוויק האָט אָנגעשטעלע אויף קראַנצ'ן אַ פערוואונדער־טען בליק.

—חיים וואָלף, דעם שוחט'ס זוהן?... צי איז הלל משוגע געוואָרען, אָדער האָט ער גלאַט געלאַכט פון איין? חיים וואָלף איז איינער פון די פערקאָכטע פאַנאַטיקער, פאַר איהם דאַרף מען זיך היטען ווי פאַר פייער!...

ער האָט דאָס אַרויסגערעדט אַזוי ערנסט, אַז אין דער ערשטער מינוט האָט קראַנץ אַ טראַכט געטהון, אַז שעכטל האָט געמוזט א טעות האָבען. נאָר ער האָט גלייך פערשטאַנען, אַז לייוויק האָט צו איהם קיין צוטרוי נישט.

—איהר האָט קיין צוטרוי נישט צו מיר?...—האָט ער זיך אָבגערופען בעליידיגט.

לייוויק האָט אויף איהם געקוקט פערוואונדערט.

—דאָס האָט איהר צו מיר קיין צוטרוי נישט, אויב איהר גלויבט מיר נישט,—האָט ער געענטפערט.—אדרבה, פרובט זיך צוטרעטען צו חיים וואָלפ׳ן. אַ פיינע געשיכטע וואָלט דאָס זיין. און וואָס הלל האָט אייך געזאָגט—איז ווערט אַנ׳אויסגעבלאָזען איי. הלל איז כמעט אין קרייזעל נישט געווען און גאָרנישט געוואוסט...

קראַנץ איז אַוועק פון לייוויק׳ן אַ בעליידיגטער און שטאַרק אַראָבגעפאַלען ביי זיך. טיף אין האַרצען האָט ער בעשלאָסען נעהמען זיך צו דער אַרבייט און אַזוי פיל אויפטהון, אַז לייוויק מיט זיין קרייזעל זאָלען קומען בעטען, ער זאָל צו זיי אַריינטרעטען.

•

קראַנץ האָט זיך גיך איינגעאָרדענט. שעכטל׳ס עלטערן, אויס רחמנות אויף זיין מוטער און שוועסטער, האָבען איהם אַליין צוגערעדט ווערען אַ לעהרער. לעקציעס האָט זיך ביי איהם אָנגעקליבען אויף גאַנצע צוועלף רובל אַ חודש. איינגיכעןן האָט ער געפונען אנ׳אויסרייד און איז אַריבער אויף אַנ׳אַנדער קוואַרטיר צו אַ פראָסטען בעל-עגלה אין עק שטאָדט. דערמיט איז ער בעפרייט געוואָרען פון קריינע׳ס נאָכקוקען נאָך יעדען טריט זיינעם. נאָר קעסט האָט ער, ווי פריהער געגעסען ביי קריינע׳ן. איבערהויפּט כדי צו פערזיכערן מיט זיין געצאָהלט די פינף רובל אַ חודש, וואָס קריינע האָט בעשטימט אַרויסשיקען שעכטל׳ען.

די ערשטע צייט איז קראַנצ׳ן געווען שווערליך זיך צו צוגעוועהנען צו אַ סיסטעמאַטישער אַרבייט און איבערהויפּט צו זיין שטרענג אָבגעהיט אין פרומקייט. נאָר ביסלעכוויז האָט ער זיך צוגעפּאַסט. ער האָט אָנגעצייכענט צווישען זיינע תלמידים עטליכע מעהר פעהיגע יונגלעך, וועלכע ער האָט געמומען אַראָבפיהרען פון וועג.

עס זענען פערביי צוויי חדשים. אין שטעדטיל האָט מען זיך צו איהם צוגעוועהנט. אָבער זיין הויפט-אַרבייט איז נאָך געשטאַנען אויף איין אָרט. דאָס געשפּרעך מיט לייוויק׳ן און דאָס בעוואוסטזיין, אַז אין שטעדטיל איז דאָ אַ קרייזעל, וואָס אַרבייט אויף דעם געביט,—אין געהיים פון איהם!—האָט איהם אונטערגעהאַקט די פליגלען, אָבגעשלאָגען דעם גאַנצען חשק, די גאַנצע התלהבות צו אַרבייטען. צוזאַמען מיט דעם האָט ער זיך אָנגעהויבען שטאַרק לאַנגווייליגען מיט׳ן שטילען איינאַרטיגען לעבען פון שטעדטיל, אָהן אַ סביבה, אָהן פּערוויילונגען. ער האָט שטאַרק געבענקט נאָך קאָוואַדלעס הייזעל מיט דעם ברוי-זענדען חבר׳ישען לעבען. אפילו דאָס, וואָס ער האָט דאָ יעדען טאָג געגעסען, האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַ גראָבע און נאַרישע רגילות, וועלכע קאָן בלויז פּערטעמפּען די נשמה. נאָר איבערהויפּט איז איהם שווער געווען צו טראָגען די מאַסקע וועלכע ער האָט אפילו ביי זיך אין חדר נישט אַלעמאָל גע-קאָנט אַרונטערנעהמען. דאָס דאַוונען אין שוהל, די פרומע אויפ-פיהרונג, די רעליגיעזע געשפּרעכען א. אַ. וו. דאָס אַלץ איז געווען אינטערעסאַנט אויף אַ קורצער צייט, ווי אַן׳אַרטיסטען-שפּיל, אָבער טאָג-טעגליך, אין משך פון חדשים געהן גע-שמידט אין קייטען איז געווען שווער. ס׳האָט אויך קיין שום צוועק נישט געהאַט.

און ביסלעכווייז, אומבעמערקט פאַר זיך אַליין האָט קראַנץ אָנגעהויבען אָבלאָזען די לייצעס און געגעבען זיך אַלץ מעהר פרייהייט. ביי זיך אין חדר איז ער שוין געזעסען אָהן אַ היי-טעל. אפילו רויכערענדיג שבת האָט ער נישט אָנגענומען קיין מיטלען, קיינער זאָל עס נישט זעהן. עטליכע מאָל האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז אַוועק פון קריינע׳ן נאָך וואַרמעס פערגעסענדיג צו בענשען. איינמאָל ביי אַ געשפּרעך מיט אַ פרומען יודען האָט זיך ביי איהם נישט ווילענדיג אַרויסגעריסען אַן׳אפּיקורס׳ישע בעמערקונג. אַ צווייט מאָל, ווען אַ חסיד האָט איהם דערעסען מיט זיין התלהבות, האָט ער זיך אויסגעלאַכט פון זיין רבי׳ן. דאָס אַלץ איז נישט פערלוירען געגאַנגען פון

דער אויפמערקזאַמקייט פון שטעדטיל. מען האָט אָנגעהויבען נאָך איהם נאָכשפירען. הינטער זיין רוקען האָט מען זיך שוין גע׳סוד׳עט, געדעדט, אַז ער איז „פון יענע", פון „די בערלי-נער". עס האָבען זיך אָנגעהויבען טראָגען קלאַנגען וועגען זיין פריהערדיגער טעטיגקייט, קלאַנגען נישט קלאָרע, אָבער נאָהנטע צום אמת. עטליכע מאָל האָט לייוויק איהם אָנגעזאָגט, אַז אי-בער זיין קאָפּ קלויבט זיך אַ כמאַרע און געבעטען, ער זאָל זיין פאָרזיכטיג, נאָר קיין שום פאָרזיכטיגקייט האָט שוין נישט געהאָלפען און אָט, איינמאָל, איז אָנגעקומען אַ שטורם. שבת אינדערפריה, ווען קראַנץ איז, מיט אַ גרויסער פערשפעטיגונג געגאַנגען אין שוהל אַריין, איז אין אַ שטיל געסעל צוגעגאַנגען צו איהם אַנ׳אונבעקאַנטער בחור, אַ בלאַסער, אַנ׳אויפגערעגטער, און שטיל אַרויסגערעדט: „געהט נישט אין שוהל, דאָרט קעהרט זיך די וועלט! נעכטען ביינאַכט האָט מען געזעהן דורך אַ שפּאַ-רונג אין לאָדען פון אייער פענסטער, ווי איהר האָט געררוי-כערט". קראַנץ האָט זיך אומגעקעהרט אַהיים און גענומען וואַר-טען אויף „געשעהענישען". צום גליק האָט זיך דער אינצידענט אומגעריכט געענדיגט אָהן אַ סקאַנדאַל. פאַר קראַנצ׳ן האָט זיך איינגעשטעלט דער בעל-הבית, ביי וועמען ער האָט געוואוינט, אַ פּראָסט יודעל, אַ בעל-עגלה, וועלכער איז געווען זיכער, אַז זיין שכן איז אַ פרומער יונגערמאַן. ער האָט געשוואוירען, אַז פון נאָך דער וועטשערע אָן ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסען אינאיינעם מיט קראַנצ׳ן. אַז מען האָט איהם אויפגע-וויזען, אַז דער לעהרער האָט געקאָנט רויכערן לעגענדיג זיך שלאָפען, איז ער מיט אַמאָל געוואָרען אויפגעקאָכט, האָט אָנגע-הויבען שרייען, אַז ער וועט פלעטען דעם מח מיט אַ שטיין יעדערן, ווער עס וועט זאָגען, אַז זיין שכן רויכערט אום שבת און גענומען שלעפּען דעם רב פאַר׳ן אַרבעל, יענער זאָל מיט איהם געהן זעהן, אַז אין זיין הויז אין די לאָדען זענען נישטאָ קיין שפּאַרונעס, דורך וועלכע מען זאָל קאָנען אַריינקוקען אין חדר. דעם בעל-עגלה׳ס געשרייען האָבען קיינעם נישט איבער-צייגט, נאָר דער שטורם איז געשט־לט געוואָרען.

איבערהויפט האָט זיך בולט געביטען די בעציהונג צו קראַנצ׳ן מצד שעכטל׳ס עלטערן. אין אָנהויב פלעגט אפרים בשעת׳ן עסען שמועסען מיט איהם וועגען תורה, דערצעהלען מעשיות וועגען רבי׳ן, פלפול׳ן זיך, פרעגען קשיות. איצט האָט ער אינגאַנצען אויפגעהערט מיט איהם צו ריידען, האָט אפילו אויסגעמידען צו קוקען אויף איהם און נאָר פון יוצא וועגען געמורמעלט אונטער דער נאָז וועגען וועטער אָדער וועגען בעל־הבתישע ענינים, צו וועלכע ער האָט געהאַט אַ קנאַפּע שייכות. אומגעביטען האָט זיך אויך די בעציהונג פון קריינע׳ן צו איהם, וועגען זוהן האָט זי אַלץ זעלטענער גערעדט מיט איהם. אָפט פלעגט ער בעמערקען ווי פון דער זייט קוקט זי אויף איהם מיט אַ פערדעכטיגען פאַרשענדען בליק. אינגיכען האָט ער זיך איבערצייגט, אַז קריינע און אפרים האָבען פערלאָרען דעם גאַנ־צען צוטרוי צו איהם.

פאַר׳ן אָבפאָהרען פון וו. האָט שעכטל אָנגעזאָגט קראַנצ׳ן, ער זאָל קיין צוטרוי נישט האָבען צום אָרטיגען בריף־טרעגער. דאָס האָט איהם שפּעטער איבערגע׳חזר׳ט אויך לייוויק, דערום פלעגט קראַנץ אַליין געהן אויף פּאָסט בעקומען זיינע בריף. איינמאָל האָט מען איהם אויף פּאָסט אָבגעגעבען אַ קאַרטעל, וואָס איז געווען אַדרעסירט פאַר שעכטל׳ס עלטערן. דער אינ־האַלט פון קאַרטעל איז בעשטאַנען פון עטליכע שורות. נאָך דעם געוועהנליכען טיטול איז דאָרט געווען געשריבען: „אייער אַנפראַגע האָט מיך פערוואונדערט. ביי מיר אין דער ישיבה איז נישטאָ און איז נישט געווען קיין בחור מיט׳ן נאָמען הלל בן אפרים. זעהט, צי האָט זיך מיט אייער זוהן נישט געטראָ־פען, חס ושלום, קיין אומגליק״. די אונטערשריפט איז געווען נישט פונאַנדערצוקלויבען, נאָר פאַר דער אונטערשריפט איז גע־שטאַנען דער טיטול: „דער ראש ישיבה פון וו.״. הייסט עס, האָבען שעכטל׳ס עלטערן שוין אויף אַזוי פיל פערלוירען דעם צוטרוי צו איהם, קראַנצ׳ן, אַז זיי האָבען זיך געווענדט צום ראש ישיבה מיט אַנ׳אָנפראַגע, וועגען זייער זוהן. דאָס האָט קראַנץ אַליין זיי אָנגעוויזען דעם וועג—און ער וואָלט האָבען

אַ שענעם פּנים, ווען דעם ראש ישיבה׳ס בריף זאָל אָנקומען שעכטל׳ס עלטערן. קראַנץ האָט דעם בריף, פערשטעהט זיך, נישט איבערגעגעבען.

## יא

איינמאָל, באַלד נאָכ׳ן אינצידענט מיט׳ן רויכערן אום שבת, האָט זיך קריינע געווענדט צו קראַנצ׳ן:

—איך האָב געוואָלט זיך מיט אייך מישב זיין. שוין באַלד צוויי יאָהר זינט מיין הלל געפינט זיך אין דער פרעמד. מיר האָבען איהם גערופען אויף יום-טוב אַהיים, איז ער נישט גע-קומען, געענטפערט, אַז ער וויל נישט איבעררייסען דאָס לער-נען. ער איז, פערשטעהט זיך, גערעכט, נאָר איך בין פאָרט אַ מאַמע און מיר טהוט וועה דאָס האַרץ. עס ווילט זיך זעהן מיט איהם. איז ביי מיר געבליבען אַריבערצופאָהרען קיין וו. מיר איז שווער צו מאַכען אַזאַ נסיעה, און עס דאַרף קאָסטען שע-נע עטליכע רובל. נאָר איך וועל זיך שוין אָנטהון אַ כח. וואָס וועט איהר דערויף זאָגען? ווי וועט איהר מיר אַנ׳עצה געבען? כדאי צו פאָהרען?

קראַנץ האָט פערשטאַנען, אַז קריינע, האָט זיך געווענדט צו איהם מיט׳ן איינציגען ציל צו זעהן, וואָס פאַר אַנ׳איינדרוק דער פאָרשלאָג וועט אויף איהם מאַכען. אין דער ערשטער מי-נוט האָט ער זיך אַ ביסעל פערלוירען פון דעם אונגעריכטען אָנפאַל, נאָר ער האָט זיך באַלד בערוהיגט און גאַנץ קאַלטבלו-טיג, ווי דאָס וואָלט צו איהם קיין שום שייכות נישט האָבען, געענטפערט:

—פאַרוואָס זאָלט איהר נישט פאָהרען, אויב איהר קאָנט? טאַקע זעהן מיט די אייגענע אויגען, ווי ער לעבט דאָרט... מחשבות׳ן—האָט ער צוגעגעבען שוין גאָר גלייכגילטיג—אַז איהר וועט פאָהרען, וועל איך אייך בעטען מיטברענגען מיר פון וו. אַ פעקעלע וועש...

אַ פּנים ער האָט איבערגעלאָפּט די מאָס אין זיין גלייכ־גילטיגקייט. ביי קריינע׳ן האָט זיך אויף די ליפּען בעוויזען אַ שמייכעל. מאַכענדיג זיך, ווי זי וואָלט נישט געהערט די לעצטע ווערטער, האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט הוזק מאַכען פון קראַנצ׳ן?

—אַ גרויסען דאַנק פאַר אַ פריינדליכער עצה! איך וועל אייך טאַקע פאָלגען און וועל פאָהרען. ווי זאָגט מען עס: די אייגענע אויגען זענען די בעסטע עדות. אַ פרעמדער מענש קאָן גרינג אַ טעות האָבען און אַ מאָמעס אויג זעהט ווייט.

—איהר זענט זעהר גערעכט! פאָהרט, פאָהרט!—האָט קראַנץ אַרויסגערעדט, קוים איינהאַלטענדיג זיין צערייצטקייט.

קראַנץ איז נאָך נישט זיכער געווען, אַז קריינע וועט טאַקע אונטערנעהמען די שווערע נסיעה, פונדעסטוועגען האָט ער דעמזעלבען טאָג געשריבען שעכטל׳ען און בריינעס׳ן, אָנגע־זאָגט זיי וועגען דער געפאַהר, וואָס זיי שטעהט־פאָר, און אַנ׳־עצה געגעבען אָננעהמען אַלע מיטלען, אַז קומענדיו קיין וו., זאָל קריינע זיך גאָרנישט דערוויסען.

אין צוויי טעג אַרום איז קריינע אָבגעפאָהרען, אפילו נישט געזעגענענדיג זיך מיט קראַנצ׳ן.

קראַנץ האָט געפיהלט, אַז דער באָדען וואַקעלט זיך אונ־טער זיינע פיס און געוואַרט אויף קריינע׳ס צוריקקעהרען־זיך נישט מיט אַ פרעהליכען געמיט. עס איז שווער געווען צו האָ־פען, אַז זענענדיג אין וו. זאָל זי זיך נישט דערוויסען דעם גאַנצען אמת וועגען איהר זוהן.

אין עטליכע טעג אַרום האָט לייוויק׳ס ברודער געבראַכט קראַנצ׳ן אַ בריף פון בריינעס׳ן (פון שעכטל׳ען און בריינעס׳ן פלעגט ער בעקומען בריף אויף לייוויק׳ס אַדרעס). דער בריף האָט זיך אָנגעהויבען מיט די פאָלגענדע פיל זאָגענדיגע ווערטער:

„תיכף ומיד, ווי דו וועסט בעקומען דעם בריף, קלויב צונויף דיין ביסעל זאַכען און מאַך אַ ויברח פון באַבילצעווע מיר זענען דאָ דורכגעפאַלען אויפ׳ן שענדליכסטען אופן און ד

צערייצטע מכשפה פאָהרט איצט אַהיים אויסגיסען כל המתה אויף דיין קאָפּ״.

ווייטער איז געגאַנגען אַ גענויע בעשרייבונג פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישען קריינע׳ן מיט׳ן זוהן. בעקו־מענדיג קראַנצ׳ס בריף, האָבען בריינעס און שעכטל גענומען זיך צו דער אַרבייט. פון חדר האָט מען אַרויסגעטראָגען אַלץ, וואָס האָט געטראָגען אַ נישט־יודישען כאַראַקטער, געבראַכט אַהין עֶטליכֶע צעהנדליג גמרות און אַנדערע ספרים. די חברים האָט מען אָנגעזאָגט, זיי זאָלען עטליכע טעג זיך נישט ווייזען. שעכטל און בריינעס האָבען בעקומען לאַנגע בגדים, טלית־קטנ׳ס און יאַרמולקעס און האָבען עס יעדען טאָג אָנגעטהון דעמאָלט, ווען קריינע האָט געקאָנט קומען פון צוג. קריינע האָט זיי טאַקע געטראָפען, ווי זיי זענען געזעסען איבער די גמרות, געשאָקעלט זיך און אויפ׳ן קול געלערנט. נאָר דאָס אַלץ האָט נישט גע־האָלפען. קומענדיג קיין וו. און אויפזוכענדיג די גוי׳אישע סלאָ־באָדקע, איז קריינע גלייך אַוועק צום זוהן. אין סלאָבאָדקע, נישט ווייט פון קאָוואַדלע, איז געווען אַ יודיש קרעמעל. קריינע איז אַריין אַהין און גענומען פונאנדערפרעגען זיך ביי דער קרע־מערין. ווען יענע האָט דערהערט, אַז קריינע פרעגט זיך נאָך אויף די איינוואוינער פון קאָוואַדלעס הויז און אויף דעם שוואַר־צינקען בחור׳ל מיט די געקרייזעלטע האָר, האָט זי אַ פּאַטש־געטהון מיט די הענד און מיט אַ קלאָגענדיגען קול גענומען דערצעהלען קריינע׳ן, וואָס פאַר אַ שרעקען עס קומען־פאָר אין אָט דעם הייזעל: מען עסט חזיר, מען רויכערט אום שבת, מען פיהרט זיך אויף ווי אמת׳ע גוים.

—רייסט אייער זוהן אַרויס פון דאַנען און פיהרט איהם אַוועק מיט געוואַלד אַהיים!—האָט זי אַנ׳עצה געגעבען—אַנישט איז ער פערפאַלען!

ווייטער האָט די קרעמערין דערצעהלט, אַז דער אמת׳ער אָנפיהרער פון דער חברה, דער שרעקליכסטער אפיקורס איז אַ רב׳ס אַ זוהן און איז איצט ערגעץ אַוועקגעפאָהרען אַלס לעה־רער. דערביי האָט זי אַזוי קלאָר כאַראַקטעריזירט דעם אָנפיהרער,

אַז קריינע האָט אין איהם גלייך דערקענט קראַנצ׳ן.

צו קאָוואַדלע׳ן אין הייזעל, האָט זיך קריינע אַריינגעריסען מיט אַ יאָמער, מיט אַ ווילדען געשריי, האָט אָנגעכאַפּט שעכטל׳ען פאַר די לאַצען, גענומען איהם שלעפּען און שרייען: „גזלן—אַהיים!״ ביי איהר זענען געווען אַזעלכע ווילדע אויגען, אַז בריינעס האָט (לויט זיין אויסדרוק אין בריף) געציטערט ווי אַ בלאַט. שעכטל האָט זיך אַרויסגעריסען פון דער מוטערס הענט, איז אַנטלאָפען און בעהאַלטען זיך. קריינע האָט איהם צוויי טעג געזוכט איבער דער גאַנצער שטאָדט, האָט געשטעלט אַלעמען אויף די פיס, געווען ביים רב, ביים ראש-ישיבה, ביי חשוב׳ע בעל-הבתים, געקלאָגט, געבעטען, מען זאָל איהר העלפען. אַמאָל צעהן איז זי געווען אין שעכטל׳ס דירה און, טרעפענדיג בריינעס׳ן האָט זי איהם געזידעלט, געשאָלטען, געדראָהט מיט פּאָליציי, און נאָכדעם געבעטען זיך, געפאַלען איהם צו די פיס. זי האָט איהם גערוקט אין האַנט צעהן רובל, ער זאָל אָבגעבען דער חברה, „זי זאָל אָבלאָזען איהר יונגעל״. נאָך צוויי טעג זיך שלעפען איבער דער שטאָדט איז זי, נישט געפינענדיג דעם זוהן, אָבגעפאָהרען אַהיים.

דער ערשטער איינדרוק, וואָס דער בריף האָט געמאַכט אויף קראַנצ׳ן, איז געווען אַן ערשיטערענדער, נאָר באַלד האָט ער דערפיהלט אַ צופלוס פון ענערגיע. עס שטעהט־פאָר אַ שאַרפער, ענטשיידענער קאַמף—זאָל זיין! ער, קראַנץ, וועט פון שלאַכט־פעלד נישט אַנטלויפען. עס וועט אויסקומען אַראָבוואַרפען פון זיך די מאַסקע און אויפהויבען אַ רעש אין שטעדטיל. זעהר גוט! לייוויק מיט זיין קרייזעל וועלען, פערשטעהט זיך, נישט קאָנטעט זיין. נאָר קראַנצ׳ן האָט שוין נישט געאַרט דער אורטייל פון די „פערשלאָפענע נשמות״.

דעם בריף פון בריינעס׳ן האָט ער בעקומען פרייטאָג אינדערפריה, ווען ער איז נאָך געלעגען אין בעט. ער איז געווען זיכער, אַז קריינע וועט נאָך קומען אויף שבת און האָט בעשטימט געהן דעם שטורם אַנטקעגען, ד. ה., געהן ווי געוועהנליך צו קריינע׳ן, וואַרעמס עסען.

ער האָט זיך געזעצט טרינקען טיי און גענומען בעטראַכ-טען דעם פּלאַן, ווי צו פיהרען דעם קאַמף.

## יב

פון פיהרהויז האָבען זיך דערהערט טריט. די טהיר פון קראַנצ'ס חדר האָט זיך לאַנגזאַם און נישט זיכער אַ ביסעל אויפ-געעפענט און עס האָט זיך דערהערט קריינע'ס קול:

—מען קאָן צו אייך אַריין?

—קומט אַריין!—האָט קראַנץ אויסגעשריען העכער ווי גע-וועהנליך. ער האָט זיך אַ ביסעל פערלוירען פון דעם אומגע-ריכטען וויזיט. אַז קריינע זאָל קומען צו איהם—האָט ער זיך נישט גערעכט.

קריינע איז לאַנגזאַם אַריין, צוגעמאַכט נישט געאיילט די טהיר, געמאַכט אַ פּאָר טריט אַ נויג געטהון מיט'ן קאָפּ און אַרויסגערעדט שטיל און פריינדליך:

—גוט מאָרגען!

איהר פנים איז געווען בלייך, אָבגעצערט, נאָר ווי שטענ-דיג אונבעוועגט. אויף די ליפּען—אַ שוואַכער, צנועות'דיגער גוט-מוטיגער שמייכעל. בלויז די גראָהע אויגען האָבען געקוקט רעטזעלהאַפט און ווי עטוואָס געזוכט. אין אַלגעמיין וואָלט נאָך קריינע'ס אויסזיכט קיינער נישט געקאָנט טרעפען נאָך וואָס זי איז געקומען.

זעהענדיג, אַז פּאַר'ן אָנפאַלען גרייט זי זיך שפּילען אין קאַץ-און-מויז, כדי שטאַרקער צו איבערראַשען, האָט קראַנץ אויך געמאַכט אַ פנים, ווי ער ווייסט פון גאָרנישט און מיט אַ פריינדליכען שמייכעל געענטפערט:

—אַ-אַ! ברוך הבא! שוין צוריקגעקומען?

—ווי איהר זעהט...

—זיצט!

—אַ גרויסען דאַנק!

און זי האָט זיך צוגעזעצט אויפ'ן ברעג שטוהל.
—איהר וועט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי?
—אַ דאַנק, נאָר-וואָס געטרינקען...
דערביי האָט קראַנץ בעמערקט, אַז די ליפּען זענען ביי איהר פערשמאַכטע און זי בענעצט זיי מיט'ן שפּיץ צונג.
—נו, דורכגעפאָהרען זיך, געזעהן אַ וועלט... געווען ביי מיין הלל'ן, זאָל געזונד זיין—האָט זי אָנגעהויבען דערצעהלען לאַנגזאַם, אַ ביסעל זינגענדיג, מיט אַ צופרידענעם טאָן—אַ דאַנק זיין הייליגען נאָמען! איך בין קאָנטעט געבליבען, זעהר קאָנטעט!
—זעהט איהר! וואָס האָב איך אייך געזאָגט!—האָט קראַנץ זיך אָבגערופען אויך צופרידען.
—איהר זענט טאַקי גערעכט געווען—האָט זי איינגעשטימט—נאָר וואָס וועט איהר טהון מיט אַ נאַרישער יודענע! איהר שטעלען זיך אַלעמאָל פאָר אַלערליי משונה'דיגע זאַכען... אַ מאַמע!
און, שווייגענדיג אַ ווייל, האָט זי צוגעגעבען שוין לעבהאַפטער:
—אָבער מיך פערדריסט נישט, וואָס איך בין געפאָהרען. געזעהן אַ וועלט. מענשען. געזעהן הילינקעס חברים. מחשבות'ן, ווי רופט מען דעם בחור, מיט וועמען ער וואוינט אין איין חדר? אַ הויכער, מיט אַ קליין בערדעל. ער איז מיר זעהר געפעלען. אַ זיידענער בחור. איהר מוזט איהם מסתּמא קענען?
—יאָ, איך קען איהם. מען רופט איהם בריינעס. ער איז טאַקי זעהר אַ וואוילער—האָט קראַנץ געענטפערט.
ער האָט פון דער זייט אַ קוק געטהון אויף קריינע'ן. מיט איהר שטילען קול, ליבליכען שמייכעלע און צניעות'דיגער בעשיידענקייט האָט זי דערמאָהנט אַ פאַנטערע, וועלכע גנב'עט זיך אונטער צו איהר קרבן. ער האָט געוואַרט, ווען זי וועט שוין מאַכען דעם שפרונג. נאָר קריינע האָט נישט געאיילט.
—איך בין בעקאַנט געוואָרען אויך מיט מיין זוהנ'ס אַנדערע חברים... וועגען אייך האָב איך אויך געהערט פיל גוטס...

ביי איהר האָט זיך איבערגעריסען דער קול מיט אַ ספּאַזמע אין האַלז. נאָר זי איז באַלד געקומען צו־זיך.

—איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז איהר זענט אַזאַ מיוחס, אַ רב׳ס אַ זוהן... און גלאַט, איך האָב נישט געוואוסט וויפיל גוטס איהר האָט געטהון מיין הילינקען...

און מיט אַמאָל האָט זי זיך אַ ריס געטהון פון אָרט, דאָס פּנים איז ביי איהר געוואָרען רויט, די אויגען האָבען אָנ־געהויבען ברענען מיט אַ ווילדער שנאה. זי האָט אַ קלאַפּ געטהון מיט דער פויסט איבער׳ן טיש און אויסגעשריען:

—משומד! די רגע זעץ זיך און שרייב אָן מיין זוהן, וואָס דו האָסט געקוילעט, ער זאָל פאָהרען אַהיים! הערסט, עוכר ישראל? די רגע! אַז נישט, בלייבסטו נישט קיין לעבע־דיגער. איך ברענג דיך אַרויף אויפ׳ן פייער! איך וויים אַלץ, אַלץ, אַלץ! זעץ זיך און שרייב!

און זי האָט אַ וואָרף־געטהון אויפ׳ן טיש אַ בויגענדל פּאַ־פּיר מיט אַ קאָנווערט, וואָס קראַנץ׳ האָט פריהער נישט בעמערקט ביי איהר אין האַנד.

שווער צו זאָגען, וואָס מיט קראַנצ׳ן וואָלט זיין, ווען דער אָנפאַל וואָלט קומען אומגעריכט, נאָר ער איז געווען צו איהם צוגעגרייט און האָט איהם בעגעגענט זעהר רוהיג. ער א׳ז אויפגעשטאַנען פון אָרט און רוהיג, אָבער האַרט געענט־פערט:

—איך וועל אייער זוהן קיין בריף נישט שרייבען.

—וועסט שרייבען! וועסט בע־סער ווערען!—האָט קריינע אויסגעשריען מיט אַנ׳אכזריות׳דיגער זיכערקייט,—אויב דו וועסט נישט שרייבען, וועל איך שטעלען אויף די פיס דאָס גאַנצע שטעדטיל און מען וועט דיך צורייסען אויף שטיקער! יודען וועלען זיך שטעלען פאַר מיין פערגאָסען בלוט!

—איהר וועט דאָס נישט טהון—האָט קראַנץ געענטפערט מיט אַ רוהיגען שמייכעל.

—איך וועל דאָס נישט טהון? פאַרוואָס וועל איך דאָס נישט טהון?—האָט זי אויסגעשריען פערוואונדערט.

קראַנץ איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהנטער און אָנגעהוי-
בען מיט אַ דראָהענדען טאָן:

—הערט, קריינע! אויב איהר וועט זיך דערוועגען זאָגען
וועגען מיר וועמען-עס-איז כאָטש איין וואָרט, שרייב איך גלייך
אייער הלל׳ן, ער זאָל זיך שמד׳ן. איהר הערט? שמד׳ן זיך!
און אַז איך וועל הייסען הלל׳ן, וועט ער מיך פאָלגען! איהר
ווייסט, אַז איך בין דער גאַנצער אָנפיהרער פון דער חברה.
און אַן׳אָנפיהרער פאָלגט מען. אין מעהר וועל איך מיט אייך
נישט ריידען. טהוט איצט, ווי איהר פערשטעהט!

קריינע איז געוואָרען בלייך און מטושטש. איהר האָט
אָנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט
פאַר׳ן שטוהל, כדי נישט צו פאַלען. אַ ווײַלע איז זי געשטאַנען
אונבעוועגט און געקייט מיט די ליפּען, ווי זי וואָלט פאַר זיך
עפּעס ריידען. נאָכדעם האָט זיך ביי איהר אויף די ליפּען בע-
וויזען אַ בעטענדער שמייכעל און דער בליק האָט אויסגעדריקט
גלייכצייטיג אי רחמנות, אי שנאה.

ענדליך האָט זי זיך בעהערשט און אָנגעהויבען מיט אַ
ציטערדיגען קול:

—איהר דאַרפט אויף מיר קיין פאַראיבעל נישט האָבען...
איהר דאַרפט דאָך פערשטעהן, אַז נישט איך האָב דאָס גע-
שריען, נאָר מיין צעוועהטאָגטער געמיט האָט פון מיר אַרויס-
געשריען... איך וועל, פערשטעהט זיך, וועגען אייך קיינעם
קיין וואָרט נישט זאָגען: וואָס וועל איך דערמיט אויספיהרען?...
זיך אַליין שמירען דאָס פּנים מיט בלאָטע... נו, אויב איהר
ווילט איהם נישט שרייבען, דאַרף מען נישט. עס טרעפט דאָך,
אַז אַ זוהן שטאַרבט...

—אָט אַזוי רעדט!—האָט זיך ביי קראַנצ׳ן אַרויסגעריסען
אַ נצחון׳דיגער אויסגעשריי:

דערשטיקענדיג אין זיך אַ שווערען זיפץ, האָט קריינע
צוגעגעבען:

—איך וועל אייך אויך בעטען, אַז דאָס אַלץ זאָל בלייבען

צווישען אונז... מיין אַלטער טאָר פון גאָרנישט ווּיסען. ער וואָלט דאָס נישט אויסגעהאַלטען.

אַוועקגעהענדיג, האָט זי זיך אָבגעשטעלט אין טהיר און שטיל געזאָגט:

—איהר ועט קומען וועטשערע עסען?

—איך וועל קומען, ווי דען?

נאָך קריינע׳ס אַוועקגעהן איז קראַנץ אַ היבשע צייט אַרום-געלאָפען הין און צוריק איבער׳ן חדר אין אַנ׳אויפגערעגטער שטימונג און געריבען די הענד פון פערגעניגען. אויף אַזאַ גיכען און גלענצענדען נצחון האָט ער זיך אַליין נישט גערעכט. די דראָהונג מיט הלל׳ס שמד איז איהם איינגעפאַלען אין דער לעצטער מינוט, ווען קריינע האָט אַ געשריי געטהון „משומד!״. דערמאָהנענדיג זיך זיינע ווערטער, אַז אויב ער וועט הייסען הלל׳ן שמד׳ן זיך, וועט ער איהם מוזען פאָלגען, האָט קראַנץ געקייכט פון געלעכטער. איהם האָט נאָר פערדראָסען, וואָס ער האָט נישט געפאָדערט פון קריינע׳ן, זי זאָל איהם געבען אַ תקיעת כף, אַז זי וועט אויף ווייטער אַרויסשיקען הלל׳ן די פינף רובל אַ חודש.

אין אָוועכד איז קראַנץ געגאַנגען וועטשערע עסען. קריינע האָט דערצעהלט וועגען הלל׳ן אין דעמזעלבען טאָן, אין וועלכען זי האָט גערעדט ביי קראַנצ׳ן אין אָנהויב. נאָר עטליכע מאָל האָט זי אין מיטען די רייד זיך אָבגעשטעלט, ווי זי וואָלט פערגעסען וועגען וואָס זי רעדט, און אַ היבשע ווײַלע געקוקט מיט שטאַרע אויגען. אפרים איז געזעסען די גאַנצע צייט שוויי-געגדיג, אַ נידערגעשלאָגענער. ער האָט געפיהלט, אַז אַרום איהם קומט פאָר עפּיס נישט גוטעס, אַז מען פערלייקענט עפּעס פון איהם און, נישט וויסענדיג ווי צו דערגעהן דעם אמת האָט ער געקוקט אויף קריינע׳ן און אויף קראַנצ׳ן מיט אַ האָפנונגסלאָזען טרויער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט קראַנץ אויפגעהערט צו עסען קעסט ביי קריינע׳ן. ער האָט בעשטימט פערלאָזען באַבילצעווע. קריינע האָט, ווייזט אויס, געשוויגען, נאָר די אַטמאָספערע אַרום

איהם איז געוואָרען אַזוי שווער, אַז ער האָט שוין נישט גע-קאָנט אָטעמען, און עס האָט שוין קיין צוועק נישט געהאַט צו פערבלייבען אין שטעדטיל.

## יג

בערך אין אַ וואָך אַרום נאָכדעם ווי קראַנץ האָט אויפגע-הערט עסען ביי קריינע'ן, איז ער צופעליג פערבייגעגאַנגען פערביי איהר הויז. קריינע איז געזעסען ביים אָפענעם פענסטער, דערזעהן קראַנצ'ן, האָט זי מיט צייכענס אָנגעהויבען רופען איהם, ער זאָל צוגעהן.

ער איז צוגעגאַנגען. קריינע האָט זיך פאַר די עטליכע טעג שטאַרק געביטען. איהר אָבגעצעהרט פנים האָט פערלוירען די געוועהנליכע סאָלידע אונבעוועגליכקייט, געוואָרען לעבהאַפ-טער, בעוועגליכער, אין די אויגען האָט זיך בעוויזען אַ נייער אויסדרוק, פון אַ מין התלהבות. ווען קראַנץ איז צוגעגאַנגען האָט זי איהם בעגעגענט מיט אַ מין בעסיאַל-פרעהליכען שמיי-כעל, ווי זי וואָלט זיך געקליבען אַ וואָרף טהון אויף איהם און-אָדער אַרומנעהמען איהם אָדער איינעסען זיך מיט די צייהן איהם אין האַלז. זי האָט אָנגעהויבען ריידען גיך-גיך און מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט מיטטיילען אַ געהיימע און פרעהליכע נייעס, וואָס דאַרף בלייבען בסוד צווישען זיי ביידען:

—הערסט, אויסוואורף. דיין גליק, וואָס דו האָסט אויפ-געהערט ביי מיר עסען קעסט. איך האָב זיך דאָך געגרייט פער'סמ'ען דיך, ווי אַ משוגע'נעם הונד! מיט מישיאַק!...

און זי האָט זיך שטיל און דראָבנע צעלאַכט.

דאָס איז אַלץ פאָרגעקומען אַזוי אומגעריכט און געווען אַזוי אומגעלומפערט, אַז קראַנץ האָט זיך נישט געקאָנט איינ-האַלטען און זיך אויך צעלאַכט.

—מען וואָלט דאָך אייך דערפאַר פערשיקט קיין סיביר,—האָט ער געענטפערט.

—מיך? פאַר דיר? און װער װאָלט אויסזאָגען? װעלכער יוד װאָלט זיך פאַר דיר איינשטעלען? מען װאָלט דיך בעגראָבען, װי אַ נבלה, הינטער׳ן פּאַרקאַן—און אַ סוף!

און װייטער דראָבנע צעלאַכט זיך.

נאָר מיט אַמאָל האָט זי אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אויף קראַנצ׳ן האָבען אַ קוק געטהון גרויס-גרויס פונאַנדערגעעפענטע אויגען, אין װעלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט אַן׳-אונבעשרייבליכער, אַ התלהבות׳דיגער פּחד. דער בליק האָט איהם אַזוי איבערראַשט, אַז ער האָט זיך אַ װאָרף געטהון צוריק און איז כמעט אַנטלאָפען. אַ גאַנצען טאָג נאָכדעם האָט איהם פערפאָלגט דער שוידערליכער בליק װאָס האָט אויסגעװיזען װי אַ יללה, װאָס האָט זיך דורך די אויגען געריסען צום הימעל...

אויף מאָרגען האָט זיך אין שטעדטיל פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז קריינע איז משוגע געװאָרן.

ואהבת לרעך כמוך

# א

אין חדר מיוחד ביי דער אַלטער חבד׳ניצע זענען געזעסען צוויי מלמדים, ר׳ אפרים אָסטרינער און ר׳ אייזיק-העניך ציפּעס.

ר׳ אפרים איז אַלט אַ יאָהר פופציג, ער זעהט אָבער אויס ווי אַ זקן פון זיבעציג יאָהר. פון מאָגערקייט איז זיין פּנים ווי אַראָבגעצויגען אַרונטער. און די אויגען דריקען אויס אַ געדולדיגען אומעט. דערזעלבער יאוש׳דיגער אומעט ליגט אויף דעם גאַנצען אויסזעהן פון דעם דאַרען, איינגעהויקערטען צע-בראָכענעם מלמד. דאָס פערשמאָלצענע מיט פוך בעדעקטע הי-טעל איז אַראָבגערוקט אויף הינטען, און פון אונטער איהם זעט זיך אַרויס אַ נישט-ווענינגער פערשמאָלצענע סאַמעטענע יאַר-מולקע. צעפּודעלטע פּאות און אַ קליין בערדיל, צערודערט אין אַלע זייטען. אַ לאַנגע צוריסענע און אונטען פערבלאָטיגטע קאַ-פּאָטע און „פונאַנדערגעכליאַשצעט" ווי צוויי פליגלען. דאָס העמד ביים האַלז פונאַנדערגעשפּילעט און עס זעהט זיך אַרויס די איינגעפאַלענע ברוסט. דער פערברודיגטער טלית-קטן דערגרייכט ביז די קניה. דאָס גאַנצע אויסזעהן פונ׳ם אַלטען מלמד איז

אַזאַ, ווי ער וואָלט זיך ערשט אַרויסגעריסען פון אַ געשלעג, וואו מען האָט איהם אינגאַנצען צופליקט.

אייזיק-העניך, פערקעהרט, איז אַ שטאַרק נידעריג יודעל פון אַ יאָהר פערציג, מיט אַ פיין שוואַרץ בערדעל און געקריי-זעלטע פאות. אַ קאַפּאָטע איז אויף איהם אַ ריינע, איבער'ן טלית-קטן טראָגט ער אַ זשילעט, און דער האַלז איז ביי איהם אַרומגעוויקעלט מיט אַ שוואַרץ טוך.

אויף וויפיל די מלמדים זענען נישט עהנליך אין זייער אויסערליך אויסזעהן, אויף אַזוי פיל זענען זיי פערשידען אין כאַראַקטער. אייזיק-העניך האָט ליב צו שמועסען, מישט זיך אין קהל'שע ענינים, קאָכט זיך אין פּאָליטיק. ר' אפרים איז אַ פער-שלאָסענער אין זיך. שטענדיג אַריינגעטהון אין הויכע מחשבות וועגען תורה און יראת שמים, און ביי אַ געשפּרעך בענוגענט ער זיך מיט האַרבע ווערטער, רמזים און קרעכצען. אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם אונטערשיד, זענען ביידע מלמדים פון לאַנג אָן פערבונדען צווישען זיך מיט אמת'ער פריינדשאַפט.

בעגעגענדיג זיך אין שוהל אָדער אין גאַס, פלעגען זיי אָנשטאָט אַ „גוט מאָרגען" וואַרפען איינער דעם אַנדערן אַ בליק, אַ קרעכץ און גוט פערשטעהן איינער דעם צווייטען. אַז זיי פלעגען זיך צונויפקומען, פלעגט צווישען זיי פאָרקומען אַנ'-אייגענאַרטיג געשפּרעך. אַריינגעגאַנגען אין חדר מיוחד און זיך געזעצט צום טיש, פלעגט אייזיק-העניך נעהמען דעם ערשטען ספר, וואָס האָט זיך געפונען אויפ'ן טיש, איהם עפענען און איבערבלעטערן, און אַריינקוקען אין איהם, גלייך ווי ער וואָלט זיין אַליין. ר' אפרים פלעגט זיצען שטיל, פערטראַכט, געדול-דיג. נאָך אַ היבשע ווײַלע שווייגען, פלעגט אייזיק-העניך, נישט אָבּרייסענדיג זיך פונ'ם ספר, אַ זאָג טהון, ווי ער וואָלט פער-ענדיגען אַ פריהערדיגען געשפּרעך:

—און דערצו נאָך, צו אַלע צרות, זאָגט מען, אַז עס וועט זיין ווידער אַ מלחמה. ווי אַזוי, מיט וועמען?—ווער חייסט? ווער קאָן עס וויסען? נאַר מען זאָגט, מען רעדט.

—אַ-אַ...—ציהט פונאַנדער ר׳ אפרים, ווי ער וואָלט זאָגען: „מאַלע וואָס מען באָלבעט״?

—גאָר נישט „אַ-אַ!״—רופט זיך אָב מיט היץ אייזיק-העניך,—וועגען מלחמה רעדט מען נישט גלאַט, אין דער וועלט אַריין. אַז מען רעדט, דערעדט מען זיך. ווי אוז געווען מיט די שענקען? האָט אויך פריהער קיינער נישט געגלויבט. וואָס הייסט? מען וועט יודען פערווערען האַלטען שענקען? פון וואָס וועלען זיי ציהען חיונה? און זעהסט, אויסגעקומען אַזוי, ווי מען האָט גערעדט, ווי זאָגט זיך דאָס: אַ בייזע בשורה—גלויב, אַ גוטע—גלויב נישט.

—אָך, אָך, אָך!—גיט ר׳ אפרים אַ טיפען זיפץ און דריקט אויס דערמיט, אַז ער הויבט אָן נאָכצוגעבען, אַז עס קאָן זיין אַ מלחמה.

—אַלץ קאָן זיין!—ערקלערט זיין זיפץ אייזיק-העניך—ווער ווייסט!

—נ-נ-נו!—רופט זיך אָב בעשיידען ר׳ אפרים און לעגט אַרויף די האַנד אויפ׳ן טיש.

—און וואָס זאָג איך?—ענטפערט איהם אייזיק-העניך—איך טענה דאָך אויך, אַז ביי גאָט פרעגט מען קיין קשיות נישט. ער ווייסט בעסער, וואָס עס איז גוט און וואָס עס איז שלעכט.

און שווייגענדיג אַ ווייל‌ע, גיט ער צו שטיל, מעשה-סוד.

מען רעדט נאָך, דער אויבערשטער זאָל שומר ומציל זיין, וועגען פּאָגראָמען...

—ע-ע...—שלאָגט איהם ר׳ אפרים איבער.

—וואָס „ע-ע!״ הער מיך! עס איז געווען אַ בריף פון בריסקער רב, מען זאָל גוזר תענית זיין...

און אַזוי ווייטער אויף דעמזעלבען אופן פיהרט זיך דער שמועס.

אייזיק-העניך רעדט, דערצעהלט, גיט איבער אַלערליי נייעסען, זאָגט אַרויס סברות. ר׳ אפרים ענטפערט איהם מיט זיפצען, קרעכצען, האַלבע ווערטער, מיט „ע״ און „מע״, וועלכע האָבען אַ קלאָרע בעדייטונג. אייזיק-העניך פערשטעהט זיי, שטימט

איין אָדער טרעט אַרויס אַנטקעגן, היצט זיך און בעמערקט אפילו נישט, אַז אין דעם משך פון גאַנצען געשפּרעך האָט ר׳ אפרים נישט אַרויסגעזאָגט קיין איין גאַנץ וואָרט. און אַנ׳-אַנדערש מאָל, אַז מען געהט זיך פונאַנדער, גיט אייזיק-העניך אַ זאָג מיט האַרץ:

—איך האָב נאָך נישט געזעהן אַזאַ עקשן. וואָס דו זאָלסט איהם נישט זאָגען, וועט ער זאָגען פּערקעהרט!

## ב

דאָסמאָל האָט זיך דער ווערטערליכער געשפּרעך לאַנג נישט אָנגעהויבען. אייזיק-העניך איז געווען אויפגערעגט, גענומען פון טיש איין ספר, אַנ׳עפען געטהון איהם, אַריינגעקוקט, אַוועקגעלעגט, גענומען אַ צווייטען. דערביי האָט ער געדריקט מיט די אַקסלען, געקראַצט אין פּאַטילניצע, אַרויסגערעדט אָפּגעריסענע ווערטער: „אַ מורא״!... „אַ גוואַלד״!... „אַ מעשה, וואָס פּערלויפט זיך נישט״! ר׳ אפרים האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און ביטער געקרעכצט.

דער אויפגערעגטער געשפּרעך אָהן ווערטער האָט זיך געפיהרט וועגען אַ קריג, וואָס איז פאָרגעקומען אינדערפריה אין שוהל צו קריאת התורה צווישען גביר פון שטאָדט און דעם גבאי. דער גבאי האָט אַ געשריי געטהון דעם גביר: „מנובל״ן און יענער האָט זיך אַ וואָרף געטהון שלאָגען דעם גבאי.

געענדיגט וועגען דער מעשה און אַ ביסעל זיך בערוהיגט, האָט אייזיק-העניך מיט אַמאָל אַ זאָג געטהון:

—געווען נעכטען ביי יענעם... ביי איסר׳ן... ביי דיין איסר׳ן...

און דערביי קרום אַ שמייכעל געטהון.

ביי ר׳ אפרימ׳ען איז דורכגעלאָפען איבער׳ן פּנים אַ שוואַרצער שאָטען. דער אַלטער מלמד האָט זיך נאָך מעהר איינגעהויקערט, ווי ער וואָלט זיך צוגרייטען צו אַ קלאַפּ.

איסר איז געווען פאר ר׳ אפרים׳ען א נישט-פארהיילטע וואונד. מיט א יאָהר צוואַנציג צוריק איז דער איסר, א חשוב׳ן בעל-הבית׳ס א זוהן, געווען ר׳ אפרים׳ס תלמיד. ביי איסר׳ן האָט זיך אַרויסגעוויזען א שאַרפער קאָפּ, גרויסע פעהיגקייטען. דערצו איז ער געווען א מתמיד. ר׳ אפרים האָט זיך שטאַרק צוגעבונדען צו דעם יונגעל, האָט געהאַלטען, אז פון איהם וועט אַרויס א גאון און האָט איהם גערופען „מיין איסר׳קע״. עטליכע זמנים, וואָס איסר האָט ביי איהם געלערנט, האָט ער איהם אַלע כחות אַוועקגעגעבען איהם געשלייפט דעם מח, געצאַצקעט זיך מיט איהם. נאָכדעם איז איסר אַוועק אין וואָלאָזשינער ישיבה. עס איז נישט פערביי קיין יאָהר, ווי אפרים האָט בעקומען א ידיעה, אז „זיין איסר׳קע״ איז אַראָב פון וועג. געוואָרען אַן-אפיקורס, אַוועקגעפאָהרען ערגיץ אין עק וועלט שטודירען אויף דאָקטאָר. דאָס נייעס האָט ר׳ אפרים׳ען ערשיטערט. ער האָט א לאַנגע צייט נישט געוואָלט גלויבען אין דעם אומגליק. נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבען צו טראַכטען, ווי אַזוי צו ראַטעווען איסר׳ן פון דעם מחבל׳ס הענד. וואָס האָט ער נישט געטהון? געפאַסט תעניתים, געשיקט דעם רבי׳ן א פדיון. לסוף האָט ער זיך דער-וואוסט איסר׳ס אַדרעס און אָנגעשריבען איהם א בריף, וואו ער האָט איהם דערוויזען מיט ראיות פון גמרא און פוסקים, אַז ער קאָן חס ושלום פערלירען ביידע וועלטען און גכן בעט ער איהם, און איז גוזר אויף איהם, בגזרת רב, אַז ער זאָל זיך אומקעהרען פון זיין פאַלשען וועג און תשובה טהון. לאַנג האָט ער געוואַרט אויף אַן׳ענטפער אויף זיין בריף, נאָר ער האָט איהם נישט בעקומען.

אָבער די תעניתים און דער פדיון האָבען פאָרט געהאַט א ווירקונג. איסר איז נישט אינגאַנצען אַראָב פון וועג. דאָקטאָריי האָט ער נישט אויסגעשטודירט און, אָבזענענדיג פיער-פינף יאָהר אין „עק וועלט״, איז ער, נאָכ׳ן פאָטערס טויט, געקומען אַהיים און זיך גענומען צום פאָטערס געשעפט. נאָר וועניג טרייסט האָט דאָס פערשאַפט ר׳ אפרים׳ען. געקומען איז איסר איז א קורצען ראָק, אָהן פאות, מיט אַן׳אונטערגעשוירען בערדעל, גע-

בראַכט מיט זיך אַ ווייב אַ „דייטשקע", וועלכע איז געגאַנגען אין די אייגענע האָר, אַז דאָס עלטערע יונגעל איז אונטערגע-וואַקסען, האָט ער איהם אַוועקגעגעבען אין גימנאַזיע. פונדעסט-וועגען געפיהרט אַ יודישען שטאָם. געהאַט אַ כשר׳ע קי׳ך, יום-טובים געגאַנגען אין שוהל, בפרהסיא נישט געפאָהרען און נישט גערויכערט אום שבת, מתעסק געווען זיך אין קהל׳שע ענינים.

ר׳ אפרים האָט אויסגעמיידט צו בעגעגענען זיך מיט איסר׳ן. נאָר הערען וועגען איהם און זיינע הנהגות פלעגט איהם אויסקומען אָפט. דערהויפּט פון אייזיק-העניכ׳ן, וועלכער איז געיוען איסר׳ס אַ ווייטער קרוב און פלעגט אַנ׳אַנדערש מאָל אַריינגעהן צו איהם. ר׳ אפרימ׳ען האָט נישט אויפגעהערט וועה טהון דאָס האַרץ, אַז ער האָט געטראַכט וועגען איסר׳ן, נאָר ער פלעגט זיך מיט אַ קרענקליכער נייגיריגקייט צוהערען, וואָס מען דערצעהלט וועגען זיין געוועזענעס תלמיד. אייזיק-העניך האָט געפיהלט, אַז ר׳ אפרים גאַרט, ער זאָל איהם דערצעהלען וועגען איסר׳ן, און ער פלעגט אויסזוכען אַזעלכע נייעס, וועלכע האָבען געקאָנט פערשאַפען אַ שטיקעל נחת ר׳ אפרימ׳ען.

—ווי געפעלט דיר אַ מעשה!—גיט ער לערך אַ זאָג פרעה-ליך, און גיט דערביי פערוואונדערט אַ דריק מיט די אַקסלען,—דיין איסר׳קע, נעהמט און גיט אַ פינפאונצוואַנציגער אויף פער-ריכטען דעם דאַך פון שוהל. האָט פאָרט אַ יודיש האַרץ.

אָדער:

—זאָג, וואָס דו ווילסט, נאָר דיין איסר׳קע האָט אַ ניצוץ, אַ יודישען פונק. דעם גאַנצען טאָג אומגעלאָפען צום גובערנאַ-טאָר און צו אַלע גענעראַלען, געלאָזט זיך קאָסטען, ביז ער האָט אויסגעפיהרט, מען זאָל אָבלאָזען יודישע סאָלדאַטען אויף פסח. וואָס ווערסטו זאָגען אויף דעם?

אַזעלכע נייעס פלעגען וועקען ביי ר׳ אפרימ׳ען די האָפ-נונג, אַז איסר וועט נאָך ווען עס איז ווערען אַ בעל-תשובה. נאָר ער פלעגט דאָס נישט אַרויסווייזען, נישט קוקענדיג אייזיק-העניכ׳ן אין די אויגען, פלעגט ער שטאַמלען:

—נן, מילא... חיי... ס׳פערשטעהט זיך... נאָר וואָס איז די פּעולה?...

אָבער אַנ׳אַנדערש מאָל פלעגט אייזיק-העניך ברענגען פון איסר׳ס הויז אַנדערע נייעס, טרויעריגע, משונה׳דיגע.

—ביי דיין אוסר׳קען איז שוין ווייטער אַ נייעס... האָט איהם עפּעס געפעהלט, האָט ער געבראַכט אַ פּורטעפּיאַן, אויף וועלכען מען שפּילט, גרויס—ווי אַנ׳אויווען, און ווער מיינסטו שפּילט אויף איהם? דאָס קלענערע מיידעל, אַ שנעק, וואָס מען זעהט זי פון דער ערד נישט. נו, איז ער נישט משוגע?

אָדער:

—איך ווייס שוין אליין נישט, וואָס מיט איסר׳ן טהוט זיך? גענומען און אויפגעהאָנגען אין זאַל אויפ׳ן וואַנד אַ פּאָר-טרעט, האָב קיין פעראיבעל נישט, פון אַ הוילער נקבה, ספּו, זאָל דאָס זיין! וואָס? דאָס איז דאָך שוין נישט קיין אפיקורסות, גלאַט צולאָזענקייט. אַ חרפּה אַריינצוגעהן אין זאַל!

אויף די אַלע שרעקליכע נייעס, האָט ר׳ אפרים געענט-פערט מיט אַ ביטערן, צובראָכענעם קרעכץ.

## ג

דאָס מאָל האָט אייזיק-העניך געבראַכט נייעס פון איסר׳ס הויז, און ר׳ אפרים האָט גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס נייעס איז נישט קיין פרעהליכס.

אייזיק-העניך האָט געשוויגען אַ ווײַלע און צוגעגעבען טרויעריג:

—אַ גאַסט ביי איהם... דער זוהן, דער סטודענט געקו-מען... איך זאָג דיר—אַי! אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אין ברילען... זיצט דעם גאַנצען טאָג איבער׳ן ביכעל...

אַ זיפץ געטהון און פאָרטגעזעצט:

—איך בין אַריינגעגאַנגען צו דער מוהמען, איסר׳ס מאַ-מען, נישט געקלערט דאָרטען זיצען... וואָס אַ נחת? נאָר, ווי

זאָגט מען דאָס, אַריינגעלאָזען זיך אין אַ ויכּוח—און אָפּגעזעסען צוויי שעה אויפ׳ן זייגער... עס איז שווער איינצוהאלטען זיך, אַז מען זעהט... נו?

ר׳ אפרים האָט פרעגענד אַ קוק געטהון אויף איהם.

—פרעגסט: וואָס? גאָרנישט—האָט ער געענטפערט אויף דעם בליק—פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי דעם תּלמיד, האָב איך זיך נישט איינגעהאַלטען און אַ זאָג געטהון איהר: „וואָס? נאָך אַלץ נישט דורכגעלייענט די ביכלעך? נאָך אַלץ נישט דערגאַנגען די טיפע חכמות, וואָס אין זיי ליגט?״ הייסט דאָס, גלאַט אַזוי, פאַרבייגעהענדיג אַ זאָג געטהון. האָט ער זיך דאָס אָנגעכאַפּט און אָנגעהויבען טענה׳ן. טאָשנע און נודנע איז מיר געוואָרען, הע-רענדיג איהם. האָט מיר אָנגעהויבען דערווייזען, אַז זייער חכמה איז אויך אַ טיפע, האָט אויך קיין גרונד נישט!

און אַ מאַך-געבענדיג מיט פאַראַכטונג מיט׳ן האַנד, האָט ער פאָרטגעזעצט:

—נו, וואָס ט׳ער מיר געקאָנט זאָגען? ס׳פערשטעהט זיך „ז-זיי״ האָבען אויסגעטראַכט גרויסע חכמות און קונצען. וואָס אַנ׳ערך, האָבען זיי אויסגעטראַכט? נו? הויבט זיך אָן ווייטע-אַמאָל: פילאָזאָפיע, טעלעגראַף, תּשבורת, גראַמאַטיקע און אַנדע-רע קונצען. איז דאָס דיר אפשר נאָך ווייניג? דערצעהלט ער, אַז ערגיץ-וואו, אין בויבעריק, האָט מען אויפגעבויט אַ טורם, כּמעט ביז׳ן וואָלקען, און אין גינשפרוק איז דאָ אַזאַ דאָקטאָר, וואָס שניידט אויס ביי אַ מענשען דעם מאָגען און דער מענש בלייבט לעבען... נו, ס׳פערשטעהט זיך, אַז ער האָט דאָס מיר דערצעהלט, האָב איך פון איהם חוזק געמאַכט. וואָס, אין אמת׳ן, שווער געווען איהם ענטפערן, דערווייזען, אַז זייערע אַלע חכמות און קונצען זענען נישט ווערט קיין שמעק טאַבאַק? האָב איך איהם אַוועקגעגעבען זיין גאָב, ווי ער איז ווערט געווען. קודם כּל האָב איך בעוויזען, אַז ער איז אַנ׳עם-הארץ, אַז ער ווייסט נישט, אַז דער רמב״ם, זכרונו לברכה, איז געווען דער גרעס-טער פילוסוף אין דער וועלט און דער גרעסטער דאָקטאָר. וויי-טער האָב איך איהם קלאָר געמאַכט, אַז אין דער גמרא זענען

דאָ אַזעלכע חשבונות, וועלכע זענען טויזענד מאָל שווערער, ווי תשבורת, און קיין שום סטודענט אין דער וועלט וועט זיי נישט משיג זיין. וועגען טעלעגראַף—האָב איך איהם געזאָגט— האָבען יודען געוואוסט נאָך אין די צייטען פון דוד המלך, און אויף דעם איז קלאָר אָנגעוויזען אין תהלים. „און וואָס ס'איז שייך—זאָג איך איהם—צום טורם ביז'ן וואָלקען, איז כאָטש דו ביזט אַנ'עם-הארץ, אָבער חומש האָסטו דאָך געלערנט, ווייסט דאָך די מעשה מיט דעם דור-הפלגה. בקיצור, איך האָב איהם געמאַכט צו קויט און צו בלאָטע...

—נו, און ער?... יענער?...—האָט זיך אָבגערופען שטיל, מ'ט אַ ציטערדיגען קול, אפרים.

—איסר?—האָט געטראָפען אייזיק-העניך,—ער איז אויך גע- ווען דערביי. נו, ס'פערשטעהט זיך, איסר איז דאָך נישט קיין יונגעל, נישט קיין סטודענט, נישט קיין עם-הארץ. איסר ווייסט דאָך, פערשטעהט, האָט געלערנט, איהם דאַרף מען דאָך נישט דערצעהלען, וואָס הייסט תורה... נאָר וואָס איז די פעולה, אַז ער ווייסט און פערשטעהט, אַז ביי איהם איז אַ פערדרעהטער מח! איז אויסגעקומען אַזוי, אַז דער תכשיט זיינער האָט גע- באָלבעט וועגען „זייערע חכמות", האָט ער זיך מיט איהם גע- אַמפּערט, דערוויזען איהם, אַז ער פערשטעהט נישט, אויף וויפיל די גמרא איז טיף, האָט קיין גרונד נישט. בקיצור, גערעדט ווי אַ מענש, ווי ס'בעדאַרף צו זיין... און אַז איך האָב אָנגעהויבען צו ריידען, האָט ער זיך געשמעלט געגען מיר, גענומען זיך מ'ר דערוויזען, אַז זייער חכמה איז אויך אַ טיפע, האָט אויך קיין גרונד נישט... היינט געה רייד מיט איהם!...

—אָך-אָך-אָך!...

—שאַ, וואַרט, דאָס איז נאָך נישט גאָר!... מיינסט, אַז איך האָב דעם סטודענטל אַוועקגעגעבען אַ חלק איז ער אַנ- שטומט געוואָרען? ניין.... אַז ער האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, האָט ער גענומען גאָר אַ נייעם גאַנג, פער- פיהרט אַ נייע ראַציע. „די אַלע חכמות, זאָגט ער, וואָס אונזערע האָבען אויסגעטראַכט, דאָס הייסט, פילאָזאָפיע, טעלעגראַף, אַ

מאָגען, אַ טורם ביז'ן וואָלקען, איז טאַקע גאָרנישט, כּלא וכאפס. נאָר וואָס דען? זיי האָבען דערגאַנגען נאָך אַ חכמה, גאָר אַ הויכע, וועלכע איז דער תּוכן פון אַלע חכמות... וואָס מיינסטו איז דאָס פאַר אַ חכמה?

—חזיר עסען?...—האָט אַרויסגעזאָגט שטיל אפרים.

—ניין! נישט חזיר עסען! נאָר איין אַנדער חכמה. עס בעשטעהט די חכמה אין דעם, אַז דער מענש זאָל ווערען, ווי זאָגט מען דאָס, איידעלער. אין אַמאָליגע צייטען,—זאָגט ער (און אייזיק-העניך גיט איבער זיינע ווערטער מיט אַ גמרא-נגון), זענען מענשען געווען ווילד, האָבען זיך געריסען צווישען זיך, ווי וועלף, איש את רעהו חיים בלעו, מען האָט נישט געוואוסט קיין רחמנות און איצט...

—און איצט?... האָט איבערגע'חזר'ט ר' אפרים, אויפהויבענדיג אויף אייזיק-העניכ'ן אַ פּערוואונדערטען בליק.

—און א-א-איצט זענען מענשען געוואָרען בעסער, האָבען אָנגעהויבען רחמנות האָבען איינער אויף דעם אַנדערן. און אין דעם, זאָגט ער, ליגט דער תּוכן פון זייער חכמה, נישט אין דעם—זאָגט ער—בעשטעהט די העכסטע מדרגה, אַז מ'זאָל קאָנען אויסשניידען אַ מאָגען אָדער אויפבויען אַ טורם ביז'ן וואָלקען. נאָר אין דעם, אַז מענשען זאָלען אָנהויבען לעבען על פּי אמת, על פּי יושר, עס זאָל נישט זיין קיין רייכע, נישט קיין אָרימע...

ר' אפרים האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט מיט ברייט פונאַנדערגעעפענטע אויגען אויף אייזיק-העניכ'ן.

—דאָס זאָגען זיי?—האָט ער אַ פרעג געטהון מיט אַ צי-טערדיגען קול.

—נו, ווער דען? ס'פערשטעהט זיך, „זיי"?—האָט געענט-פערט מיט אַנ'איראָנישען שמייכעל אייזיק-העניך.—בקיצור, ער האָט אויסגעפיהרט, אַז דער גאַנצער תּוכן, דער גאַנצער מקור, דער גאַנצער יסוד און תּכלית פון זייער חכמה איז נישט מעהר און נישט ווייניגער, ווי „ואהבת לרעך כמוך".

אפרים האָט זיך מיט אַמאָל ווי אויפגעכאַפּט, האָט זיך

אַ נעהם געטהון צוריק און אין זיינע אויגען האָבּען זיך בּעווי־זען פונקען פון רוגזא, און ער האָט אַרויסגערעדט אויפגערעגט, מיט כּעס:

—וואָס? „זיי” ריידען אויך װעגען „ואָהבת”?... ניין!... פּי!... פּאַרטעפּיאַן, הוילע נקבות, טעלעגראַף, טורמס—דאָס איז זייער זאַך. וועגען דעם זאָלען זיי ריידען. אָבּער „ואָהבת לרעך כּמוך”, דאָס זאָלען זיי לאָזען צורוה! דאָס איז נישט זייער זאַך!!

# דער הונגעריגער

(סקיצע)

איך בין דאַן צוואַנציג יאָהר אַלט געווען. כ׳האָב געלעבט ערגיץ אין אַ ווייס-רוסישער שטאָדט, ווייט פון דער היים. מיט מיינע פאַנאַטיש-רעליגיעזע עלטערן האָב איך שוין לאַנג קיין שום בעציהונג נישט געהאַט. מיט דער יודישער סביבה האָב איך אינגאַנצען געהאַט איבערגעריסען. איך האָב מיר געלעבט ווי אַ פריי פויגעלע, זיך פערנומען מיט „אוראָקען" און געגרייט זיך צום אוניווערזיטעט.

אין אַלגעמיין האָט זיך מיר נישט שלעכט געלעבט. כ׳פלעג האָבען מיין ענג קרייזעל חברים, מיט וועלכע כ׳פלעג פערברענגען די צייט אין דיסקוסיעס און דעבאַטען. דער קאָפ איז געווען פערנומען מיט אידעען-פּראָבּלעמען, אין דער נשמה—אַ גלויבען אין אַ ליכטיגער צוקונפט. נאָר וואָס—עס איז צייטען-ווייז אויסגעקומען אַ ביסעל צוהונגערן. דאָס איז אָבער שוין נישט געווען פאַר מיר אַזוי שרעקליך...

ס׳איז געווען אַ מאַי-פריהמאָרגען. די פרעהליכע זונען-שטראַהלען, אַריינרייסענדיג זיך דורכ׳ן פענסטער פון מיין צי-מערל, האָבען זיך צעשפּילט אויף מיין געזיכט און מיך פון שלאָף אויפגעוועקט. איך האָב געעפענט די אויגען, נאָר זיי גיך

צוריק פערזשמורעט פון צופיל העלן ליכט און בין אַזוי עטליכע מינוט געלעגען אומבעוועגליך. דער קאַפּ האָט מיר עפּיס וועה געטהון, נאָר כ׳האָב נישט געפּרובט צוריק איינשלאָפען. כ׳בין אויפגעשטאַנען און גענומען זיך אָנטהון.

ס׳איז געווען אַכט אַ זייגער אינדערפריה. פון צווייטען צימער האָט זיך געהערט אַ הויכער שמועס. כ׳האָב זיך מעכאַניש איינגעהערט און פון די ערשטע צוויי ווערטער האָב איך פערשטאַנען אין וואָס עס געהט: די ווירטין האָט געזידעלט איהר זוהן גרישאַ, אַנ׳איזוואָזטשיק, ער איז ביינאַכט געפאָהרען מיט דער דראָזשקע און איצט איז ער אַהיימגעקומען שיכור און אָהן געלד, אַנ׳אַלטע געשיכטע.

כ׳האָב זיך אָנגעטהון, איינגעוואַשען. דער קאַפּ-וועהטאָג האָט עטוואָס אויפגעהערט, נאָר אונטער׳ן „לעפעלע” האָט עפּיס גענאָגט. כ׳האָב זיך דערמאָהנט, אַז פון נעכטען פריה אָן האָב איך נאָך גאָרנישט געגעסען. נעכטען האָב איך פאַר די לעצטע דריי קאָפּ געקויפט ברויט צום טיי. דערנאָך האָב איך כמעט אַ גאַנצען טאָג פערבראַכט אין ביבליאָטעק, אין אָוועגד בין איך אַהיימגעקומען, געוואָלט אָנצינדען די לאָמפּ און זיך זעצען אַרבייטען, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז ס׳איז קיין נאַפט נישטאָ. איך האָב זיך מיט פערדראָס געלעגט שלאָפען.

ביטער! דעם גאַנצען הודש האָב איך געהונגערט, קיין „אורהקען” האָב איך נישט. ביז איצט האָב איך נאָך ווי ס׳איז דורכגעשטופּט, נאָר איצט זענען שוין אַלע קוואַלען אויסגעשעפּט... נישט קיין ברויט, נישט קיין טיי, נישט קיין צוקער...

איבעריגענס, טיי און צוקער וועט נאָך אפשר אויף איין מאָל קלעקען.

כ׳האָב אויפגערוקט דעם שופלאָד פון טיש: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ ביסעלע צעריבענע טיי.

מ׳דאַרף עפּיס טהון דערצו. זאָל איך געהן אין שפּייזגעוועלבעל, בעטען אויף באָרג ברויט און צוקער?... הם! די אַלטע יודענע זיצט דאָרט... כ׳האָב זי נישט ליב. זי קוקט אויף מיר תמיד מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען, פּונקט ווי זי וואָלט

מיך בעקלאָגט. זי ווייסט דאָך געוויס, אַז איך בין אַ יוד, נאָר זי מאַכט זיך ווי זי וואָלט זיך דאָס נישט אָנגעשטויסען און זי רופט מיך „פּאַניטש״. אין האַרצען מוז זי מיך זיכער שילטען... ס'האָט קיין זין נישט ביי איהר צו בעטען אויף באָרג! נישט נאָר וואָס זי וועט אָבזאָגען, נאָר זי וועט נאָך בעלײדיגען... ניין!

אָט, צי וועט נישט זיין קיין פּלאַן צו באָרגען ביי דער בעל-הבית'טע אַ שטיק ברויט און עטליכע שטיקלעך צוקער? נאָר ווי געהט מען עס עפּיס גלאַט אַזוי אַריין באָרגען ברויט? עס פּאַסט עפּיס נישט, מ'דאַרף אַן'אויסרייד געפינען.

און אָט ווי אַזוי כ'וועל טהון: כ'וועל מכלומרשט געהן אין קלייטעל נאָך ברויט, דערנאָך וועל איך זיך אומקעהרען און זאָגען, אַז דאָס קלייטעל איז פערמאַכט און געהן זוכען גלוסט זיך מיר נישט און וועל אַזוי זיך, נאַכלעסיג צוגעבען: „שניידט שוין מיר אָב, וולאַסיעוונאַ, פון אייער ברויט, כ'וועל דערנאָך נעהמען, וועל איך אייך אָבגעבען... גיט מיר שוין אויך עטליכע שטיקלעך צוקער״. אויסגעצייכענט.

איך בין אַריין אין צווייטען צימער. ביי דער קיך איז פערטהון געווען די ווירטין—אַ הויכע מאָגערע אַלטיטשקע. אויף אַ באַנק אונטער די הייליגע בילדער איז געזעסען איהר'ס אַ צעהניעהריג מיידעלע פעקלושאַ, און רוהיג געקייט אַ שטיקעל ברויט. אויפ'ן בעט איז געלעגען שיכור און אומגעלומפּערט צעלייגט איהר זוהן גרישקאַ, אַ בחור פון אַ יאָהר צוואַנציג, און עפּיס געברומט אין שלאָף.

—מ'האָט אייך אויפגעוועקט?—האָט די ווירטין געפרעגט ווענדענדיג זיך צו מיר, און האָט צוגעגעבען:—אָט מיט דעם פערשאָלטענעם גולם קאָן מען אַ טויטען אויך אויפוועקען!

—וואָס איז דען?

—אָט וואָס ס'איז! קוקט איהם אָן,—האָט זי געענטפערט, ווייזענדיג מיט'ן פינגער צום בעט,—אַרומגעפּאָהרען אַ גאַנצע נאַכט, די פערד פערמאַטערט צום טויט, און געלד—האָט ער צוואַנציג קאָפּיקעס געבראַכט...

—מ... מ... מאַנקאַ,—האָט גרישקאַ געשטאַמעלט.

—כ׳וועל איהם דעם קאָפּ צעשפּאַלטען!—האָט וולאַסיעווגאַ אין אויפרעגונג געשריען, כאַפּענדיג די קאָטשערע. זי האָט זי אָבער באַלד צוריק אַוועקגעשטעלט און פערצווייפעלט געזאָגט:

—אָך, מיינע צרות! אַ יונג פון די יאָהרען זאָל שיכור׳ן! כ׳בין פערפּאַלען מיט מיינע יתומים נעבּיך!

בערוהיגענדיג זיך, האָט זי מיט אַ געוועהנליכען טאָן צו-געגעבּען:

—כ׳געה אַוועק אין באַזאַר (זי האָט געהאַנדעלט מיט טעפּ אויפ׳ן באַזאַר) און ווען איהר וועט אַוועקגעהן, זאָלט איהר פעקלושאַ׳ן אַרויסלאָזען און די שטוב זאָלט איהר פערמאַכען, דעם שליסעל זאָלט איהר לעגען אונטער׳ן באַלקען. לאָז ער ליגען אַליין אין שטוב!—האָט זי צוגעגעבּען, אַ וואָרף טהוענדיג אַ בּייזען בּליק אויף גרישקאַ׳ן.

—גוט. אָבּער האָט איהר נישט בּעמערקט, צי די קרע-מערקע זיצט אין קלייטעל?—האָבּ איך געפרעגט.

—וואָס איז, קראַנק איז זי? פאַרוואָס זאָל זי נישט זיצען, די זשידאָווסקע מאָרדע? פון פינף פאַרטאָג זיצט זי דאָרט, פּגר׳ן זאָל זי!

איך האָבּ געוואוסט, אַז דיווירטין האָט, שוין פון לאַנג, נישט קיין גוט האַרץ אויף דער קרעמערין און האָבּ זיך געמאַכט נישט הערענדיג איהר שאַרפען ענטפער. וועלכען כ׳האָבּ אייגענט-ליך גאָרנישט געדאַרפט. איך האָבּ גענומען מיין „קאַרטוז“ און, אַרויסגעהענדיג, האָבּ איך נאַכלעסיג געזאָגט:

—מ׳וועט געהן נאָך בּרויט און צוקער.

—געהט, געהט. דער סאַמאָוואַר זידט.

איך בּין אַרויסגעגאַנגען און גענומען לאַנגזאַם שפּאַצירען איבּער דער גאַס, פערקירעוועט אין עק גאַס און פערבּייגעגאַנ-גען האַרט נעבּען קלייטעל. עס איז, נאַטירליך, געווען אָפען. בּיי דער טהיר אויף אַ קעסטעל איז געזעסען די קרעמערין. י האָט, ווי אַלעמאָל, מיך בּעגלייט מיט אַ נעבּעכדיג רחמנות׳-

דיגען בליק. איך האָב זי אויסגעמיטען, בוגעגאַנגען ביז'ן עק גאַס און זיך אומגעקעהרט אַהיים.

—דער סאַמאָוואַר קאָכט—אַ שרעק!—האָט פּעקלושאַ מיך בעגעגענט—און די מאַמע איז אַוועק אין באַזאַר.

—„פערשפּילט די שלאַכט!"—האָב איך מיט אַ זויער שמייכעלע אַ טראַכט געטהון.

כ'בין אַריין צו זיך אין צימער און גענומען נישטערן אין טיש-שופלאָד, צי כ'וועל דאָרט נישט געפינען עפּיס אַנ'אוצר. גאָט צו דאַנקען, כ'האָב געפונען אַ שטיקעל צוקער. נאָר צי לוינט זיך דען צוליב דעם זיך שלעפּען מיט'ן סאַמאָוואַר? עס ווילט זיך גאָר עסען!

כ'האָב פונדעסטוועגען אַריינגעטראָגען צו מיר אי'ן צימער דעם בייכיגען סאַמאָוואַר, פערקאָכט די גאַנצע טיי, וואָס כ'האָב געהאַט, און גענומען אַ בוך.

—„כ'וועל אויסטרינקען די טיי, זיך אָבפּאַרטיגען מיט פּעקלושאַ'ן און וועל געהן ערגיץ זיך שאַפען געלד... אַ דרייסיג קאָפּיקעס",—האָב איך אַ טראַכט געטהון.

כ'האָב טאַקע גראָד אַזוי פיל בעדאַרפט אויף ברויט, טיי, צוקער און נאַפט. בעקום איך נאָר די סומע און אַלע צרות זענען אויסגעהיילט.

כ'האָב אויסגעטרונקען ס'ערשטע גלאָז מיט צוקער און דערנאָך האָב איך שוין געטרונקען אָהן צוקער. כ'האָב געטרונקען אַ סך קאָכעדיגע טיי און דערמיט האָב איך אַ ביסעל געשטילט דאָס הונגער-געפיהל. אויסערדעם האָב איך זיך פערגעסען מיט די זעהר אינטערעסאַנטע אַרטיקלען אי'ן'ם נייעם זשורנאַל, וועלכען כ'האָב נעכטען געבראַכט פון דער ביבליאָטעק. אין צווייטען צימער האָט דער זייגער געשלאָגען עלף.

כ'האָב זיך גענומען לערנען מיט פּעקלושאַ'ן. דאָס איז געווען מיין איינציגער „אוראָק", נאַטירליך, אַנ'אומזיסטער, פון וועלכען כ'בין, אגב, געווען זעהר צופרידען. פּעקלושאַ האָט געהאַט זעלטענע פעהיגקייטען. איך האָב ליב געהאַט, ווען זי האָט מיט איהר דין שטימעלע, פלינק און שכל'דיג ערקלערט

אויפגאַבען, בעת וואָס איהר פויגעלש פּנים'ל האָט אויפגעלעבט און איהרע פינגערלעך האָבען פלינק געפּויקט איבער'ן טיש.

כ'האָב זיך נישט לאַנג פערנומען מיט איהר. דער הונגער האָט מיך געמוטשעט. איך האָב עס געפיהלט אי אין מאָגען, אי אין אַלע אבריםֹ: דער קאָפּ איז שווער געוואָרען, ס'האַרץ האָט שוואַך געקלאַפּט, אין מויל האָט געטריקענט נאָך דעם טיי.

מ'דאַרף געהן. וואוהין—האָב איך אַליין נישט געוואוסט. איך האָב אין געדאַנק זיך דערמאָהנט אַלע מיינע פריינד: ס'רוב פון זיי האָבען אַליין געהונגערט און די פערמעגליכערע איז אונמעגליך צו בעטען עפּיס...

—„אפשר געהן צו דער מוהמע באַשע'ן?"—איז מיר דורך אין קאָפּ. אָבער זיך האָב זיך פון איהר בלויז נאָר אָבגעשאָ־קעלט. אין שטאָדט האָב איך געהאַט עפּיס קרובים, נאָר זיי זיינען אַלע געווען רעליגיעזע, פאַנאַטישע יודען, מיט וועמען כ'האָב קיין שום געמיינזאַמעס נישט געהאַט און מיט וועמען כ'האָב זיך קיינמאָל נישט געטראָפען. די מוהמע באַשע איז שוין געווען אַ ביסעל אַנדערש פון זיי, זי האָט אפילו געהאַט אַ זוהן אַ גימנאַזיסט. אָבער ביי איהר בין איך פאַר די גאַנצע צוויי יאָהר געווען נאָר איין מאָל. זי האָט מיך דאַן ליבליך און וואַרים אויפגענומען, נאָר כ'האָב זיך אַלץ נישט געקאָנט דערלויבען צו געהן צו איהר נאָכאַמאָל. עפּיס האָב איך נישט געהאַט קיין חשק צו בעווייזען זיך אין דער אַלטער סביבה, אומצוקעהרען זיך צו די אַלטע זכרונות... און דאָ פּלוצלינג זאָל איך גאָר געהן בעטען ביי דער מוהמען אַ טובה! ניין, בשום אופן נישט!

—„כ'וועל געהן צו אַליאָשע'ן!"—האָב איך בעשלאָסען.

ב

אליאָשאַ ראָגאָוו, אַ גימנאַזיסט פון אַכטען קלאַס, האָט אָנגעהערט צו אונזער קרייזעל. דאָס איז געווען אַ זהור'ל, אַ

שטילס, אַ שוויינענדיגס, אַ ביסעל אַ פחדן. מיר האָבען איהם אַלע ליב געהאַט, כאָטש קיינער פון אונז האָט זיך נישט גע-האַלטען בעזונדערס נאָהנט מיט איהם. ער האָט געוואוינט ביי זיינע עלטערן, איז געווען פּאָלקאָם פערזאָרגט, ער האָט פון אַזעלכע נויטען ווי מיר נישט געוואוסט. און נאָר אויס טאַקט-טישקייט האָט ער אונז קיין הילף נישט פאָרגעלעגט.

איך בין אַריינגעפאַלען צו די ראָגאָווס נישט צו דער צייט: זיי האָבען זיך גראָד געזעצט צום מיטאָג. איך האָב גע-ה'אוסט, אַז זיי וועלען מיך איינלאַדען צום טיש, און האָב מיך דעריבער זעהר מיאוס געפיהלט. כ'האָב אָרגאַניש נישט געקאָנט מיט זיי עסען. זיך אַוועקזעצען ביי אַ פרעמדען טיש אַ הונגע-ריגער, ווען צעהנדליגער אויגען קוקען אויף דיר! אַלע וועלען, נאַטירליך, באַלד בעמערקען, אַז כ'בין הונגעריג.

וועלענדיג וואָס גיכער אַוועקגעהן, האָב איך אַליאָשאַ'ן געזאָגט, אַז כ'דאַרף אַ דייטש ווערטערבוך און אַז כ'איל זיך זעהר.

—טייערער, וואַרט-צו אַ ביסעלע, ביז כ'וועל אָבעסען מי-טאָג—האָט ער מיט זיין ווייך פרויען-שטימעלע מיר געענט-פערט—דאָס ווערטערבוך איז ערגיץ אין קאַמער, פערלעגט מיט ביכער...

כ'האָב הַלוַאי געמוזט צו-וואַרטען. אין עס-זאַל איז אַריינ-געקומען אַליאָשאַ'ס פאָטער, אַנדריי טטעפאַנאָוויטש, אַ גרויער, נאָר פעסט געבויטער אַלטיטשקער. ער איז געווען דאָקטאָר מע-דיצין, נאָר זענענדיג פערמעגליך האָט ער זיך ווייניג פערנומען מיט פּראַקטיק. אין שטאָדט האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַנ'אָריגינעלען מענשען. ביי די קראַנקע פלעגט ער טיילמאָל אָב-זיצען צו דריי-פיער שעה, פלאַפּלענדיג מיט זיי וועגען די פער-שידענסטע זאַכען. נאָר אין זעלטענע פאַלען פלעגט ער נעהמען אַנ'איזוואָזטשיק, געוועהנליך אָבער פלעגט ער געהן צו-פיס. ער האָט פּרינציפּיעל אויסגעווייכט רייכע פּאַציענטען און איז געווען זעהר פּאָפּולער צווישען די אָרימעלייט.

צו אליאשאס חברים האט ער זיך הארציג בעצויגען, כאטש עטוואס איראניש.

ער האט מיר שווייגענדיג דערלאנגט די האנד און, זע-צענדיג זיך צום טיש, האט ער געפרעגט:

—איהר וועט אפשר מיטעסען מיט אונז?

—א דאנק, כ'בין זאט...—האב איך אבגעהאקט געענטפערט און געפיהלט, אז כ'ווער רויט.

—איהר זענט נאך פאר מיטאג? זיצט,—האט ער צוגעגע-בען, א קוק-געבענדיג מיט א דורכדרינגענדען בליק אויף מיר.

ווען ער וואלט אויף מיר אזוי נישט א קוק געטהון, וואלט איך זיך אפשר געזעצט צום טיש, נאר איצט האב איך שוין נישט געקאנט: מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז דער אלטער האט אן מיין געזיכט און אן מיינע פערטריקענטע ליפען דער-קענט, אז איך הונגער.

—ניין, כ'האב נאר-וואס געגעסען מיטאג,—האב איך צום צווייטען מאל געליגט.

ער האט נאכאמאל געווארפען אויף מיר א שנעלען בליק און האט מעהר גארנישט געזאגט.

מ'האט דערלאנגט מיטאג. דער גערוך פון הייסען גע-קעכטס, וואס איך האב שוין עטליכע וואכען נישט געגעסען, האט מיר א זעץ געטהון אין געזיכט און ארויסגערופען א פיינ-ליך געפיהל. דער קאפ האט זיך מיר פערדרעהט און עס האט מיך געצויגען צום טיש. עס האט מיך פערדראסען, פארוואס איך האב מיך אזוי ענטשלאסען אבגעזאגט פון עסען. צו וואס? איך האב דאך געקאנט נאכלעסיג א זאג טהון: א, ביטע, כ'וועל מיט פערגעניגען מיטאגען,—און זיך זעצען צום טיש...

—פארוואס זעהט מען עפיס נישט מעלצינ'ען אזוי לאנג? ער איז שוין צוויי וואכען נישט געווען ביי אונז. איהר ווייסט נישט, וואס מיט איהם איז?—האט ראגאוו געפרעגט, אבווישענ-דיג ס'מויל מיט א סערוועטקע.

די דאזיגע פראגע האט מיט אמאל געענדערט מיין שטי-מונג. כ'האב אפילו אן הונגער אויך פערגעסען און אין הארצען

בין איך צופרידען געווען וואָס כ'האָב זיך נישט געזעצט צום מיטאָג.

—מעלצין? כ'ווייס נישט. איך האָב איהם שוין אויך לאַנג נישט געזעהן,—האָב איך איילי גענטפערט.

מעלצין איז געווען מיינער און אליאָשאַ'ס חבר. פאַר עפּיס אַנ'עבירה'לע האָט מען איהם אויסגעשלאָסען פון גימנאַזיע. ער האָט זיך פערנומען מיט „אוראָקען", האָט אַ סך געלייענט, איז געווען נישט קיין נאַר, נאָר מיר האָבען איהם קיינער נישט געקאָנט ליידען פאַר זיין עקסטער אונטאַקטישקייט: אָהן צערע- מאָניעס איז ער אַריינגעקראָכען צו יענעם אין דער נשמה אַריין, אָהן צערעמאָניעס פלעגט ער אַריינגעהן צו אַ חבר אין צימער בעת יענעמס אָבוועזענהייט, אויפעסען מ'לעצטע שטיקעל ברויט, אַוועקשלעפען אַ נויטיג בוך, אָפט אויך אַ מלבוש. און טרעפסטו איהם און פרעגסט: „פאַרוואָס האָסטו צוגענומען אָהן ערלויבע- ניש?"—האָט ער געהאַט איין ענטפער: „פיליסטער", „בורזשוי"! טערטער, וועלכע זענען אין תוך אַריין, געווען די ערגסטע זידל-ווערטער ביי אונז אין קרייזעל. וויפיל מאָל האָבען מיר איהם שוין קאַטעגאָריש געזאָגט, אַז מיר ווילען איהם נישט קענען, מיר פלעגען איהם די האַנד נישט געבען, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום—ער איז ווידער דאָ, ווי קיינמאָל גאָרנישט. מיט אַ צייט צוריק האָט ער אָנגעהויבען אַריינקומען יעדע וואָך צו די ראָגאָווס אין אַ בעשטימטער צייט גראָד פאַר מיטאָג און איז יעדעס מאָל דאָרט שוין פערבליבען צו מיטאָג. מיך האָט דאָס בעזונדערס געער- גערט. איך האָב אין דעם איינגעזען אַ מיאוסע שנאָררעריי.

און אָט איצט ביים מיטאָג רעדט דער אַלטער ראָגאָזין מיט מיר וועגען מעלצינ'ען. וואָס האָט ער זיך גראָד איצט דערמאָהנט פון איהם? ווען איך וואָלט איצט מיטגעגעסען מי- טאָג, וואָלט ראָגאָוו זיך געטראַכט: „פון איצט אָן וועט דער ווייטער קומען יעדע וואָך אויף מיטאָג"...

איך בין אַריין צו אַליאָשאַ'ן אין צימער. באַלד איז אַליאָ-

שאַ אויך אַריינגעקומען. ער האָט אויסגעזוכט דאָס ווערטערבוך און עס מיר דערלאַנגט.

—אפשר האָסטו ביי דיר אַ קאָפּיקעס דרייסיג?—האָב איך, געזעגענדיג זיך, נאַכלעסיג געפרעגט.

—קיין דרייסיג נישט, נאָר צוואַנציג האָב איך. כ'קאָן אָבער ביים פּאָטער צונעהמען נאָך צען קאָפּ.—האָט ער רוהיג געענטפערט.

—ס'לוינט נישט! גיב צוואַנציג—האָב איך שנעל געזאָגט.

## ג

אין אַ זעלטען אויפגעלעגטער שטימונג בין איך אַהיים-געגאַנגען. אין דער פאַנטאַזיע האָב איך מיר שוין פאָרגעשטעלט אַ הערליך בילד: אויפ'ן טיש אַ זוויגער סאַמאָוואַר, פריש ברויט און הערינג. כ'עס, כ'טרינק און כ'לייען...

פלוצלינג האָב איך דערזעהן איסאַקאָוו'ן. ער איז שנעל געגאַנגען און האָט מיך, ווי ס'ווייזט אויס, נישט געזעהן. ער איז פאַרביי פאַר מיר. כ'האָב איהם אַ רוף געטהון. ער איז שטעהן געבליבען, זיך האַסטיג אומגעקוקט און, דערזעהן מיך, האָט ער זיך דערפרעהט.

—איך זוך דיך טאַקי!—האָט ער אויסגערופען—כ'האָב גע-קלערט, אַז דו ביזט אין דער ביבליאָטעק.

—וואָס איז דען?

—האָסט נישט ביי דיר עפּיס געלד?

—אָט האָסטו דיר?—האָב איך צעלאַכענדיג זיך, אויסגע-שריען.

—זאָג שנעלער, אָהן הקדמות, כ'האָב קיין צייט נישט—האָט ער האַלב בייז אויסגעשריען—אַ סקאַנדאַל, כ'לעבען: אין ערגיץ קאָן איך קיין גראָשען נישט בעקומען.

—וויפיל דאַרפסטו?—האָב איך זויער געכרעגט.

—גיב וויפיל דו האָסט...

—כ׳האָב קיין גראָשען נישט,—האָב איך האַרט און ענט-שלאָסען געענטפערט.

—אַנ׳אומגליק!—האָט ער פערצווייפעלט אויסגעשריען-לאָ-מיר געהן ערגיץ זיך שאַפען געלד.

איך האָב חרטה בעקומען אויף מיין ליגען. אַז איסאַקאָוו בעט אַזוי עקשנות׳דיג, מוז עס מסתמא זיין זעהר אַ נויטיגע זאַך. און ווי אַזוי געהט מען מיט איהם שאַפען געלד אין דער צייט, ווען איך האָב אין קעשענע צוואַנציג קאָפּ?

—אייגענטליך, האָב איך ביי זיך צוואַנציג קאָפּיקעס—האָב איך, נישט ווילענדיג, געזאָגט—אָבער איך דאַרף זיי אַליין זעהר נויטיג האָבען...

ער האָט אויף מיר אַ וואָרף געטהון אַ פערוואונדערטען בליק און אויסגעשריען:

—וואָס-זשע מאַכסטו זיך צו נאַר?

—אויף וואָס דאַרפסטו דען?

—אַ גאַנצע פאַמיליע שטאַרבט פון הונגער. גאָר פשוט זיי געהען אויס! צוויי קראַנקע...—האָט ער געענטפערט זעהר גערירהט.

—איך שטאַרב דאָך אויך פון הונגער,—האָב איך אַ זאָג געטהון און אונגעשיקט אַ שמייכעל געטהון. אָבער דערפיהלענ-דיג גלייך די גאַנצע אומגעלומפערטקייט פון מיין ענטפער און מיין שמייכעלע, בין איך צעמישט און רויט געוואָרען.

איסאַקאָוו, פערנומען מיט זיינע געדאַנקען, האָט אָבער דאָס נישט בעמערקט.

—נישט קיין אומגליק, וועסט נישט שטאַרבען,—האָט ער צעטראָגען געזאָגט און צוגעגעבען:—וואָס פאַר אַ דראַמעס מ׳זעהט אַלץ צו! כ׳זיץ היינט אויף דער לעקציע ביי מיינע סוהרים, פּלוצלינג דערהער איך פון צווייטען צימער אַ געשריי, אַ גוואַלד. מיין סוחר׳טע וואַרפט זיך דאָרט ווי אַ משוגע׳נע און שילט די דינסט איהרע: דערזעהן מיך, האָט זי זיך דערפרעהט: „זאָגט אַליין, אַזאַ נבלה!" האָט זי, ווייזענדיג אויף דער דינסט, געשריען. אין שטוב דאָ זענען קליינע קינדער פאַרהאַן און צו

איהר שלעפּט זיך עפּיס אַ מיידעלע, וואָס אַלע ליגען בּיי זיי אויף טיפוס! נו, איז עס אויסצוהאַלטען! אַזאַ געמיין שטיק! איך האָבּ אויסגעהאָרכט, געענדיגט די לעקציע און בּין אַרויסגעגאַנגען. כ'גיבּ אַ קוק, פון טויער געהט אַרויס אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אַכט, אַ דאַרינקע, אַ בּאָרוויסע, אין איין קליידעלע, די האָר אין אַ דין צעפּעלע. זי געהט קוים, מיט אַנ'אַראָפּגעלאָזט קעפּעל. דאָס מוז זיין דאָס מיידעלע, וועלכעס די „קופּטשינע" האָט אַרויסגעטריבּען, טראַכט איך מיר. כ'בּין איהר נאָכגעגאַנגען, זי דעריאָגט און אַ קוק געטהון איהר אין געזיכט און ס'האַרץ איז מיר פערקלעמט געוואָרען: אַ געל-פערגרינט קינדעריש פּנים'ל אָהן אַ טראָפּען בּלוט מיט אַנ'אויסדרוק פון טעמפּען ליידען.

—וואוהין געהסטו, מיידעלע, אַהיים?—האָבּ איך געפרעגט.— „אַהיים"—האָט זי שטיל געענטפערט—ווער איז בּיי אייך קראַנק?— האָבּ איך געפרעגט, וועלענדיג וויסען אויף קלאָר, ווער זי איז— „די מאַמע און דער בּרודער..."—און דער טאַטע, וואו איז?— דער איז דאָך געשטאָרבּען",—האָט זי געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, ווי זי וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס איך ווייס דאָס נישט. איך האָבּ זי ווידער געפרעגט, נאָך וואָס זי איז געגאַנגען אין דעם גרויסען הויז אַריין.—אונזער מוהמע איז דאָרט, און זי גיט מיר בּרויט. איצט האָט מיך די מאַדאַם אַרויסגעטריבּען...—האָט זי געענטפערט שיר נישט צעוויינענדיג זיך.—און אין דער היים האָט איהר נישט קיין בּרויט?—נישטאָ... די מאַמע עסט נישט, זי וויל נאָר טרינקען, סיענקאַ אויך. און קאַלקאַ און זונקאַ שרייען בּרויט און וויינען... בּיינאַכט איז אַזוי שרעקליך: די מאַמע רעדט פון היץ, זי שרייט... איך בּין מיט איהר מיטגעגאַנגען. מיר זענען געקומען אין עק שטאָדט, הינטער דער ניקאָלסקער קירך. כ'דערזעה אַנ'אַלט איינגעבּויגענע צעפּוילטע חורבה. כ'בּין אַריין, און עפּיס שטיקענדעס, זויערעס האָט מיר אַ זעץ-געטהון אין געזיכט. כ'קוק זיך אַרום: אין מיטען דער כאַטע שפּאַרען אונטער צוויי סלופּעס דעם איינגעבּויגענעם בּאַלקען, אַנ'ערד-פּאָדלאָגע, און אין דער גאַנצער גרובּ איז קיין שטוהל, קיין טיש נישטאָ, נאָר צוויי לאַנגע בּענקלעך און אַנ'-

איבערגעקעהרטע פּאַס אָנשטאָט אַ טיש. האַרט בײ די װאַנד־נאַרעס און דערנאָך אַ האַלב־צעלעגטע קיך. אויסערדעם נאָך אין װינקעל, אַ שװאַרץ ברעטעל—אַנ׳איקאָנע. מעהר גאָרנישט. אויף די נאַרעס ליגט אַנ׳עלטערע פרוי, ס׳געזיכט ברענט, די הויט פּערטריקענט, גלאַנציג, די ליפּען שװאַרץ. זי ליגט שװײ־גענדיג, נאָר זי הויבט און לאָזט אַראָב די האַנד, װײזט־אויס אין אַ בעװאוסטלאָזען צושטאַנד. גלײך נעבען איהר ליגט אַ יונגעל פון אַ יאָהר פופצעהן, ער װאַרפט זיך און בעט װאַסער. און אונטער די נאַרעס װאַלגערן זיך צװײ קלײנינקע קינדער! אָ, גאָט מײנער!

איסאַקאָװ האָט אָבגעהאַקט. ער איז געװען גערירהרט, טרעהרען האָבען געגלאַנצט בײ איהם אין די אויגען. זײן גע־פיהל האָט מיך אויך אָנגעשטעקט.

—װאוהין־זשע געהען מיר?—האָט איסאַקאָװ געזאָגט—מ׳דאַרף פאַר די צװאַנציג קאָפּיקעס קויפען ברויט, טײ, צוקער און מילך. איך האָב דאָרט אַהין געטראָגען מײן סאַמאָװאַר, און אַ שטיקעל ברויט, װאָס כ׳האָב געהאַט, נאָר טײ און צוקער האָב איך שוין דעם צװײטען טאָג נישט. כ׳בין לײדיק. כ׳האָב הײנט אינגאַנצען נאָר אײן לעקציע בײ די „קופּצעס״, האָב איך שוין אויך אָנ־גענומען פאַר צװײ מאָנאַטען פאָראויס...

איסאַקאָװ האָט נישט מגזם געװען אין זײן ערצעהלונג. דאָס בילד, װעלכעס איך האָב דערזעהן, האָט מיך אינגאַנצען אויפגעשוידערט.

—בלײב דו דאָ איבער—האָב איך פאָרגעלעגט איסאַקאָװ׳ן—איך װעל אַ לויף טהון צו ראָגאָװ׳ן און װעל איהם דאָ אַהער ברענגען.

## ד

איך האָב ראָגאָװ׳ן געטראָפען אין זײן קאַבינעט, בלעטע־רענדיג אַ נײ ביכעל פון אַ מעדיצינישען זשורנאַל. איך בין

אודאי זעהר שנעל געלאָפען, דען אַריינקומענדיג אין קאַבינעט האָט זיך מיר דער קאָפּ פערדרעהט, פאַר די אויגען זענען מיר געלאָפען שוואַרצע רעדער און איך האָב מיך געמוזט אָנשפּאַרען אָן דער וואַנד, אום נישט צו פאַלען. ראָגאָוו איז צו מיר צו-געגאַנגען און דערשראָקען געפרעגט:

—וואָס איז מיט אייך?

איך האָב זיך געזעצט און, קומענדיג עטוואָס צו זיך, אַרויסגערעדט:

—גאָרנישט... כ׳בין צו שנעל געגאַנגען... כ׳האָב זיך פערמאַטערט... דער קאָפּ טהוט מיר וועה... נאָר ס׳מאַכט נישט. איך בין צו אייך געקומען וועגען עפּיס אַנדערש.

און כ׳האָב איהם דערצעהלט אַלץ וועגען דער אומגליק-ליכער פאַמיליע.

ער איז געזעסען אָנגעשפּאַרט מיט אייז האַנד אָן טיש, אויסגעדרעהט דעם קאָפּ אין מיין זייט און האָט פון מיר נישט אַראָבגעלאָזט זיין קלוגען, דורכדרינגליכען בליק.

—גוט,—האָט ער, ווען איך האָב געענדיגט, רוהיג גע-זאָגט—כ׳וועל געהן מיט אייך,—און קוקענדיג ווייטער מיר גלייך אין די אויגען, האָט ער צוגעגעבען:

—איהר זעהט, מסתמא, ס׳ערשטע מאָל אַזעלכע סצענעס?

—געוויס!—האָט זיך ביי מיר אַרויסגעריסען אַנ׳ענטפער.

—און איך זעה דאָס טאָג-טעגליך... שוין דרייסיג יאָהר נאָכאַנאַנד—האָט ער ליידענד געזאָגט. און ווייסט איהר, וואו מ׳קאָן ס׳רוב זעהן אַזעלכע בילדער? אין דער ענגער פאָרשטאָדט צווישען יודישען דלות... איהר זעגט ווען-עס-איז דאָרט געוועזן?..

—ניין...

ער האָט פערוואונדערט אַ קוק געטהון אויף מיר:

—פאַרוואָס אינטערעסירט אייך קיינמאָל נישט דאָרט אַ קוק צו טהון? איהר זענט דאָך אַ יוד?

אַ מאָדנע זאַך: איך האָב קיינמאָל נישט בעהאַלטען, אַז איך בין אַ יוד. פונדעסטוועגען, יעדעס מאָל, ווען מ׳האָט מיר הויך דערמאָהנט וועגען דעם, בגן איך צעמישט און רויט גע-

זואָרען, פונקט ווי עס וואָלט מיך פאַרשעמט. נישט ווייל איך האָב מיך געשעמט מיט מיין יודישער אָפּשטאַמונג, נאָר עס איז מיר פּשוט אונאָנגענעהם געווען, ווען מ׳האָט מיך דאָס דער-מאָהנט.

ראָגאָוו׳ס פראַגע האָט מיר אויסגעוויזען זעהר משונה׳דיג און אפילו אַ ביסעל נישט טאַקטיש און איך האָב איהם טרוקען געענטפערט:

—וואָס האָט דאָס פאַר אַ שייכות צו דעם, וואָס איך בין אַ יוד? איך מאַך נישט קיין אונטערשיד צווישען רוסען און יו-דען. און פון דעם, וואָס איך בין געבוירען אַ יוד, איז נאָך נישט געדרונגען, אַז איך בין מחויב צו לעבען צווישען זיי... יעדער מענש האָט דאָס רעכט...

איך האָב פּלוצלינג בעקומען מאָגען-ספּאַזמען און, קאָר-טשענדיג זיך פון ווערטאָג, האָב איך נישט געקאָנט ענדיגען די פראַזע.

—וואָס איז אייך?—האָט ראָגאָוו דערשרקען געפרעגט. ער איז צוגעגאַנגען, גענומען מיין פולס אין האַנד, געעפענט מיר אַ ברעם און אַריינגעקוקט. איך האָב איהם שטאַרק איבערגעבע-טען, פיהלענדיג זיך ווי אַ פערשולדיגטער שילער. ס׳איז געווען אַ שווערע און אונאָנגענעהמע סיטואַציע.

ער האָט געהויבען מיט די אַקסלען און אויפגערעגט געזאָגט:

—דער טייוועל ווייסט, וואָס דאָס איז! איהר זענט דאָך אַליין אויך קראַנק. ס׳איז אונמעגליך אַזוי צו לעבען, ווי איהר לעבט...

איך האָב זיך פּלוצלינג דערשראָקען: מיר האָט זיך גע-דוכט, אַז אָט-אָט וועט ראָגאָוו הויך מיך פערשעמען, אַז איך בין הונגעריג. איך וואָלט, דוכט זיך, לעבעדיגערהייד זיך בע-גראָבען.

—אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש—האָב איך כמעט פערצווייפעלט אויסגעשריען—לאָמיר דאָס צו-רוה לאָזען! איך בין, עהרען וואָרט,

פאָלקאָם געזונד!... מיר וועלען אַנ׳אַנדערש מאָל וועגען דעם ריידען... איצט קומט מיט מיר צו די קראַנקע...

ער האָט מיר גאָרנישט געענטפערט. אָנגעטהון דעם הוט, גענומען זיין גראָבען שטעקען און מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. געגען זיין געוועהנהייט, האָט ער דאָס מאָל גערופען אַנ׳איז-וואָזטשיק, ווייזט אויס, צוליב מיר. איבער׳ן גאַנצען וועג האָט ער געשוויגען, פון וואָס איך בין זעהר צופרידען געווען, ווייל דאָס אונ׳ברחמנות׳דיגע טרייסלען פון דער דראָזשקע איבער׳ן ברוק האָט מיר פערשאַפט אַ שטאַרקען וועהטאָג אין פוסטען מאָגען און מיר וואָלט שווער געווען צו ריידען.

מיר זענען צוגעפאָהרען צו דער כאַטע. ראָגאָוו איז אַריין, האָט זיך בעגריסט מיט איסאַקאָוו׳ן, שווייגענדיג אויסגעהאָרכט די קראַנקע און גענומען אויספרעגען דאָס מיידעלע. פון איהרע רייד האָבען מיר זיך דערוואוסט, אַז די מוטער פלעגט געהן אין די הייזער וואַשען וועש, אַז זי ליגט שוין דעם פינפטען טאָג בעוואוסטלאָז, אַז פריהער האָט זי זיך לאַנג געשטאַרקט, אַז דער ברודער ליגט שוין דעם דריטען טאָג און אַז קיינער קומט צו זיי נישט אַריין, ווייל קיינער וואוינט דאָ נישט אין שכנות: די גאַנצע גאַס איז דאָ ניט לאַנג אָבגעברענט געוואָרען.

אַלזאָ,—האָט ראָגאָוו זיך אָבגערופען—די קראַנקע דאַרף מען בעזאָרגען אין שפּיטאָל אַריין. איך וועל דאָס גלייך ערלע-דיגען. נאָר וואָס וועט זיין מיט׳ן קליינוואַרג?—האָט ער אָנגע-וויזען אויף די קינדער, וועלכע זענען געלעגען אין ווינקעל אין איין קופּע און געקוקט אויף אונז מיט פערוואונדערונג, כמעט מיט אַ מיסטישער שרעק.

—ס׳מאַכט נישט! וואָס אָנבעלאַנגט די קינדער, זאָלט איהר זיך נישט בעאונרוהיגען, מיר וועלען זיי שוין איינאָרדנען,—האָט איסאַקאָוו שנעל געזאָגט.

—וואו וועט איהר זיי דאָס איינאָרדנען?—האָט ראָגאָוו נייגעריג געפרעגט.

—זענט רוהיג, מיר וועלען זיי איינאָרדנען!—האָט איסאַ-קאָוו נאָך פעסטער געזאָגט.

ווען ראַגאָוו איז אַוועק, האָבען מיר גענומען קלערען, וואו איינצואָרדנען די קינדער.

—איינער פון אונז וועט מוזען בלייבען מיט זיי—האָב איך פאָרגעלעגט.

—ניין, דאָ טאָרען מיר זיי נישט איבערלאָזען—האָט אי-סאַקאָוו פּראָטעסטירט—מיר מוזען זיי פון דאַנען אַוועקנעהמען. איך וואָלט זיי גענומען צו זיך... נאָר איך וועל זיך נישט קאָנען אונטערנעהמען אויף זיי אַכטונג צו געבען...

—לאָמיר זיי אַוועקפיהרען צו אַנושקע׳ן—האָב איך זיך גליקליך דערמאָהנט.

—געוויס צו אַנושקע׳ן! דאָס איז דאָס בעסטע!—האָט זיך איסאַקאָוו אויך דערפרעהט. נאָר מען דאַרף זי פריהער בעטען וועגען דעם, זי וואוינט דאָך מיט די עלטערן... געה צו איהר און איך וועל דאָ איבערבלייבען...

## ה

אַנושקאַ פּאַוולאָוו, די טאָכטער פון אַ שיכּור׳ן דימיסיאָ-נירטען טשינאָווניק, איסאַקאָוו׳ס אַ געוועזענע שילערין, האָט אָנגעהערט צו אונזער קרייזעל. דאָס איז געווען אַ דאַר נער-וועז מיידעל, מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען און מיט אַנ׳-אונענדליכען קוואַל פון נשמה-גוטסקייט. זי האָט זיך געגרייט אויף אַ דאָרפס-לעהרערין.

איך האָב אַנושקע׳ן געטראָפען איינע אַליין, נעהענדיג עפּיס. זי האָט מיך אויפגענומען מיט אַ קינדיש-ליכטיג שמייכעלע.

—איך האָב זיך ערשט געקליבען צו אייך, כ׳האָב גע-וואָלט באָרגען ביי אייך דאָס נייע העפט פון זשורנאַל; אין ביבליאָטעק האָט מען מיר געזאָגט אַז עס איז ביי אייך.

—ס׳איז ביי מיר טאַקי. מאָרגען וועל איך עס אייך גע-בען,—האָב איך געענטפערט,—און איצט האָב איך צו אייך אַ וויכטיגען עסק.

און האָב איהר דערצעהלט וועגען דער קראַנקער פאַמיליע. אַנושקאַ האָט מיך שווייגענדיג אויסגעהערט און אויף איהר געזיכט האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דאָ שרעק, דאָ אַ טיף ליידען.

—און די קינדער? ווי אַזוי וועלען זיי דאָרט בלייבען?—האָט זי אויסגעשריען, קוקענדיג אויף מיר מיט טרעהרען פולע אויגען—פאַרוואָס האָט איהר זיי נישט דאָ אַהער געבראַכט?—האָט זי צוגעגעבען מיט ביטערן פאָרוואורף.

—איהר וואוינט דאָך מיט די עלטערן. מיר האָבען אייך פריהער געדאַרפט אָנפרעגען,—האָב איך זיך פערענטפערט.

—ס'איז אמת... איך האָב גאָר פערגעסען וועגען דעם, איז אַנושקאַ טרויעריג געוואָרען און אויף איהר געזיכט האָט זיך בעוויזען אַ ליידענדער אויסדרוק—ווייסט איהר, וואָס? מיר וועלען זיי אַוועקפיהרען צו איסאַקאָוו'ן און איך וועל דאָרט אָנקומען און וועל זיי צוזעהן. איך וועל פאַר זיי אהין ברענגען פון דאַנען, וואָס ס'וועט נויטיג זיין.

זי איז שוין געשטאַנען ביי דער שאַפע און אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, זעמעל, טיי, צוקער, איינגעמאַכטס.

—בינדט עס איין, אָט איז אַ טיכעל!—האָט אַנושקאַ אייליג געזאָגט און איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטען צימער.

איך האָב זיך גענומען פערבינדען דעם פּראָוויאַנט און האָב דערפיהלט, אַז איך בין הונגעריג. מעכאַניש האָב איך אָבגעבראָכען אַ שטיקעל זעמעל און געוואָלט נעהמען צום מויל, נאָר אין קאָפּ איז מיר דורך אַ געדאַנק: „גנב'עסט ברויט ביי הונגעריגע קינדער"—און האָב געשווינד צוריקגעלעגט דאָס שטיקעל זעמעל. דערווייל איז אַנושקאַ צוריק אַריינגעקומען מיט אַ קישען, בגדים און וועש.

—דאָס אַלץ טראָגט איהר צו איסאַקאָוו'ן?—האָב איך פערוואונדערט געפרעגט.

—שטילער!—האָט זי נערוועז אַ שעפּטשע געטהון—די מאַמאַ איז אין צווייטען צימער, זי וועט דערהערען, וועלען זיך אָנהויבען שאלות...

נישט איין מאָל פלעג איך בעטען ביי אַנושקאַ'ן עפּיס

עסען, ווען איך בין געקומען צו איהר אַ הונגעריגער. איך פלעג דאָס שטענדיג אונזשענירט טהון. נאָר איצט האָב איך עפּיס נישט געקאָנט איהר זאָגען, אַז איך בין הונגעריג. עטליכע מאָל איז מיר שוין אויף דער צונג געלעגען די פראַזע: „גיט מיר טאַקי, אויך עפּיס צו עסען"—נאָר די ווערטער זענען מיר עפּיס נישט אַראָב פון דער צונג. אייגענטליך נאָר דער „טאַקי". ס'וואָלט אויסגעקומען: איך בין געקומען בעטען ברויט פאַר הונגעריגע און וויל „טאַקי" מיין אייגענעם הונגער אויך שטילען. ניין, אפילו אַנושקע'ן קאָן איך אַזוי נישט בעטען! און ווי אויף להכעיס, פאַלט איהר אַליין אויך נישט איין מיר פאָרצולעגען עפּיס עסען.

מיר זענען אַרויסגעגאַנגען. אַנושקאַ איז שנעל געגאַנגען און איך האָב קוים געקאָנט זי אָניאָגען מיט די פּעקלעך, וועלכע איך האָב געטראָגען. קומענדיג צום עק גאַס, בין איך אַזוי פערמאַטערט געווען, אַז איך האָב זיך געמוזט אָבשטעלען: דער קאָפּ האָט זיך געדרעהט, דאָס האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט.

—וואָס איז מיט אייך?—האָט אַנושקאַ געפרעגט.

—גאָרנישט. דער קאָפּ טהוט וועה—האָב איך געענטפערט און בין ווייטער געגאַנגען.

—אָרימער נעבּיך,—האָט אַנושקאַ געזאָגט, ווי געוועהנליך אַלעמאָל אין אַזעלכע פאַלען, און האָט צוגעגעבען:—מיר וועלען גלייך אַוועקפיהרען די קינדער צו איסאַקאָוו'ן?

—ניין,—האָב איך מיט אַ שוואַכער שטים געענטפערט,— איך וועל אַהיימגעהן... איך געה קוים...

—וואָס איז מיט אייך?—האָט אַנושקאַ געפרעגט, דאָס מאָל שוין אויפמערקזאַמער. זי האָט זיך אָבגעשטעלט און אַ קוק געטהון מיר אין געזיכט—איהר זענט קראַנק?

איך האָב זי נישט געוואָלט איבערשרעקען און האָב געשווינד געענטפערט:

—נאַרישקייטען! איך בין אינגאַנצען געזונד! קומט, קומט שנעלער!

מיר האָבען שוין די קראַנקע נישט געטראָפען. מ'האָט זיי

שוין אָבגעפיהרט אין שפּיטאָל. אַנושקאַ מיט איסאַקאָווי'ן האָבּען זיך פערנומען מיט די קינדער און איך בּין אהיימגעגאַנגען.

## ו

ס'איז געווען אַרום ניין אָווענד. איך בּין לאַנגזאַם געגאַנגען, פּיהלענדיג אַ שרעקליכע מידקייט. וואָס שנעלער דערשלעפּען זיך אַהיים און זיך לעגען—מעהר האָב איך נישט געטראַכט.

—שטעה!—האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ געשריי הינטער מיר און בּאַלד דערויף אַ קלאַפּ אין פּלייצע.

איך האָב זיך אומגעקוקט און דערזעהן מעלצינ'ען. ער איז געווען אינגאַנצען ניי געקליידט און האָט גאָר געשיינט.

—אַ גוטען אָווענד דיר!—האָט ער אויסגעשריען, כאַפּענדיג מיין האַנד—כ'האָב דיך שוין אַ גאַנצע אייבּיקייט נישט געזעהן, טייוועל!

וואָס פאַר אַ פּראַנט! בּיזט רייך געוואָרען, צי וואָס?—האָב איך פערוואונדערט געפרעגט.

—כ'בּין רייך געוואָרען, בּרידער!—האָט ער פרעהליך געענטפערט.—כ'האָב לעקציעס פאַר גאַנצע פיערציג רובל און אויסערדעם נאָך אַ לעקציע פאַר אַ מיטאָג. און נאָך וואָס פאַר אַ מיטאָג! דריי געריכטען!—האָט ער ענטציקט צוגעגעבּען.

עפּיס אַ בּייז געפיהל האָט זיך אין מיר דערוועקט און איך האָב טרוקען געענטפערט:

—נו, וואויל...

—זאָג נאָר דו, בּן אדם, קום אַריין צו מיר מאָרגען...

—שדים וועלען צו דיר קומען—האָב איך בּייז געענטפערט און געוואָלט אַוועקגעהן.

—שטעה!—האָט ער מיך אָנגעכאַפּט פאַר אַנ'אַרבּעל—איך וועל צו דיר אַריינקומען נאָך דעם נייעם העפט פון זשורנאַל. מ'האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט עס...

—איך האָב עס, נאָר נישט פאַר דיר...

—דרעה נישט קיין קאָפּ!—האָט ער פלעגמאַטיש גענטפערט.—כ'וועל מאָרגען זיין און נעהמען דאָס ביכעל.

איך בין אַלץ מעהר אין כעס אַריינגעקומען.

—איידער דו פּיזט רייך געוואָרען, האָסטו, דאַכט זיך, איסאַקאָוו'ן אַ חודש צוויי די ביינער אָבגעגעסען?—האָב איך מיט איינגעהאַלטענעם כעס געפרעגט.

—נו?

—וואָלסטו קיין עבירה נישט געטהון, ווען דו גיסט אַ צוויי-דריי לעקציעס פון דיינע.

—דער טייוועל ווייסט איהם, וואָס ער האָט קיין לעקציע נישט! ווען ער וואָלט געקומען, געזאָגט, וואָלט איך איהם אפשר געגעבען...

—„אפשר"?—האָב איך איהם איבערגע'חזר'ט און האָב געוואָלט נאָך עפּיס בעליידיגענדעס איהם זאָגען, אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַרויסריידען. עפּיס האָט מיך ביים האַלז געשטיקט. איך האָב זיך אומגעקעהרט און געוואָלט אַוועקגעהן.

—מאָראַליסט!—האָט מעלצין אַ געשריי געטהון—גיב אַהער די לאַפּע, געזעגען זיך... און פאַרוואָס טרעטסטו נישט אָפּ איסאַקאָוו'ן דיינע לעקציעס?... נו, גיסט נישט קיין האַנד-כאַפּט דיך דער וואַטע-מאַכער. קענען וויל איך דיך נישט, פיליסטער. און דאָס העפט וועל איך פונדעסטוועגען ביי דיר נעהמען!

איך האָב זיך קוים לעבעדיג דערשלעפּט אַהיים. דער שמועס מיט מעלצינ'ען האָט מיך עפּיס שרעקליך אויפגערעגט. איך האָב זיך מיט מיה אויסגעטהון און געלעגט אין בעט, כ'האָב אָבער נישט געקאָנט אַנטשלאָפען ווערען. אין קאָפּ האָט גערוישט, כ'האָב געהערט, ווי דאָס בלוט לויפט אין די אָדערן, ס'האַרץ האָט זיך קראַמפּהאַפט צונויפגעדריקט. אַ שטיקעל צייט בין איך געלעגען אָהן געדאַנקען. פּלוצלינג איז מיר געוואָרען שרעקליך: ס'האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז פון באַלקען לאָזט זיך גלייך צו מיר אויפ'ן פנים אַראָב אַ גרויסע שפּין. איך האָב מיר פערדעקט מיט די הענד דאָס געזיכט. דאַן האָט זיך

מיר ווייטער געדולפֿ, אַז עמיצער קוקט אין פֿענסטער אַריין. איך האָב ברייט געעפֿענט די אויגען און גאָרנישט געזעהן. מיין שרעק ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, כאָטש כ׳וויים זיכער, אַז קיינער איז הינטען נישטאָ. איך האָב זיך מיט מיה אויפגעהויבען און אָנגעצונדען אַ שוועבעלע. דאָס האָט מיך אַ ביסעל בערוהיגט. איך ליג און כ׳ווייס נישט, פאַרוואָס דערמאָהנט זיך מיר מיין געשטאָרבענע מוטער. עס ווערט מיר פֿלוצלינג באַנג און שמערצליך און כ׳פיהל, ווי איבער די באַקען פֿליסען מיר די טרעהרען. איך לאָז זיי רוהיג פֿליסען. איך פיהל אַ זיסע שוואַכקייט, עפּיס ווערט מיר לייכטער אין דער ברוסט. ביסלעכווייז געהט דאָס געוויין איבער אין אַ יאָמערן. איך קאָן זיך נישט באַהערשען. פון האַלז רייסט זיך נישט זוילענדיג אַרויס אַ כליפען—און אין דערזעלבער צייט שרעקט מיך איין געדאַנק: „די בעל-הבית׳טע וועט דערהערען, וועט זיך דערשרעקען און וועט אַריינקומען און ס׳וועט זיך מאַכען אַ טומעל״. איך שטאַרק זיך, איך שטעה אויף, נעהם אַ ביסעל וואַסער, שווענק זיך דורך דעם האַלז, בענעץ זיך די ברעמען און שלעפּ זיך צוריק צו צום בעט. איצט ליג איך שוין רוהיג, אָהן געדאַנקען און אָהן געפיהלען. איך האָב אָנגעהויבען אַריינצופאַלען אין דרימעל, נאָר באַלד האָב איך מיך צוליב עפּיס אויפגעכאַפּט און בין לאַנג אַזוי געלעגען מיט אָפענע אויגען.

מיר האָבען זיך פלוצלינג דערמאָהנט מיינע פריהע קינדער־יאָהרען. פאַר די אויגען זענען מיר פאַרביי מיט אַנ׳ערשטוינענדער קלאָרקייט דעמאָלדיגע בילדער: איך זעה זיך אין דער פאַמיליען-סביבה, אין חדר, אין בית-המדרש. וויפיל וואַרימקייט און היימישקייט איז אין דעם אַלעם געווען! אין מיר וואַכט-אויף אַ דריקענד בעוואוסטזיין פון מיין איינזאַמקייט און היימלאָזיגקייט, אַ געפיהל פון קאַלטקייט... אומגעריכט פאַלט מיר איין, אַז אַלע מיינע פריינד און חברים, איסאַקאָוו, אַנושקאַ, ראָגאָוו,—זענען מיר פרעמדע, ווייטע, איבריג, און איך בין פאַר זיי אַנ׳איבריגער... איך פיהל, אַז די קראַנקע וועשין מיט די הונגעריגע קינדער זענען מיר גאָר קיין שאָד נישט... עס איז

מיר אַ רחמנות געוואָרען אויף זיך אַליין. כ׳האָב דערפיהלט אַ שמערצליכען הונגער אין מאָגען. אַנ׳עהנליך געפיהל האָב איך אויך געפיהלט אין דער נשמה, אויך זי איז ביי מיר אויסגע־הונגערט נאָך אַ ליבען און נאָהנטען. נאָך צערטליכקייט און הימליכקייט... איך וויין און וויים אַליין נישט, וועלכער הונ־גער, דער פיזישער צי דער גייסטיגער, פערשאַפט מיר איצט מעהרליידען. ערשט פאַרטאָג בין איך איינגעשלאָפען מיט אַ שווערען שלאָף.

## ז

איך האָב זיך זעהר שפּעט אויסגעכאַפּט. דער קאָפּ און אַלע אברים זענען מיר זעהר שווער געווען. אַ שטיקעל צייט בין איך געלעגען אונבעוועגליך. געוואַרט ביז דער זייגער וועט שלאָגען. ס׳האָט געשלאָגען עלף.

איך האָב גוט געוואוסט מיין קריטישע לאַגע, נאָר עס האָט מיך עפּיס נישט געאַרט. איך האָב אפילו נישט אַ קלער געטהון וועגען געהן שאַפען זיך עפּיס געלד: דאָס האָט זיך מיר אויסגעוויזען שרעקליך קליינליך און נישטיג.

איך האָב זיך אָנגעטהון, אָבגעוואַשען און אַריינגעגאַנגען צו דער בעל-הבית׳טע אין צימער. דאָרט איז נאָר פעקלושאַ אַליין געווען.

—דער סאַמאָוואַר קאָכט, קאָ-אָכט!—האָט זי אויסגעשריען דערזעהענדיג מיך.

—איך וועל, ליבינקע, קיין טיי נישט טרינקען,—האָב איך איהר שטיל און שוואַך געזאָגט,—און קיין לעקציע וועלען מיר היינט אויך נישט האָבען...

זי האָט אויף מיר פערוואונדערט אַ קוק געטהון, זי האָט געוואָלט עפּיס פרעגען, אָבער איך בין שוין צוריק אַריין צו מיר אין צימער. איך האָב גענומען אַ ביכעל און אָנגעהויבען בלעטערן, אָבער איך האָב עס גלייך אַפּאַטיש צוריקגעלעגט.

מען דאַרף ערגיץ געהן... בעזוכען די קראַנקע חעשין... צו איסאַקאָוו׳ן... יאָ, ס׳איז נויטיג...

איך בין אַרויסגעגאַנגען, נאָר איך בין נישט געגאַנגען צו דער קראַנקער. איך האָב זיך געפיהלט זעהר פערמאַטערט, איך האָב געדאַרפט זיך אָברוהען. צו דער קראַנקער וועל איך דער־נאָך געהן און איצט אין ביבליאָטעק.

דער ביבליאָטעק-לעזע-זאַל איז געווען אַ ליבע היים פאַר אונזער קרייזעל. מיר זענען דאָ זעהרגעקומען נישט אַזוי לעזען ווי אָברוהען. די שטילקייט פון דער הויכער, גרויסער שטוב, די ווענד פערשטעלט מיט ביכער און דאָס פריינדליכע שמייכע־לע פון דער אַלטיטשקער ביבליאָטעקאַרין האָט אויף אונז אוי־סערגעוועהנליך בערוהיגענד געווירקט.

אין לעזע-זאַל איז קיינער נישט געווען. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביים פענסטער און גענומען אַ צייטונג. איך האָב אַדורכגעלייענט מעכאַניש עטליכע טעלעגראַמען, אַוועקגעלעגט די צייטונג, גענומען אַ צווייטע, אַ דריטע—ס׳לעזט זיך נישט. איך האָב געעפענט אַ זשורנאַל-העפט, געפרובט לעזען—איך פערשטעה אָבער נישט דעם אינהאַלט. נאָך אַ ביסעל לעזען, האָבען די אותיות מיר גענומען שפּרינגען פאַר די אויגען, און האַרץ האָט מיר גענומען שטאַרק קלאַפּען. איך האָב אַוועקגעלעגט דאָס בי־כעל און גענומען קוקען אָהן אַ ציל דורכ׳ן פענסטער. עס איז מיר שרעקליך אומעטיג געוואָרען און ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וויינען.

לאַנג בין איך אַזוי געזעסען אונבעוועגליך. ביסלעכווייז האָט זיך דער הונגער געלאָזט אַלץ מעהר פיהלען: אין מאָגען האָט עפּיס גענאָגט און געצויגען, דער האַלז האָט זיך קאָנ־וואולסיוו צונויפגעדריקט. כ׳האָב מיר קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. איך האָב געפיהלט נאָר איין שמערצליכען פערלאַנג: „עסען, עסען, עסען!" כאָטש אַ שטיקעל פערדאַרט ברויט, אַבי קייען מיט די ציין און פיהלען עפּיס אָטעם אין מויל.

איך האָב אָבגעריסען עטליכע בלעטלעך פון די בלומען, וועלכע זענען געשטאַנען אויפ׳ן פענסטער, און גענומען זיי

קייען. אָבער דערפיהלענדיג אַ ביטערקייט אין מויל, האָב איך גיך אויסגעשפּיגען. איך האָב געכאַפּט אַ גלאָז וואַסער און גע-פּרובט טרינקען, אָבער עס האָט מיך גענומען איבלען. איך האָב זיך אַװעקגעזעצט, געקאָרטשעט זיך, פערביסען די ליפּען ביז בלוט און פערמאַכט די אויגען. דאָס שמערצליכע געפיהל האָט עטוואָס נאָכגעלאָזט.

דער זייגער האָט געשלאָגען.

„איך וועל געהן צו ראַגאָוו'ן מיטאָגען!"—האָב איך, נישט קלערענדיג, בעשלאָסען און זיך אויפגעהויבען. אָבער אין דער זעלבער מינוט איז איסאַקאָוו אַריינגעקומען.

—איך קום פון שפּיטאָל. דער פרוי איז, דאַנקען גאָט, בעסער—האָט ער מיר, אַריינקומענדיג, געמאָלדען. אַנושקאַ איז מיט די קינדער, זי האָט זיי געוואָלט נעהמען צו זיך, האָט אָבער די מוטער נישט ערלויבט.

—איך בין הונגעריג...—האָב איך שטיל געזאָגט.

—איך אויך!—האָט ער געענטפערט, פריי צעלאַכענדיג זיך,—איך האָב היינט קיין טיי נישט געטרונקען... נו, דאָס איז אָבער נישט וויכטיג. מען דאַרף גלייכער אַ שמועס טהון וועגען לאַס-קין'ען...

לאַסקין איז געווען אונזער ביידענס תלמיד, אַנ'אומגליק-ליך בעשעפעניש מיט אַ גרויסען דורשט נאָך וויסען און שרעק-ליך טעמפּע פעהיגקייטען. דאָס איז אַ מערטירער, וואָס האָט אונז אויך פערמוטשעט.

—זאָל ער ווערען אַנ'איינבינדער, אַ שלאָסער, אַ שניידער—נאָר זאָל ער די בילדונג צו-רוה לאָזען! ער האָט מיר שוין דאָס לעבען פערביטערט מיט זיין טרויעריג פעראומערטער פי-זיאָנאָמיע!—האָב איך אויסגעשריען.

—ער וועט צו קיין בעל-מלאכה נישט געהן.

—נו, אַלזאָ, גרייט-זשע דו איהם צו צום גימנאַזיום,—האָב איך אויפגערעגט געזאָגט.

איסאַקאָוו האָט זיך מעכאַניש צעלאַכט:

—צום גימנאַזיום איז איהם אונמעגליך צוצוגרייטען. מען

וועט איהם אַמאָל געפונען אַ טויטען ביי אַנ׳אַלגעברע. דאָס האַרץ וועט איהם פּלאַצען... יאָ, אייגענטליך—האָט ער זיך דער-מאָהנט—איז פאַר דיר דאָ אַ זיבען-רובלדיגע לעקציע. און שטעל דיר פאָר, אַז מעלצין לעגט איהר פאָר! ער איז ספּעציעל גע-קומען צו מיר וועגען דעם. ער איז פראַנטיש אָנגעטהון, ער האָט, זאָגט ער, לעקציעס אויף אַ מיליאָן רובל און אַ מיטאָגל פאַר צעהנטויזענד רובל...

—דאָס געוויסען האָט זיך ביי איהם אָבגערופען,—האָב איך געזאָגט און האָב איסאַקאָוו׳ן דערצעהלט וועגען מיין נעכטיגער בעגעגעניש מיט מעלצינ׳ען.

—נו, בכן—האָט ער, גוטמוטיג שמייכלענדיג געזאָגט—די לעקציע נעהם קודם-כל.

—פאַרוואָס-זשע גיסטו מיר עס אַוועק? ער האָט דאָך דיר פאָרגעלעגט!

—איך האָב דאָך איינע און דו האָסט גאָרנישט. אויסער-דעם האָב איך קיין צייט נישט. איך וואָלט מיינע „קופּצעס״ אויך וועמען אַוועקגעגעבען... נאָך גוט, וואָס כ׳האָב שוין סיי-ווי אָנ-גענומען פאַר צוויי חדשים פאָראויס—האָט ער, צעלאַכענדיג זיך, צוגעגעבען.

—איך וועל אָבער פון מעלצינ׳ען קיין לעקציעס נישט נעהמען: וועסט זיך דערנאָך, שוין אייביג נישט קאָנען פון איהם אויסצאָהלען—האָב איך צערייצט געענטפערט און אין די אויגען זענען מיר טרעהרען געקומען. איך בין שוין אַזוי שוואַך געווען, אַז די קלענסטע אויפרעגונג האָט מיך צו טרעהרען געבראַכט.

איסאַקאָוו האָט עפּיס צו מיר גענומען ריידען וועגען אַנושקאַ׳ן, נאָר איך האָב איהם כמעט נישט געהערט. ער האָט דאָס בעמערקט.

—דו הערסט דאָך נישט, וואָס כ׳רייד!—האָט ער זיך גע-וואונדערט.

—איך בין הונגעריג—האָב איך קוים געענטפערט.

איסאַקאָוו האָט אויף מיר אַ קוק געטהון.

—דו זעהסט טאַקי שלעכט אויס—האָט ער קאַלטבלוטיג

אײגגעשטימט—אַז כ׳וועל נאָר האָבען געלד, וועלען מיר שוין הולּיען, - האָט ער מיך געטרייסט און איז גלייך אַוועק.

אַ מאָדנע זאַך: איסאַקאָוו איז געווען אַ צאַרטער מענש און פרעמדע ליידען האָבען ביי איהם שטענדיג אַנ׳אָבקלאַנג געפונען, און פונדעסטוועגען, ווען איך, זיין אינטימסטער פריינד, בין פשוט געשטאָרבען פון הונגער, האָט ער דאָס גאָרנישט בעמערקט.

איך בין, דוכט זיך, נישט לאַנג פערבליבען אין ביבליאָטעק. כ׳געדענק נישט, וואוהין כ׳בין פון דאַנען געגאַנגען. די געדאַנקען האָבען זיך מיר געפלאָנטערט, די געפיהלען—עפּיס אונבעשטימט: כ׳האָב נאָר געפיהלט, אַז די כוחות געהען מיר אויס...

## ח

כ׳האָב דערהערט עפּיס אַ וואונדערבאַר זינגען, און כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט. נאָר איידער איך האָב די אויגען געעפענט, האָב איך געפיהלט אַז דער קאָפּ ליגט מיר אויף עפּיס ווייכס: דוכט זיך, אַ קישען. איך האָב זיך גאָרנישט געוואונדערט, כאָטש איך בין שוין עטליכע חדשים נישט געלעגען אויף קיין קישען. כ׳האָב זיך געפיהלט גוט און רוהיג.

כ׳האָב פויל געעפענט די אויגען און זיך דערזעהן ליגען אין אַ בעט אין אַ גאַנץ אונבעקאַנט צימער. ס׳איז שוין געווען נאַכט, נאָר דורך דער האַלב-אָפענער טהיר האָט זיך אין צימער אריינגעריסען אַ שיין. דאָס געזאַנג, וואָס האָט מיך אויפגעוועקט, איז געווען אַ וואונדערבאַרס, אַנ׳אונגעוועהנליכס און אין דער ערשטער מינוט איז מיר נישט קלאָר געווען אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך מ׳זינגט דאָס. ערגיץ פון יענער זייט וואַנט האָט אַ פרויען-שטים געזונגען, זעהר שטיל, עפּיס ווי תפילות אַזוי אומעטיק, ציהענדיג, נאָר ווייך און גלעטענדיג. פּלוצלינג האָב איך זיך דערמאָהנט: דאָס איז דאָך די שבת-צו-נאַכט׳דיגע תפילה,

וועלכע הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב!"... און באַלד דערויף האָב איך דערקענט די מוהמע באַשע'ס שטים. כ'האָב זיך גאָרנישט געוואונדערט, כ'האָב אפילו נישט געפרעגט פון ווי קום איך אַהער. כ'האָב זיך געפיהלט רוהיג און צופרידען, ווי נאָך אַ קראַנקהייט און דער מוהמעס זינגען האָט זיך מיר אויסגעוויזען צאַרט און פּאָעטיש.

—מוהמע!

—שוין!—האָב איך דערהערט אַנ'איילינגען ענטפער און באַלד איז די מוהמע אַרייגעקומען מיט אַ לאָמפּ אין דער האַנד.

—אוי, אוי, יאָסעלע, האָסטו אונז איבערגעשראָקען!—האָט די אַלטיטשקע מיט די גוטע שטראַהלענדע אויגען און מיט'ן ליבען שמייכעלע אויפ'ן געזיכט אויסגערופען מיט אַ צערטליכען פאָרוואורף, דרעהענדיג מיט'ן קאָפּ.

—וואָס איז דען פאָרגעקומען? איך וויס דאָך גאָרנישט!—האָב איך געזאָגט און האָב זיך אַזוי צעלאַכט, ווי איך וואָלט נאָר-וואָס אַ קלוג שפּיצעל אָבגעאַרבייט.

—וואָס ס'איז פאָרגעקומען? דו ביזט אַריינגעקומען, האָסט אָנגעהויבען עפּיס אונפערשטענדליך מורמלען, דוכט זיך, אַז דו ביזט פערבייגעגאַנגען, האָסטו אָנגעטרעטען אָן עפּיס און פּלוצלינג ביזטו בלייך געוואָרען און געפאלען חלשות. אַ גאַנצע שעה האָט געדויערט ביז דער דאָקטאָר האָט דיך דערמונטערט... דערנאָך ביזטו איינגעשלאָפען...

—כ'געדענק גאָרנישט.

—ער לעבט! תחית המתים!—האָבען זיך פון צווייטען צימער דערהערט געשרייען—און אין טיר האָבען זיך בעוויזען: אַנושקאַ, אַליאָשאַ, ראָגאָוו און נאָך איינער פון אונזערע חברים, אַ סעמינאַריסט.

איך האָב זיך שטאַרק געוואונדערט אויף די אומגעריכטע געסט און גלייך ווי כ'האָב זיי דערזעהן, האָט זיך מיין ווייכע

פרידליכע שטימונג געענדערט. עס האָט מיך אַרומגענומען אַ געפיהל פון שרעק, עס איז מיר געווען אונאָנגענעהם און פער-דריסליך, וואָס די חברים האָבען מיך דאָ געטראָפען. כ׳האָב זיך דערמאָהנט דער מוהמעס זינגען און כ׳האָב איצט שוין פער-שטאַנען, פאַרוואָס זי האָט אַזוי שטיל געזונגען, מיר איז און-אָנגענעהם געווען פון געדאַנק, אַז מיינע חברים האָבען דאָך געמוזט הערען איהר זינגען. ס׳האָט זיך מיר געוואָלט וואָס שנע-לער אָבטראָגען פון דאַנען.

כ׳האָב זיך אויפגעזעצט אין בעט און געפרעגט:

—ווי אַזוי קומט איהר דאָ אַהער?

—זייער פאָטער איז דאָ געווען...—האָט זיך די מוהמע אָבגערופען, ווייזענדיג אויף ראָגאָוו׳ן און מיך האָט דערוויילע געערגערט איהר זינגענדיגער און שלעכט-רוסישער אַקצענט.

—וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהון, זאָל גאָט שומר ומציל זיין—האָט אַליאָשאַ געזאָגט.—מ׳האָט דאָ דעם פאָטער מיינעם אַרויסגערופען און פון איהם האָבען מיר זיך דאָס דערוואוסט. מיר זיצען שוין דאָ אַ גאַנצען טאָג. די מוהמע דיינע האָט אונז מכבד געווען מיט טיי און אונז געשפייזט מיט יודישע מאכלים...

—„געשפייזט"! אַ קליין שטיקעלע פיש האָבען זיי אפילו נישט געוואָלט אויפעסען!—האָט די מוהמע פערדריסליך געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער.

—וואָס פאַר אַ ליבינקע זי איז, אייער מוהמע! וואָס פאַר אַ טייערע!—האָט אַנושקאַ ענטציקט אויסגעשריען.—איך האָב זיך פשוט איינגעליבט אין איהר דורך די עטליכע שעה!

—דער פאָטער קאָן זיך מיט איהר גוט—האָט אַליאָשאַ זיך אָנגערופען.—זי איז, זאָגט ער, אַ זעהר אינטערעסאַנטע, קלוגע פרוי. ער פערברענגט דאָ טיילמאָל מיט איהר גאַנצע אָווענדען. ער רופט זי „פריינדין".

דער גאַנצער כעס און פערדראָס איז מיט אַמאָל פון מיר פערשוואוגדען. עס איז מיר אויסערגעוועהנליך גרינג אויף דער

נשמה און, ווענדענדיג זיך צו דער טהיר, האָב איך פרעהליך און פריי אויסגעשריען:

—מוהמע! וואָס לאָזט איהר מיך הונגערן? גיט מיר אַהער די געפיהלטע פיש אייערע!

—כ׳גיב שוין! כ׳גיב שוין!—האָב איך דערהערט דער [illegible] מעס איילינגען און [illegible] עהליכען [illegible]פער...

# פיעדקע

פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטש איז געווען בעוואוסט אין שטאָדט אונטער דעם נאָמען „פיעדקע״, און דער פערקלענערטער נאָמען האָט איהם זעהר געפּאַסט, נישט קוקענדיג אויף זיין פינפאונצוואַנציג־יאָהריגען עלטער און שטאַרק־געבּויטען קערפּער.

פיעדקע איז געווען אַ הויכער, בּרייטבּייניגער יונגערמאַן מיט שטאַרקע בּעוועגונגען, מיט אַ גרינגען, נאָר זיכערן, אַ בּיסעל צוקלאַפּענדיגען טריט. גערעדט האָט ער הויך, געלאַכט הילכיג און האָט געהאַט אַנ׳אָפען האַרץ. אין שטאָדט—אַ פערוואָרפען יודיש שטעדטיל—האָט ער זיך אויסגעצייכענט, ווי אַ יונג מיט בּיינער: ער איז געווען דער אָנפיהרער פון די פרייוויליגע פייערלעשער, האָט גענומען אַנ׳ענערגישען אָנטייל אין דער אָרגאַניזירונג פון אַלערליי וואָוילטעטיגע ספּעקטאַקלען, בּאַלען און אָווענדען, און אומעטום איז ער געווען די נשמה פון דער געזעלשאַפט. אויף די בּאַלען און אָווענדען איז ער געווען דער אָנפיהרער, האָט דיריזשירט מיט די טענץ. האָט געשריען אויף דער העכסטער אָקטאַווע „אַ וואָ פּליאַס מעסיע!״, האָט זיך

געטראָגען מיט גליטשענדע געלאַפּען איבער'ן זאַל און פרעה־ליך געמאַכט אַלעמען מיט זיינע שטיק, ווערטלעך און וויצען. ער האָט מיט אַ ברען געטאַנצט אַ „קאַמאַרינסקע", האָט נישט שלעכט געשפּילט גיטאַרע, און מיט אַ גרויסען ערפאָלג „אוכאַזשעוועט" נאָך פרייליַנס. אין אַ געזעלשאַפט פון בחורים האָט ער זיך אויסגעטיילט מיט זיין לוסטיגקייט און אויפטהועַנישען. ער האָט געקאָנט מאַכען אַ גוטען אַ שנאַפּס, האָט ליב געהאַט אַנ'אַנדערש מאָל מאַכען אַ סקאַנדאַל און האָט פערמאָגט אַנ'אוצר מיט וויצען, איבערהויפּט פון יודישען און אַרמענישען זשאַנר.

אַנ'אויפמערקזאַמער בעאָבאַכטער וואָלט אָבער געקאָנט בע־מערקען אין פיעדקעס אויפפיהרונג אַ מאָדנע אייגענשאַפט. אין זיין לעבעדיגער יונגאַטשעשקייט און לוסטיגקייט האָט זיך גע־פיהלט אַנ'אָנשטרענגונג, אַ צו־גרויסע אויסגעאַרבייטקייט. אַנ'אַ־דערש מאָל, אין רעכטען ברען פון הוליען, ווען טאַנצענדיג אַ „קאַמאַרינסקע" און שטאַרק צוקלאַפּענדיג מיט די קאָרקעס פלעגט ער מיט'ן גאַנצען כח אַ שליידער טהון דאָס היטעל אָן דער ערד און אויסשרייען העלדיש: „ר־ר־אַז־שי־בו" (איך וועל פונאַנ־דערטראָגען!)–פלעגען אין דערזעלבער צייט זיינע גרויסע שוואַר־צע אויגען אויסדריקען אַ מין שרעק, ווי ביי אַ מענשען, וואָס גיט אָב אַ שווערען עקזאַמען און האָט מורא דורכצופאַלען. אַנ'־אַנדערש מאָל, דערצעהלענדיג אַ צינישען וויץ פון יודישען לע־בען, נאָכמאַכענדיג דעם יודישען אַקצענט מיט דעם קאָמישען „אַי, וואַי מיר!", פון וועלכע די קריסטליכע צוהערער פלעגען זיך קייקלען פון געלעכטער, פלעגט ער מיט אַמאָל, נישט ווי־לענדיג, מאַכען מיט די ליפען אַזאַ בעוועגונג, ווי ער וואָלט דערפיהלען אין מויל דעם ביטערן טעם פון טאַבאַק.

די סבה פון דעם אַלעם איז געווען זעהר אַנ'איידעלע און אינטימע:

פיאָדאָר סטעפּאַנאָוויטש אָדער פיעדקע האָט, לויט'ן פּאַס, געטראָגען דעם נאָמען זעליג הירשעלעוויטש.

## ב

פּיעדקע איז נישט קאָנטעט געווען מיט זיין יודישקייט. ער האָט עס גערעכענט פאַר אַ מום, ווי, לערך, אַ בעלמע אויפ׳ן אויג אָדער אַ הויקער. אומדרעהענדיג זיך אויסשליסליך אין דער סביבה פון קריסטען, האָט ער זיך געפיהלט שולדיג פאַר זיין יודישען שטאַם און געמיהט זיך מיט אַלע כוחות צו פערגלעטען זיין נישט-ווילענדיגע זינד מיט הכנעה׳דיגע דינסטפּערטיגקייט, לוסטיגקייט און חניפות. און דאָס האָט זיך איהם פולקאָם איינגעגעבען. זיינע רוסישע בעקאַנטע,—און אַ בעקאַנטשאַפט איז ביי איהם געווען גאָר אַ געהויבענע, אפילו מיט דעם איספּראַווניק אַליין איז ער געווען אויסגעבונדען,—האָבען איהם נישט בלויז מוחל געווען זיין יודישען שטאַם, נאָר אויסגעדריקט עס איהם אין אַ ריהרענדער פאָרם, זיי האָבען איהם שטענדיג גע׳הזר׳ט, אַז ער האָט קיין שום עהנליכקייט נישט אויף אַ יודען, און אפילו אָבגעזאָגט זיך צו גלויבען, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ יוד. נאָר איבערהויפּט ריהרענד האָט דאָס איהם אויסגעדריקט דער איספּראַווניק, אַן׳עלטערער מענש, אַ פרעהליכער און אַ גוטמוטיגער, וועלכער האָט ליב געהאַט פּיעדקע׳ן פאַר זיין ברייטער נאַטור און פאַר זיינע אונאָנשטענדיגע אַנעקדאָטען. זייענדיג בעזונדערס אויפגעלעגט צו פּיעדקע׳ן, פלעגט ער איהם מיט׳ן גאַנצען כח געבען אַ פּאַטש איבער׳ן רוקען און פלעגט אויסשרייען: „זשיד! זשיד! זשיד!״.—און פּיעדקע, אָבשאַצענדיג דאָס הויכע געפיהל און צוטרוי, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אויסגעשריי, פלעגט אויך אויפהויבען די האַנד, ווי צילענדיג זיך אויף אַ קלאַפּ איבער׳ן רוקען. אָבער קיין קלאַפּ פלעגט ער נישט אַראָבלאָזען, נאָר ער פלעגט ענטפערן מיט נאָך אַ שטאַרקערן געשריי: „אַליין אַ זשיד! אַליין אַ זשיד! און נאָך מיט פּאות׳ן!״—און ביידע פלעגען זיך פרעהליך פונאַנדערלאַכען.

אַנ׳אַנדערש מאָל פלעגט פיעדקע׳ן אויסקומען צו בעגעגע-נען זיך מיט דער יודישער פראַגע אין אַ ווענינער ליבליכער פאָרם. נאָר ער פלעגט שטענדיג אַרויסגעהן מיט כבוד פון דער אונאָנגענעהמסטער לאַגע. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס מען פלעגט איהם שטענדיג חוזר׳ן, אַז ער איז אַ האָר נישט עהנליך אויף אַ יודען, האָט מען איהם פונדעסטוועגען געהאַלטען פאַר אַ פעראַנטוואָרטליכען פאָרשטעהער פון יודישען פאָלק, און זיינע בעקאַנטע, איבערהויפט די דאַמען, פלעגען נישט דורכלאָזען קיין שום צופאַל צו בעקלאָגען זיך פאַר פיעדקע׳ן אויף יודען.

די פרוי פון אַקציז-בעאַמטען, אַ סאָלידע און שטרענגע דאַמע, וועלכע איז געווען גוט געניינט צו פיעדקע׳ן, וויל ער האָט איהר עטליכע מאָל געפונען דינסטען, פלעגט אָפט איהם בעגעגענען מיט אַנ׳איינגעהאַלטענעם פאָרוואורף: „זעה נאָר! דיינע יודעלעך!״ און פלעגט דערביי דערצעהלען וועגען אַנ׳-אָבנאַרעניש אָדער אַנ׳אַנדער עולה פונ׳ם יודישען קרעמער אָדער שניידער.

פיעדקע, נישט אויכהערענדיג איהר ערצעהלונג, פלעגט איהר איבערשלאָגען די רייד מיט נאָך אַ שטאַרקערן פערדרוס-אויסגעשריי: —„דאָס איז נאָך גאָרנישט! אָט איך וועל אייך דער-צעהלען אַ געשיכטע, וועט איהר זעהן, אויף וואָס פאַר אַ נבלות זיי זענען פעהיג!״ און פלעגט נעהמען אויף גיך דערצעהלען אַזאַ מין געשיכטע.

און כאָטש אַזעלכע ערצעהלונגען האָבען אין פלוג גע-דאַרפט נאָך מעהר אויפברענגען די סאָלידע דאַמע, פלעגט זי, פערקעהרט, זיך בערוהיגען און פערענדיגען דעם געשפרעך מיט אַ זיפץ: „אָט זעהסטו״... און בלייבען בעפרידיגט מיט פיעדקעס ענטפער.

דער איינציגער מענש, מיט וועמען פיעדקע האָט זיך גע-פיהלט אונהיימליך, איז געווען דעם איספראַווניק׳ס שוויגער, אַ דאַרינקע, אַ ציכטיגע, מיט דינע בלויע ליפעלעך און דורכדרינ-גענדע, בייזע אויגעלעך, אַ געוועזענע גוטבעזיצערין, וועלכע האָט נאָך נישט פערגעסען דאָס „קרעפּאָסטנאָיע פראַוואָ״. זי

האָט נישט ליב געהאַט פיעדקע׳ן, פלעגט זיך צו איהם ווענדען מיט די ווערטער: „פיאָדאָר, ווי הייסט דו דאָרטען נאָכ׳ן טאַטען נאָך!״—און פלעגט אַרויסזאָגען, אַז זי צווייפעלט אין זיין ערנסטקייט:

—אָט, דו דרעהסט זיך אַלץ אַרום,—פלעגט זי זאָגען מיט אַ פאָרוואורף—דערצעהלסט וועגען דיינע יודעלעך אי דאָס, אי יענץ, אָבער אין האַרצען ביזטו געוויס אַזאַ ווי זיי, און געוויס געהסטו אפילו אין זייער „סינאַגאָגע“.

און כאָטש אין אַזעלכע פאַלען פלעגט זיך דער איספראַווניק הייס איינשטעלען פאַר פיעדקע׳ן און איז געווען גרייט צו שווערען, אַז פיעדקע געהט אפילו נאָהנט נישט צו צו דער סינאַגאָגע, האָט זיך די אַלטע געהאַלטען ביי איהרס און צוגויפציהענדיג די דינע בלויע ליפעלעך, פלעגט זי גיפטיג זאָגען:

—און אָט, פונדעסטוועגען, שמד׳ט ער זיך דאָך נישט, פערלאָזט נישט זיין זשידאָווסקי׳ן גלויבען.

פיעדקע, ווערענדיג רויט און צורודערט, פלעגט אויף דעם נעהמען געהיים איינרוימען דער אַלטער אַ סוד און דערביי קלאַפען זיך אין האַרצען. די אַלטע פלעגט געדולדיג און שווייגענדיג אויסהערען, זיפצען און שאָקלען צווייפלענדיג מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט זאָגען:

—גוט, אויב דו זאָגסט אמת. ווי איז אָבער, אויב דו לייגסט?...

## ג

פיעדקע איז געווען אַ ציין-דאָקטאָר און האָט געהאַט אַ גוטע פראַקטיק, זיינע קליענטען זענען געווען כמעט אויסשליסליך יודען. זיי האָבען גוט געוואוסט, ווי פיעדקע פערהאַלט זיך צו יודען, נאָר דאָס האָט זיך נישט אָפּגערופען אויף זיין פראַקטיק. אדרבא, דאָס האָט נאָך צוגעצויגען צו אים די יודישע קליענטען. עס האָט זיך גערעכענט ווי אַריסטאָקראַטיש צו היי-

לען זיך אָדער צו לאָזען זיך רייסען די ציין ביי פּיעדקע׳ן. אָט, ער וויל נישט קענען קיין יודען, און פאַר אַ רובל מיט אַ פּוילען צאָהן אַ צוגאָב קאָן מען זיין ביי פּיעדקע׳ן צו הויז, דריקען איהם די האַנד, ווי אַ גוטען בעקאַנטען, ריידען מיט איהם, אַנ׳אַנדערש מאָל בעגעגענען ביי איהם עמיצען פון זיינע רוסישע בעקאַנטע, הערען פון איהם אַ וויץ און נאָכדעם איבער-געבען עס ווי אַ זאַך, אַ געהערטע פון „פּיעדקע׳ן אַליין". בקיצור, אַ געוויסע טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג, די אַזוי גערופענע קליינשטעדטילדיגע „אינטעליגענץ", האָט ויך שטאַרק אינטערעסירט מיט „פּיעדקע׳ן", (אונטער די אויגען האָט מען איהם טאַקי אַזוי גערופען „פּיעדקע"—און דער נאָמען איז שטאַרק געפעלען געווען), געהאַלטען איהם פאַר אַ גרויסען וויצ-לינג און יעדערער האָט געזוכט צו דערצעהלען וועגען פּיעדקע׳ן עפּעס אינטימעס, וואָס זאָל אויפווייזען, אַז דער דערצעהלער איז נאָהנט צו פּיעדקע׳ן, כמעט בעפריינדעט מיט איהם. און וואָס מעהר פעראַכטונג פּיעדקע פלעגט אַרויסווייזען זיינע פּאַ-ציענטען, אַלץ מעהר האָבען זיי געזוכט צו זיין נאָהנט מיט איהם.

פּיעדקע׳ס געשעפטען זענען געגאַנגען נישט שלעכט. נאָר ער האָט זיך געפיהלט נישט בעפרידיגט, אי מיט דער פּראַקטיק, אי מיט׳ן שטעדטיל. אַ העק! נישטאָ וואו אַרויסצווייזען זיך! און עס האָט איהם געצויגען אין דער הויפּט-שטאָדט, לכל-הפחות אין אַזוי אַ גרויסער שטאָדט.

—מיר האָט דערעסען דאָס פערשמאָדערטע שטעדטיל מיט איהרע יודליקעס!—פלעגט ער זיך אָפּט קלאָגען פאַר זיינע בע-קאַנטע.—סוף כל סוף וועל איך אַלץ וואַרפען און וועל אַריבער-פאָהרען אין נ. און אפשר טאַקי אין פעטערבורג!

פּיעדקע האָט זיך אַרומגעטראָגען מיט דעם געדאַנק צו בעקומען אַ שטעלע אין אַ באַנק. ער האָט אַמאָל געלערנט בוכ-האַלטעריע און געווען זיכער, אַז אַריינטרעטענדיג אין באַנק וועט ער גיך זיך אויסצייכענען און רייך ווערען. בכלל האָט פּיעדקע אָנגעהויבען שטאַרק צו טראַכטען וועגען דעם, זינט אין

שטעדטיל האָבּען זיך בּעזעצט צוויי נייע דענטיסטען פון פּע-
טערבּורג און זיין פּראַקטיק האָט זיך בּעדייטענד פערקלענערט.

## ד

איינמאָל, נאָכדעם ווי דורכ׳ן שטעדטיל איז צופעליג דורכ-
געפאָהרען אַ הויכגעשטעלטע פערזאָן, האָט דער איספּראַווניק
בּעקומען אַ העכערונג און איז בּעשטימט געוואָרען אַלס פּאָליצ-
מייסטער אין דער גובּערניע-שטאָדט נ. לכבוד דער שמחה האָט
דער איספּראַווניק געמאַכט אַ מאָלצייט, אויף וועלכען מען האָט
פיל געגעסען, נאָך מעהר געטרונקען און בּיז׳ן פריהמאָרגען גע-
טאַנצט. אַלע געסט האָבּען אויסגעדריקט זייער טיפען צער, וואָס
זיי פערלירען פון זייער קרייז אַזאַ גוטען, ליבּהאַרציגען און
אָרענטליכען מאַן ווי דער איספּראַווניק. מיט זיין אָבּפאָהרען
וועט ווערען פוסט און וויסט אין שטעדטיל. שטאַרקער פון אַלע-
מען האָט אויסגעדריקט זיין צער פיעדקע. ער איז אפילו נישט
אָבּגעשטאַנען פון לייטען אין טרינקען און און טאַנצען, נאָר
ער האָט זיך געהאַלטען פערטרויערט. אויפהויבּענדיג זיין גלע-
זעל, האָט ער זיך שטאַרק געקלאַפּט מיט׳ן פויסט אין האַרצען
און געשריען מיט אַ טראַגישען קול:

—בּעשטימט! נאָך קוזמאַ ניקאָלאַיעוויטש׳עס אָבּפאָהרען
בּלייבּ איך דאָ נישט! פערפלוכט זאָל איך זיין, אויבּ איך פּאָהר
נישט איבּער צו איהם אין נ.

דער איספּראַווניק, געריהרט פון אַזאַ איבּערגעגעבּענקייט,
האָט אַרומגענומען פיעדקע׳ן און הייס אויסגעשריען:

—פיעדקע! וואַרף אַלץ צום טייוועל און פּאָהר מיט מיר!
בּיי מיר וועסטו נישט פערפאַלען געהן!

און אַרומנעהמענדיג די גאַנצע פערזאַמלונג מיט אַ האָ-
פערדיג-שיכור׳ן בּליק, האָט ער צוגעגעבּען:

—ווער עס וויל, זאָל פּאָהרען מיט מיר! איך וועל אַלע-
מען איינאָרדנען!

אויף מאָרגען, אַז פּיעדקע, שוין אַ ניכטערער און אַ רו-היגער, איז געקומען צום איספּראַווניק העלפען איהם פּאַקען זיך, האָט ער זיך ווידער אומגעקעהרט צום נעכטיגען געשפּרעך וועגען איבערפאָהרען קיין נ.

—עס פערשטעהט זיך! וואָס ווערסטו דאָ אויסזיצען,—האָט איהם אונטערגעהאַלטען דער איספּראַווניק.—דאָרטען ווערסטו האָבען אַ בעסערע פּראַקטיק. זשידאָטשקעס זענען דאָרט פיל מעהר ווי דאָ!

—אַ, כאַפּט זיי דער טייוועל! זיי האָבען מיר דערעסען!—האָט געענטפערט פּיעדקע.—איך וויל גאָר וואַרפען די ציין-דאָקטאָריי און אָנקומען אין אַ באַנק. אַ ריינערע אַרבייט און נישט האָבען צו טהון מיט אַלערליי יאָסקעס און חייקעס!

—אדרבא!—האָט איינגעשטימט דער איספּראַווניק.—ווערסט זיך איינאָרדנען אין אַ באַנק און מיט דער צייט אַליין ווערען אַ באַנקיר.

פּיעדקע האָט אַ זיפץ געטהון.

—דאָס אומגליק אָבער איז, וואָס בעקומען אַ שטעלע אין אַ באַנק איז נישט גרינג. מען דאַרף דערצו האָבען אַ וויכטיגע פּראָטעקציע.

—שפּיי אויף דעם! אָט איך וועל זיך נאָר איינאָרדנען אין שטאָדט, וועל איך דיר פערשאַפען וואָס פאַר אַ שטעלע דו ווערסט ווילען.

נאָר פּיעדקע האָט זיך דערמיט נישט בענוגענט.

—ווען דאָס וועט נאָך זיין! איך וואָלט ווילען גלייך נאָך אייך אַריבערפאָהרען. ביי מיר איז, ווי איהר ווייסט, אַ ברייטע רוסישע נאַטור: געזאָגט און געטהון.

—פּרא אדם!—האָט אויסגעשריען דער איספּראַווניק.—דו ביזט דאָך בעפריינדעט מיט'ן פּאָרוטשיק אַנאַסטאַסיעוו. וועמען נאָך דאַרפסטו? זיין פעטער, דער גענעראַל, שפּילט אין נ. די ג'עסטע ראָל. זאָל אַנאַסטאַסיעוו נעהמען ביי איהם אַ רעקאָמענ-דאַציע-בריוועל פאַר דיר—וועט דיך גלייך יעדער דירעקטאָר פון וועלכער דו ווילסט באַנק צונעהמען.

## ה.

דער פאָרושיק יערמאָליי איוואַנאָוויטש אַנאַסטאַסיעוו איז געווען נאָך אַ יונגערמאַן, זעהר אַ הויכער, זעהר אַ דאַרער, אַ בלאָנדער מיט בלייכע, אַ ביסעל אויסגעקייקעלטע אויגען, אַ שווייגענדיגער און אַנ׳אונבעוועגליכער. ער האָט אַ סך געטרונקען, שטאַרק געשפּילט אין קאָרטען, נאָר איז קיינמאָל נישט שיכור געווען און נישט פערלאָרען זיין אונבעוועגליכקייט. די בעקאַנטע זיינע האָבען איהם נישט ליב געהאַט, געהאַלטען איהם פאַר אַנ׳„אָריגינאַל״ און געפיהלט זיך אונהיימליך אונטער זיין אָנגעשטעלטען שווערען בליק, גלייך ווי ער וואָלט זיך קלייבען אָדער אַרויסצורופען אויף אַ דועל, אָדער אָהן אַ דועל גלאַט אין גוטען מוט נעהמען האַקען דיך מיט דער שווערד.

פיעדקע האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַנאַסטאַסיעוו׳ן, נאָר ער האָט זיך מיט אַלע כוחות געמיהט צו דערנענטערן צו איהם. אַנאַסטאַסיעוו האָט איהם ערלויבט צו קומען צו איהם, פלעגט שווייגענדיג צונעהמען זיינע בעדינונגען, פלעגט איהם זאָגען „דו״, אָבער נאָהנט האָט ער איהם צו זיך נישט צוגעלאָזען. אַנ׳אַנדערש מאָל פלעגט ער שיקען נאָך איהם זיין „דיענשטשיק״, און אַז פיעדקע פלעגט אויף גיך קומען, פלעגט ער איהם מיט זיין בלייכען, אונבעוועגליכען קול זאָגען:

—זעץ דיך, זשידאָווסקי ראַווין, בראָנפען טרינקען!

און עס פלעגט זיך אָנהויבען אַנ׳אייגענאַרטיגע שיכרות. אַנאַסטאַסיעוו האָט געטרונקען אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל שווייגענדיג און געקוקט אונבעוועגליך, ווי פיעדקע דרעהט זיך אום אין שטוב און פיהרט זיך אויף מעשה בעל-הבית. שווייגענדיג, אָהן אַ שמייכעל, אָהן וועלכען נישט איז אויסדרוק פלעגט ער אויסהערען פון פיעדקע׳ן זיינע נבול-פה׳דיגע אַנעקדאָטען. ער פלעגט נאָר אַנ׳אַנדערש מאָל צושאָקלען מיט׳ן קאָפּ און אַרויסריידען:

—נו, נאָך עפּעס, שאַרפּערעס...

נאָך אַ לאַנגער שיכּרות פלעגט אַנאַסטאַסיעוו געוויינליך פאָרלעגען משונה׳דיגע אויפטהועכצען: אָנטרינקען מיט קאָניאַק דעם גלח׳ס הונט; איבערשניידען די שטריק פון דער ווייבער-שער „קופּאַלניע״, אַז זי זאָל אַוועקשווימען צוזאַמען מיט די ווייבער, וואָס באָדען זיך דאָרט, און ד. גל.

פּיעדקע פלעגט נעהמען זיך אויספיהרען די אויפטהועכצען מיט אַזאַ היץ, ווי דאָס וואָלט איהם געהן אין לעבען. אָפטער אָבער פלעגט זיך די שיכּרות ענדיגען פיל פּראָזאאישער: אַנאַ-סטאַסיעוו, אָנשטעלענדיג אויף פּיעדקע׳ן אַ ווילדען בליק, פלעגט אַרויסריידען רוהיג און שטאַרק:

—הער, פּיעדקע. געה צו אַל די שוואַרץ יאָהר! האָסט מיר דערעסען. וואַרף דיך אַרויס, אַנישט—בעקומסטו אין מאָרדע!

און פּיעדקע פלעגט אויף גיך זיך אָבטראָגען.

ו

אויף מאָרגען, נאָך דעם געשפּרעך מיט׳ן איספּראַווניק, איז פּיעדקע אינדערפריה אַוועק צום פּאָרוטשיק. יענער האָט זיך נאָר-וואָס אומגעקעהרט פון קלוב, וואו ער האָט די גאַנצע נאַכט געשפּילט אין קאָרטען. אַנאַסטאַסיעוו האָט בעגעגענט פּיעדקע׳ן אַזוי ווי ער וואָלט וואַרטען אויף איהם און אָנשטאָט אַ „גוט מאָרגען״ האָט ער איהם אָנגעגאָסען און שווייגענדיג דערלאַנגט אַ גלאָז בראָנפען.

פּיעדקע איז צוגעטראָטען צו זיין בקשה נישט גלייך. איהם האָט זיך געוואָלט ערקלערען זיין בעגעהר אָבצוזיין פון שטעדטיל נישט מיט פּראַקטישע, נאָר מיט אידעאַליסטישע מאָ-טיוועז. און ער האָט אָנגעהויבען צו בעשרייבען זיין שטאַרקע צוגעבונדענקייט צום איספּראַווניק. נאָר ווי ער האָט דערמאָהנט דעם איספּראַווניקס נאָמען, האָט זיך אַנאַסטאַסיעוו אָבגערופען:

—אַ גנב, אַ שוחד׳ניק און אַ נאַר!

פיעדקע האָט אויף דעם נישט געענטפערט און אַרויסגע-שטעלט אַנ׳אַנדער מאָטיוו: איהם האָט דערעסען אַ קליין שטעדטיל.

אַנאַסטאַסיעוו האָט איהם אויסגעהערט שווייגענדיג, און אָנשטעלענדיג אויף איהס זיין שטאַרקען בליק, האָט ער קאַלט געפרעגט:

—און דו וועסט די באַנק נישט בע׳גנב׳ענען?

פיעדקע׳ן איז געוואָרען אונהיימליך פון דער פראַגע און ער האָט מיט אַ קרומען שמייכעל אויסגעשריען:

—נו, אייער בלאַגאָראָדיע הויבט שוין אָן זיך נאַריש מאַכען!

נישט האָבענדיג קיין מוט אויף צו „דו״-צען דעם פּאָרו-טשיק, האָט ער איהם האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס גערופען „וואַשע בלאַגאָראָדיע״ און גערעדט אין דער דריטער פּערזאָן, איז אויסגעקומען אי פאַמיליער, אי נישט אויף „דו״.

אַנאַסטאַסיעוו, נישט אָבפיהרענדיג פון פיעדקע׳ן זיין בליק, האָט נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט די פראַגע:

—און דו וועסט די באַנק נישט בע׳גנב׳ענען?

און צוגעגעבען שטייף:

—ענטפער, אַז איך פרעג!

—נו, איך וועל נישט בע׳גנב׳ענען, נישט בעגנב׳ענען! איך שווער!—האָט געענטפערט פיעדקע מיט אַ שמייכעלע.

און קאָקעטירענדיג מיט זיין קענטעניש האָט ער זיך צוויי מאָל קונציג איבערגע׳צלמ׳ט און צוגעגעבען, נאָכמאַכענדיג די פּראָסטע פּויערים:

—וואָט טע כרעסט! (אָט איז דיר אַ צלם, ד. ה. אַ שבועה).

אַנאַסטאַסיעוו האָט אַ ווײַלע געשוויגען.

—נו גוט, איך וועל נעהמען פאַר דיר ביים פעטער אַ קאַרטעל. אָבער דו וועסט דאָך אַליין נישט וועלען אָנקומען אין אַ באַנק.

—פאַרוואָס?

—אין די בענק זענען די דירעקטאָרען אַלע יודען.

—אמת... איך האָב גאָרנישט אַ טראַכט געטהון וועגען דעם...—האָט זיך אָבגערופען אַראָבגעפאַלען פיעדקע.—עס איז טאַקי נישט אָנגענעם צו געפינען זיך אונטער דער הערשאַפט פון עפּיס אַ זשיד...

—וואָס מאַכסטו הינטישע שטיק!—האָט איהם אַנאַסטאַסיעוו איבערגעשלאָגען די רייד.—ביזט דאָך אַליין אַ זשיד, וואָס-זשע נעהמסטו זיך איבער!

—הלואי זאָל אייער בלאַגאָראָדיע זיין אַזאַ זשיד ווי איך בין!—האָט זיך אָבגערופען פיעדקע שטאַרק בעליידיגט.

אַנאַסטאַסיעוו האָט אויף איהם אָנגעשטעלט זיין קאַלטען בליק און אַרויסגערעדט האַרט און דראָהענדיג:

—נישט רוק זיך איבעריגס צו מיין בלאַגאָראָדיע מיט'ן וואָרט „זשיד". איך וועל דיר די מאָרדע צעקלאַפּען... טרינק! און דערלאַנגט איהם אַ גלאָז בראָנפען.

ז

אַנאַסטאַסיעוו האָט געהאַלטען וואָרט און אין אַ פּאָר וואָכען ארום איז פיעדקע מיט אַ רעקאָמענדאַציע פון גענעראַל געגאַנגען אין איינער פון די גרעסטע בענק.

דער דירעקטאָר, אַנ'אַלטער מאַן, אַ דיקער, אַ שווערער, מיט אַראָבגעהאַנגענע באַקען און פאַרשוואומענע אויגען, האָט, דורכלעזענדיג דעם גענעראַלס קאַרטעל, צוגענומען פיעדקע'ן זעהר ליבליך, דערלאַנגט די האַנד, געבעטען זיצען און, שטע-לענדיג איהם עטליכע פראַגען, צוגעזאָגט אַ שטעלע.

—איך בין גליקליך צו קאָנען טהון אַ געפעליגקייט זיין פּרעוואָסכאָדיטעלסוואָ!—האָט ער צוגעגעבען און געבעטען קומען אין אַ טעג דריי אַרום.

פיעדקע, אַ גליקליכער און אַ פרעהליכער, איז גלייך פון באַנק אַוועק צום איספּראַווניק, וועלכער האָט שוין דאָ פער-טרעטען די שטעלע פון אַ פּאָליצמייסטער.

—נו, קאָן איך אייך זאָגען אַ דירעקטאָר! —האָט פיעדקע געַנומען אָפּלאַכען פונ'ם דירעקטאָר.—דיק ווי אַ פאַס, זעהט אויס ווי אַ בולדאָג, קוים וואָס ער באַוועגט די אָראָפּגעהאַנגענע ליפּ, און אויפ'ן נאָז ליגט דער זשידו! דאַכט זיך, אַז פון איהם שטינקט אפילו מיט קנאָבעל!...

אין דריי טעג אַרום איז פיעדקע, אַ פרעהליכער און אַ זיכערער, אַוועק אין באַנק. איהם איז אויסגעקומען צו וואַרטען מעהר פון אַ שעה, ביז דער דירעקטאָר האָט איהם אויפגענומען; אַז מען האָט איהם איינגעלאַדען אין קאַבינעט, האָט דער דירעקטאָר איהם נישט געגעבען די האַנד, נישט געבעטען זיצען און קאַלט אַרויסגעזאָגט:

—ליידער קאָן איך אייך, יונגערמאַן, נישט געבען קיין שטעלע ביי מיר אין באַנק.

פיעדקע איז געוועזן איבערראַשט פון דעם אונערוואַרטען אָבזאָג.

—פאַרוואָס? —האָט ער געפרעגט מיט אַ געפאַלענער שטימע.

—דער טעם איז נישט וויכטיג, נאָר אונמעגליך...

—אָבער איך בעט אייך!... אפשר אַ מיספערשטענדניש.

דער דירעקטאָר האָט אַ ווײַלע געשוויגען און טראַכטענדיג געקייט מיט די ליפען. נאָכדעם האָט ער אויפגעהובען זיין שווע-רען בליק, האָט מיט פעראַכטונג אַ קוק געטהון אויף פיעדקע'ן און אַרויסגערעדט קאַלט:

—איהר זענט אַ יוד. ביי אונז אין באַנק זענען שוין דאָ גענוג יודען. מחמת איינעגע סבות קאָנען מיר מעהר קיין יודען נישט צונעהמען... איך האָב שוין וועגען דעם מודיע געוועזן דעם גענעראַל און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אויך נישט געוואוסט, דאָס איהר זענט אַ יוד...

פיעדקע האָט געקוקט אויפן דירעקטאָר מיט גרויס גע-עפענטע אויגען. ער האָט ווייניגער פון אַלץ געוואַרט אויף אַ קלאַפּ פון דער זייט. ער איז געוועזן טיף איבערצייגט, אַז ער טהוט אַ כבוד דעם דירעקטאָר דעם יודען, אָנקומענדיג צו איהם אויף אַ שטעלע. און מיטאַמאָל—נאַ דיר! איהם, פיעדקע'ן, נעהמט

מען נישט צו, ווייל ער איז... אַ יודז איהם האָט זיך דאָס אויסגעוויזען ווילד און זיין ערשטע בעוועגונג איז געווען — נעהמען אויפקלערען דעם דירעקטאָר, אַז ער, פיעדקע, איז נישט אַזאַ, ווי אַנדערע יודען, אַז ער קאָן זיי אַליין נישט סובל זיין. נאָר ער האָט גלייך פערשטאַנען, אַז דאָס וועט נישט העלפען. אין האַרצען האָט זיך ביי אָיהם דערוועקט אַ כעס אויף דעם דירעקטאָר. ער האָט אַ וואָרף געטהון אויף איהם אַ בליק פול מיט פעראַכטונג, איז שטאָלץ אַרויס פון קאַבינעט און, צו-מאַכענדיג נאָך זיך די טהיר, האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ סיפען האַס:

— זשידו!!

# עם הספר

מיט עטליכע יאָהר פאַר דער מלחמה איז מיר אויסגעקו־מען צו זיין אין קעניגסבערג. געפאָהרען אַהין בין איך נאָר אויף אַ פאָר טעג, אָבער איך האָב געמוזט פערבלייבען דאָרט אַ פיל לענגערע צייט. אין אַ פרעמדער שטאָדט, אָהן איין בע־קאַנטען, אָבגעריסען פון דער געוועהנליכער אַרבייט, אין אַנ׳־אונבעשטימטער לאַגע האָב איך זיך שטאַרק געלאַנגווייליגט. דערצו איז עס נאָך געווען אין שפעטען הערבסט: שטענדיגע רעגענס, נעבעלס, ווינטען. כדי נישט אַזוי שטאַרק צו פיהלען די איינזאַמקייט, פלעג איך אָפט אָבזיצען גאַנצע אָווענדען אין אַ גרויסען, שטאַרק בעלויכטענעם קאַפע־הויז, דורכקוקען אַלע צייטונגען, שרייבען בריוו און אַנ׳אַנדערש מאָל שעה׳ן לאַנג צו־זעהן די שפיל פון אַ פאָר געשיקטע ביליאַרדען־שפילער.

איין מאָל, אין אָווענד, בין איך געזעסען אין קאַפע־הויז ביי אַ קליין טישעל און געלעזען אַ יודישע צייטונג, וועלכע איך האָב בעקומען פון דער היים צוזאַמען מיט מיין קאָרעספאָנ־דענץ. זייענדיג פערטיפט אין דער צייטונג, האָב איך דערפיהלט

אַז עמיצער געפינט זיך נאָהנט פון מיר. אומגעקוקט זיך, און דערזעהן, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס איז געזעסען בײַ אַ צווייטען טישעל בײַ אַ קווערטיל ביר, האָט זיך צו מיר צוגעבויגען און קוקט אַרײַן אויפמערקזאַם אין מיין צייטונג. געווען איז דאָס אַ מאַן פון אַ יאָהר דרייסיג, אַ טיפּישער דייטש, אַ פּרייס, אַ געזונטער, מיט אַ ברייטען קאַרק, מיט אַ פּירקאַנטיגען געזיכט, מיט אַ געגאָלטער טעמפּער געמבע, אויגען פערלאָפענע פון ביר און אַ גאוה׳דיגען, כמעט חוצבה׳דיגען בליק. בלייבענדיג גאַנץ גלייכגילטיג צו מיין פערוואונדערטען פרעגענדיגען בליק, האָט ער אויסגעשטרעקט אַ דיקען, קורצען פינגער, אָנגעוויזען אויף דעם קעפּעל פון צייטונג און מיט אַ דיקען הייזעריגען קול אַ פרעג געטהון:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ צייטונג?

„אַנ׳אַנטיסעמיט... וויל מן הסתם פערפיהרען אַ סקאַנדאַל״— איז בײַ מיר דורכגעפלויגען אין זינען. און איך האָב איהם געענטפערט טרוקען און אַרויסרופענד:

—אַ יודישע צייטונג, מיין הער!

—אַז אַ יודישע, זעה איך,—האָט ער געענטפערט רוהיג,— איך פרעג ווי הייסט זי? די ערשטע דריי אותיות האָב איך פונאַנדערגעקליבען, און ווייטער ווייס איך נישט...

„זאָל דאָס זיין אַ יוד?״—און איך האָב ווייטער אַ קוק געטהון אויף איהם. קיין זכר פון יודישקייט—נישט אויפ׳ן פּנים, נישט אין די אויגען.

—איהר קענט יודישע אותיות?

—קינדווייז געלערנט. געקענט אפילו גוט לייענען, איצט פערגעסען,—האָט ער געענטפערט גלייכגילטיג.

—איהר זייט אַ יוד?

—ניין... מיין פאָטער איז אַ יוד און איך בין אַ פּרייזיניגער און אַ דייטש,—האָט ער שטאָלץ געענטפערט און אויסגעשפּאַרט די ברוסט פאָראויס.

כדי וואָס עס איז ענטפערן, האָב איך אַ זאָג געטהון:

—מען קאָן זיין אַ פּרייזיניגער און בלייבען אַ יוד.

ער האָט זיך צוריקגעבויגען אויפ׳ן שטוהל און צעלאַכט:

—כאַ כאַ! נישט פון אייך דעם ערשטען הער איך דאָס! אַנ׳אַלט לידעל... ווי איך זעה, מוזט איהר זיין פון רוסלאַנד?

—יאָ.

—ביי אייך אין רוסלאַנד איז אַלץ ווילד און יודען זענען דאָרטען, נישט נעהמט פאַר אומגוט, אויך ווילדע. זיי פער-שטעהען נישט וואָס הייסט „פאָטערלאַנד".

דער גאוה׳דיגער קאָנטעטער טאָן, מיט וועלכען די ווער-טער זענען געזאָגט געוואָרען, האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ אונ-אָנגענעהמען איינדרוק, אַז איך האָב נישט געהאַט קיין חשק פאָרצוזעצען דעם געשפּרעך און האָב זיך ווידער פערטיפט אין דער צייטונג.

אַ ווייל׳ע שפּעטער האָט מיין שכן זיך ווידער געווענדט צו מיר:

—קענט איהר נישט אפשר אין רוסלאַנד, אין פעטערבורג, איינעם אַלעקסייעוו, אָדער עליסייעוו? ער האָט אַ גרויסען פערד-זאַוואָד, פאָריגען יאָהר האָט ער געשיקט אַהער צוויי פערד „נאַדדאַ" און „איגאָר" אויף אונזער פערד-געלאַף, ער האָט גע-האָפט צו בעקומען דעם ערשטען פּריז—און איז דורכגעפאַלען, נישט בעקומען.

—איהר אינטערעסירט זיך מיט פערד-געלאַף?

—איך בין אַ געלאַף-רייטער, אַ זשאָקיי,—האָט ער געענט-פערט מיט שטאָלץ.—זיבעצעהן מאָל האָב איך געוואונען פּריזען, צוויי מאָל האָב איך גענומען דעם ערשטען פּריז,—און קיין איין מאָל נישט ערלויבט אַנ׳אויסלענדער זאָל מיך איבעריאָגען. אַ דייטש מוז אימער זיין פאָרווערטס!—האָט ער צוגעגעבען מיט אַ פאַטעטישען טאָן.

מיך האָט אָנגעהויבען אינטערעסירען דער פּרייזיניגער דייטשער-פערד-פאַטריאָט פון יודען, און האָב גענומען איהם פונאַנדערפרעגען, ווער ער איז. ער האָט מיר דערצעהלט, אַז זיין פאָטער איז מיט אַ יאָהר פערציג צוריק געקומען אַהער פון פוילען, פון אַ קליין שטעדטיל, דער פאָטער לעבט נאָך; ער

איז אַ בערזען-מעקלער און עד היום געבליבען פרום. זיצט אַנ'-אַנדערש מאל ביז חצות איבער אַ ספר, ער לייענט אפילו דיי-טשע ביכער אויך, אָבער נאָר אַזעלכע, וואָס האָבען אַ שייכות צו יודישקייט, ער האָט אַ גרויסע ביבליאָטעק.

—ווי בעציהט ער זיך דערצו, וואָס איהר האַלט זיך נישט פאַר אַ יודען?—האָב איך אַ פרעג געטהון.

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

—ווי זאָל ער זיך בעציהען!—כריהער איז ער שטאַרק ברוגז געווען, איצט האָט ער זיך בערוהיגט, שווייגט... נו, איך האָב זיך דאָך פאָרט נישט געטויפט. אָבער מיינע צוויי שוועסטער זענען געטויפטע. איינע האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, די צווייטע—פאַר אַ פאָסט-בעאַמטען, און נישקשה, דער פאָטער איז מיט זיי נישט צוקריגט, קומען צו אונז אָפט מיט די מאַנען. נאָר דער פאָטער רעדט ווענינ אי מיט זיי, אי מיט מיר, שווייגט און קוקט אין זיינע ספרים... נאָכדעם, ווי די צווייטע טאָכטער האָט זיך געטויפט, האָט ער בעשטימט אומ-צוקעהרען זיך צוריק אין פוילען, אין זיין שטעדטיל.

דער יונגערמאַן האָט אַ רייב געטהון מיט'ן פוס, אָדער אַ שמוצער געטהון מיט די ליפען און בעפוילען, מ'זאָל איהם דערלאַנגען נאָך אַ קריגעל ביר.

מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם פרייזיניגען זשאָקיי'ס פאָטער, אַנ'אַלטער פוילישער יוד, וואָס האָט דאָס גאַנצע לע-בען פערבראַכט אין דער פרעמד, פערלוירען דאָרט אַלע קינדער און איצט דענקט ער זיך אומקעהרען צוריק אין דער אַלטער היים, אַנ'עלענדער און פרעמדער, מיר האָט פערקלעמט דאָס האַרץ פון רחמנות איבער דעס אונבעקאַנטען יודען.

דער זשאָקיי איז געזעסען אָנגעלעהנט און לאַנגזאַם גע-צויגען דאָס ביר פון קריגעל. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, האָט ער פערשטאַנען מיין שטימונג, שנעל אָוועקגעשטעלט דאָס ביר און לעבהאַפט אַ זאָג געטהון!

—ווייסט איהר וואָס? קומט אַריין צו אונז, בעקענט זיך מיט מיין פאָטער, ער וועט זיין זעהר גערן דורכשמועסן זיך

מיט אַ יודען פון זיינע קאנטען. אַז ער קומט זיך צונויף מיט אַ יודען פון פוילען, אָדער רוסלאַנד, זיצט ער צו מאָל אָב מיט איהם אַ גאַנצען אָוועגד און מ׳רעדט, מ׳פילאָזאָפירט, דער פאָטער איז אַ קלוגער מאַן, דערצו האָט ער אַ רייכע ביבליאָטעק, אייך וועט זיין אינטערעסאַנט... אויב איהר ווילט, קומט מאָרגען אַהער און מיר וועלען צוזאַמען געהן צו איהם...

איך האָב איינגעשטימט.

אויף מאָרגען אין אָוועגד בין איך אַוועק מיט דעם זשאָקיי צו זיין פאָטער. ער האָט מיך געבראַכט אין אַ בעל-הבתיש מעבלירטער דירה, אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען צימער, וואו ס׳זענען געשטאַנען עטליכע שענק מיט ספרים. פאָרגעשטעלט דעם פאָטער און אַליין אַרויס פון צימער.

מיר אַנטקעגען האָט זיך אויפגעהויבען אַנ׳אַלטער מאַן, אַ נישט הויכער, אַ גרויער, אָבער נאָך גאַנץ קרעפטיג, מיט אַנ׳איינגעבויגענעם רוקען און אַ טיפען טרויער אין די אויגען. ער האָט אויף מיר אַ וואָרף געטהון אַ שאַרפען, פאָרשענדיגען בליק, געגעבען מיר שלום, געבעטען זיצען און אַליין געזעצט זיך אַנטקעגען.

—מיין זוהן האָט מיר געזאָגט, אַז איהר האָט געוואָלט זעהן מיינע ספרים (איך האָב דאָס דעם זוהן נישט געזאָגט). ביי מיר איז דאָ אַ היבש ביסעל. אָנגעזאַמעלט פאַר פערציג יאָהר, וואָס איך זיץ דאָ... אָבער חוץ מיר אינטערעסירט זיך מיט זיי קיינער נישט פון מיין געזונד...

—דעם אמת זאָגענדיג, אינטערעסירט מיך אַ לעבעדיגער יוד מער ווי ספרים—האָב איך געענטפערט.—איך האָב דאָ אין שטאָדט קיין איין בעקאַנטען.

—און איך האָב אַ האַלבע שטאָדט בעקאַנטע און צווישען זיי זענען אויך וועניג „לעבעדיגע יודען״,—האָט ער אַ זאָג געטהון מיט אַ טרויעריגען שמייכעל.

איך בין צוגעגאַנגען צו אַ שאַנק, גענומען בעקוקען די ספרים: געשטאַנען אַ ש״ס, רעליגיעזע און מוסר-ספרים. צוגלייך מיט זיי זענען געשטאַנען דייטשע ביכער איבער יודענטום.

—וואָס איז אייער בעשעפטיגונג?—האָט מיך אַ פרעג געטהון דער בעל-הבית.

—איך בין אַ שרייבער, אַ פערפאַסער פון ביכער,—האָב איך געענטפערט, און פיהלענדיג, אַז איך וועל זיך מיט דעם ענטפער נישט אָבּ׳פטר׳ן, האָב איך זיך אומגעקעהרט צום טיש.

—הייסט דאָס אַ מחבר?... וועגען וואָס שרייבט איהר?... וואָס דערוויזט איהר אין אייערע שרייבעכצער?—האָט ער מיך ווייטער געפרעגט מיט אַ פאָרשענדיגען, אַ ביסעל אַרויסגערופענעם טאָן.

—שווער צו זאָגען אין צוויי ווערטער. איבערהויפט שרייב איך וועגען נאַציאָנאַלע פראַגען... וואָס דערווייז איך? איך דערוויז, אַז דער יוד האָט זיך אָן וואָס צו האַלטען, אַז ער דאַרף און מוז בלייבען אַ יוד.

—„בלייבען אַ יוד״?... אַזוי?... און וואָס אַנ׳ערך הייסט ביי אייך „בלייבען אַ יוד״?—האָט ער ווייטער געפרעגט מיט דעם זעלבען נישט פריינדליכען טאָן, נישט אַראָבלאָזענדיג פון מיר זיין שאַרפען אונצוטרויענדיגען בליק.

מיך האָט אָנגעהויבען ערגערן דאָס אויספרעגען און דער טאָן. איך האָב בקיצור, אָבער קלאָר, ערקלערט דעם אַלטען מיין בעציהונג צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע.

—אַלץ, אויף וואָס יודישקייט האָט זיך ביז איצט געהאַלטען, די רעליגיע מיט דער תורה האָבען פערלוירען דעם כח, איז געפאַלען, איז פערניכטעט. דעריבער האָבען מיר, די פאָרשטעהער פונ׳ם נייעם יודענטום, גענומען שאַפען אַ וועלטליכע קולטור, עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל, חוץ רעליגיע, פעראייניגען דאָס פאָלק, געבען איהם כח און אַ באָדען פאָרצוזעצען זיין נאַציאָנאַלען לעבען.

דער אַלטער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. ווי נאָר אָבער ער האָט תופס געווען מיין געדאַנק, האָט ער אַ בליק געטהון אויף מיר מיט רוגזא און אַרויסגערעדט טרוקען און פיינדליך:

—איהר רעכענט, אַז דער אַלטער יסוד פון יודישען לע-

בען איז שוין צושטערט? איהר האָט אַ גרויסען טעות, ער איז נאָך שטאַרק...

—גיט אַ קוק, וואָס אַרום טהוט זיך,—האָב איך זיך אָבּ-געררופען,—נישט נאָר דאָ, נאָר אפילו ביי אונז אין רוסלאַנד...

—וואָס אַזוינס טהוט זיך?

—ווי הייסט וואָס? פון טאָג צו טאָג פאַרשווינדט אַלץ, וואָס פריהער איז געווען הייליג. די חדרים בלייבען פוסט, די ישיבות ווערען איינע נאָך דער אַנדערער פערמאַכט. מ׳דאַוועגט נישט, מ׳לערנט נישט...

אויפ׳ן אַלטענס פנים איז פערגליווערט געוואָרען אַ שטרענ-גע רוהיגקייט.

מיט אַ שטאַרקען בליק האָט ער געקוקט ערגעץ ווייט און דאַן אַרויסגערעדט קאַלט און גלייכגילטיג:

—דאָס מאַכט נישט אויס!

—דאָס איז אייך נאָך ווייניג?—האָב איך אויסגעשריען,—און דאָס וואָס יודען פערגעסען די אייגענע שפראַך, פערגעסען, אַז זיי זענען יודען, גייען אַוועק פונ׳ם פאָלק, שמד׳ען זיך...

איך האָב אָבגעהאַקט די רייד, דערמאָהנענדיג זיך, אַז ביי דעם אַלטען האָבען זיך צוויי טעכטער גע׳שמד׳ט. נאָר ער האָט זיך נישט אָבגעשטעלט אויף מיינע רייד און איבערגע׳חזר׳ט מיט דער פריהערדיגער עקשנות:

—דאָס מאַכט נישט אויס!

—וואָס-זשע מאַכט יאָ אויס?

דער אַלטער האָט זיך אויפגעהויבען און צוגעגאַנגען צום ספרים-שאַנק, האָט פון דאָרט אַרויסגענומען אַ דייטשען בוך, האָט דאָס געעפענט, בעוויזען מיר מיט׳ן פינגער דעם נאָמען אויפ׳ן שער און אַרויסגערעדט לאַנגזאַם און שטרענג:

לעזט! איהר זעהט ווי דאָס בוך הייסט? „צוריק צום תלמוד״. איהר פערשטעהט? „צוריק צום תלמוד!״ דאָס שרייבט אַ דייטשער יוד! לייענט דורך דאָס בוך, וועט איהר זעהן, אַז וודען מוזען זיך אומקעהרען צום אַלטען יסוד! אַנ-דערש קאָן נישט זיין!

איך האָב שווייגענדיג געקוקט אויף דעם אַלטען מאַן און נישט געקאָנט בעשטימען, ווער שטעהט פאַר מיר: אַנ׳אַלטער משוגע׳נער, וועלכער זעהט נישט און פערשטעהט נישט, וואָס אַרום איהם טהוט זיך, אָדער אַ טיפער פילאָזאָף, וואָס איבער שרייענדיגע פאַקטען, איבער דער אייגענער טראַגעדיע, האָט ער זיך געקליגט אַריינצוקוקען אין דער ווייטער צוקונפט...

# א גויעשער קאפּ

עטליכע יאָהר פאַר דער מלחמה, אין רעלטען ברען פון דער רוסישער רעאַקציע, האָב איך זיך אין צוג, אויפ׳ן וועג פון ווילנאָ קיין וואַרשא, בעגעגענט מיט אַנ׳אַלטען בעקאַנטען, וועמען איך האָב אַ יאָהר זיבען–אַכט נישט געזעהן. בשעת איך האָב איהם פריהער געקענט, איז ער געווען אַ געגאָלטער, האָט געטראָגען אַ בלוזע, געהייסען „אפאַנאַסי״ און געהאַלטען זיך זעהר קאָנספּיראַטיוו. איצט האָט ער פערלאָזט אַ בעל-הבית׳יש בערדעל, געווען געקליידט אייראָפּעאיש און גערופען זיך מיט זיין יודישען נאָמען: משה זילבערצווייג.

מיר זענען געווען אַלטע בעקאַנטע פון דער שווייץ. אין אַמאָליגע צייטען פלעגען מיר זיך אָפט טרעפען צוזאַמען. אָבער קיין גוטע פריינד זענען מיר קיינמאָל נישט געווען. מיר האָבען אָנגעהערט צו צוויי פאַרטייען, וועלכע האָבען שטענדיג גע-קעמפט צווישען זיך. אַזוי ווי ביידע זענען מיר נאָך געווען „רעדנער״ און דערצו אין אַ געוויסער מאָס „פעראַנטוואָרטליכע פאָרשטעהער״, האָבען מיר זיך גערעכענט פאַר פערביסענע געג-

נער, פלעגען אָפּט אַרויסטרעטען איינער געגען דעם אַנדערן מיט שאַרפע רעדעס, אירָאָנישע בעמערקונגען, מיט שטעכווער-טלעך און אַנ׳אַנדערש מאָל אפילו מיט זידלעריי.

איצט בעגעגענענדיג זיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, האָבען מיר פערגעסען די גאַנצע אַמאָליגע געגנערשאַפט און שטאַרק דערפרעהט זיך איינער מיטן אַנדערן, ווי אַלטע פריינד, וועלכע האָבען צוזאַמען דורכגעלעבט די שווערע עמיגראַציע, געבראָטען זיך אין דעמזעלבען קאַך-אויווען.

פונאַנדערגערעד׳ט זיך, געמומען דערמאָהנען די אַמאָליגע פאַסירונגען: פאַרטייאישע „מלחמות״, היציגע וכוחים, גערעדט וועגען דעם מ׳ט אַ וואַרעמער ליבליכער אירָאָניע, ווי וועגען ערינערונגען פון קינדערשע יאָהרען. ביידע זענען מיר פאַר דער צייט אויסגעוואַקסען, אין פיל זאַכען זיך מיאש געווען, פערלוירען דאָס אַמאָליגע התלהבות און דאָך געפיהלט, אַז דאָס איז געווען די בעסטע און שענסטע צייט פון אונזער לעבען.

שמועסענדיג, האָב איך זיך צוגעקוקט צו זילבערצווייג׳ן, אַ טאַפּ געטהון ביי איהם דעם דופק, בעמערקט, אַז ער איז געוואָרען נעהנטער צו יודישקייט, אַ ביסעל מגיר געווען זיך.

ביז שפּעט ביינאַכט געשמועסט, דערמאָהנט אַלע ביטערע איבערלעבונגען פון דער לעצטער צייט. איבערגעקליבען די אַלטע בעקאַנטע חברים: אַלע צוזייט און צושפּרייט. ווער אין סיביר, ווער אין תפיסה.

צום סוף האָב איך זיך דערמאָהנט נאָך וועגען אַ חבר, אַ היציגען בחור, וועלכער האָט זיך גערעכענט פאַר איינעם פון די פייערדיגסטע רעוואָלוציאָנערען.

—אַ-אַ, פרעגט נישט וועגען איהם—האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד זילבערצווייג,—געוואָרען אַ גאָרנישט, אַ רענע-גאַט. פיהרט איצט גרויסע געשעפטען, כמעט אַ מיליאָנער, דערצו איז ער נאָך אַוועק צו ז״י...

אין די פריהערדיגע צייטען, ווען איך וואָלט הערען פון זילבערצווייג׳ן דאָס וואָרט „זיי״, וואָלט פאַר מיר קיין שום ספק נישט געווען, אַז ער מיינט דאָס די „עס-ער׳ן״. קיין אַנדער

„מיר״ און „זיי״ האָט ער דעמאָלט נישט געוואוסט. איצט האָב איך פערשטאַנען, אַז ער מיינט עטוואָס אַנדערש.

—וואָס הייסט, אַוועק צו זיי?

—דאָס הייסט, ער האָט זיך בענוצט מיט דער איינציגער פריווילעגיע, וואָס יודען האָבען געגען קריסטען—גע׳שמד׳ט זיך.

מיט אונז צוזאַמען איז געפאָהרען אַ בעיאָהרטער מאַן, אַ דאָקטאָר פון אַ קליין שטעדטיל, אַ יוד. ער האָט זיך צוגעהערט צו אונזער געשפרעך. ביי זילבערצווייג׳ס לעצטע ווערטער האָט ער זיך אָבגערופען:

—וואָס מיינט איהר, דאָס איז טאַקי אַ גרויסע פריווילע-גיע, פון וועלכע מען קאָן מאַכען אַ פיינע פרנסה. מענשען האָ-בען גאָלדענע געשעפטען געמאַכט פון דעם.

—פון שמד?

—פון שמד! בשעת דעם גרויסען גירוש פון מאָסקווע,— האָט גענומען דערצעהלען דער דאָקטאָר—האָבען הונדערטער יו-דען זיך גע׳שמד׳ט. האָט זיך געפונען אַ יודעל, וואָס האָט גע-מאַכט דערפון אַ גלענצענד געשעפט. ער האָט זיך גע׳שמד׳ט פאַר אַנדערע. קיינער האָט דאָך קיין גרויס חשק נישט געהאַט צו לערנען די דינים, געהן צום גלח טובל זיין זיך וכדומה, האָט דאָס יודעל דאָס גענומען אויף זיך פאַר אַ גוטער בעלוי-נונג. היינט איז ער געגאַנגען צו אַ גלח מיט איינעמס אַ פּאַס, מאָרגען צו אַ צווייטען מיט אַן אַנדערענס אַ פּאַס: איבערגע׳שמד׳ט זיך ביי אַלע מאָסקווער גלחים, האָט ער אָנגעהויבען אַרומפאָה-רען איבער אַרומיגע שטעדט שמד׳ן זיך. בקיצור, פיר און פופ-ציג מאָל גע׳שמד׳ט זיך. פערדינט דערפון שענע עטליכע הונ-דערט רובל און אַוועקגעפאָהרען אַהיים אויף... ימים נוראים. גע׳שמד׳ט האָט ער זיך נאָר פאַר אַנדערע, פון פרנסה וועגען, אָבער אַליין איז ער געבליבען אַ יוד.

אַן׳אמת׳ע מעשה אָדער אַ וויץ. נאָר לאַכען איז עפּיס קיין חשק נישט געווען...

—איהר ווייסט,—האָט זיך אָבגערופען זילבערצווייג—אַ גוי, אַז איהם טרעפט שוין אַמאָל דאָס גליק צו בעקומען דאָס רעכט

צו שמד׳ן זיך, קאָן ער עס אויך נישט ,אויסנוצען!

—ווי הייסט, אַ גוי בעקומט דאָס רעכט צו שמד׳ן זיך? ווי קאָן דאָס זיין?—האָב איך זיך פערוואונדערט.

—ביי אונז אין רוסלאַנד קאָן אַלץ זיין! איך בין אפילו אַליין געווען אַנ׳עדות דערפון, ווי אַ קריסטין, אַנ׳עכט-פּראַוואָ-סלאַוונע, דוכט זיך נאָך אַ גלח׳ס אַ טאָכטער. האָט זיך געזאָלט שמד׳ן. זי האָט געקאָנט און געמוזט עס טהון, נאָר נישט גע-טהון—געהט רעדט מיט אַ גוי׳אישען קאָפּ! אויב איהר ווילט, וועל איך אייך דערצעהלען די מעשה.

—אדרבא, אדרבא!—האָב איך זיך פעראינטערעסירט.

## ב

—איהר געדענקט אפשר,—האָט אָנגעהויבען זילבערצווייג,— אין בערן איז געווען אַ סטודענטין סטעפּאַנאָווא. מיט׳ן נאָמען האָט זי געהייסען אַנאַסטאַסיאַ איוואַנאָוונאַ. אַ בלאָנדינע, נישט קיין הויכע, מיט אַ שטרענג פּנים. אַ ביסעל עהנליך אויף אַ מנישקע... איהר מוזט זי געדענקען. קיין איין פערזאַמלונג פלעגט זי נישט דורכלאָזען...

—יאָ, יאָ, איך געדענק זי זעהר גוט—האָב איך זיך אָפּ-גערופען.

—געווען איז זי אַ פערקאָכטע סאָציאַל-דעמאָקראַטין, אי-בערגעגעבען בלב ונפש דער פּאַרטיי. געווען אַ גענעראַל׳ס אַ טאָכטער, פלעגט בעקומען פון דער היים איבער הונדערט רובל אַ חודש, האָט עס כמעט אינגאַנצען אָבגעגעבען אויף דער פּאַר-טיי און אַליין צוגעהונגערט. זי האָט זיך גערעכענט פאַר איינע פון די טיכטיגסטע און איבערגעגעבענסטע אַרבייטערינס אין דער פּאַרטיי. איינמאָל, נאָך גרויסע אַרעסטען אין פּעטערבורג, בעקום איך פון אונזער צענטראַל-קאָמיטעט אַ בעפעהל תיכף ומיד קומען צוזאַמען מיט סטעפּאַנאָווא קיין פּעטערבורג און אַריינטרעטען אין דאָרטיגען קאָמיטעט, פון וועלכען צוויי דריי-

טעל מיטגלידער זענען געווען אַרעסטירט. די צייט איז דעמאָלט געווען אַ הייסע, שטרייקען, דעמאָנסטראַציעס, די מלחמה מיט די „עס-ער'ן" און אין דער פּאַרטיי גופא האָט אויך נישט גע-הערשט קיין איבעריגע אחדות. בקיצור, נישט געטאָרט אַ שעה דורכלאָזען. סטעפּאַנאָוואַ האָט גראָד דאַן געענדיגט די אוני-ווערזיטעט, געהאַלטען אין מיטען פון די לעצטע עקזאַמענס. ווי זי האָט נאָר דערהערט וועגען בעפעהל פון צ.-ק., האָט זי אפילו אַ מינוט נישט געטראַכט, געוואָרפען די עקזאַמענס און אין עטליכע שעה געווען גרייט צום פאָהרען. נאָר דאָ איז אַרויסגעטראָטען די פראַגע פון פּאַספּאָרטען. איך, אַלס עמי-גראַנט האָב בעדאַרפט בעקומען אַ כשר'ן פּאַס. סטעפּאַנאָוואַ איז אפילו געווען אַ לעגאַלע, נאָר אויף איהר האָבען זיך אָנגעקלי-בען גענוג חטאים און מען האָט זי געקאָנט פערהאַלטען אויף דער גרעניץ. האָט זי אויך געמוזט האָבען אַ פּאַס. גענומען אַרומלויפען זוכען. דאַנקען גאָט בעקומען צוויי פּעסער, פאַר מיר און איהר. פּעסער כשר'ע, אָבער מיט קליינע חסרונות. איך בין לויט'ן פּאַס געוואָרען אויף אַ יאָהר פופצעהן יונגער, סטעפּאַנאָ-וואַ איז אויסגעקומען אויף אַ יאָהר צעהן עלטער. נאָר דאָס וואָלט נאָך נישט אויסגעמאַכט, ווען די פּעסער וואָלטען נישט גע-האַט אַ גרעסערן מום. ווי אויף להכעיס האָט זיך מיר געטראָ-פען אַ גוי'אישער פּאַס, און איהר—א יודישער. נו, מילא זי האָט נאָך געקאָנט ווי-נישט-ווי אַראָפּגעהן פאַר אַ יודיש קינד: געווען עפּיס ביי איהר אַזוינס אין די אויגען, יודישליכעס, אַ מין טרויער, אַ בענקשאַפט. אָבער פאַר מיר, ווי איהר קוקט מיך אָן, מיט מיין נאָז, מיט די שוואַרצע געקרייזעלטע האָר האָט בשום אופן נישט געפּאַסט דער טיטול: „פויער פון קאַלוגער גובערניע" נישט דער נאָמען „קלים טריפאָנאָוויטש סאָלאָוויעוו". נאָר אויס-קלויבען איז נישט געווען פון וואָס—האָבען מיר זיך פערלאָזט אויף אונזער דרייסטקייט. און אונז האָט אָבגעגליקט. בשלום דורכגעפאָהרען די גרעניץ. געקומען קיין פּעטערבורג, געפונען וועמען מיר האָבען געדאַרפט. אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ווי עס קאָן בעסער נישט זיין. סטעפּאַנאָוואַ איז פערפאָהרען צו

איהרע בעקאַנטע מיטפיהלענדע ליבעראַלען. איבערגענעכטיגט.
אינדערפריה בעט דער בעקאַנטער ביי איהר דעם פּאַס-גוואַלד!
אַנ'אומגליק, אַ חורבן, אַ יודישער פּאַס אויפ'ן נאָמען חנה-העניע
פלויגעלמאַן! מען וועט אונטערשרייבען „נאַ ווזעזד" אין פיר און
צוואַנציג שעה. אפשר נאָך אַרעסטירען און אָבשיקען מיט'ן
עטאַפּ. וואָס טהוט מען? גענומען אַרומלויפען, עצה'נען זיך, גע-
פונען אַ יודעל, אַ בקי אין די געשעפטען. פּאַר אַ פינף-און-
צוואַנציגער געמאַכט אַ „פּראַוואָזשיטעלסטאָ", בעקומען אַ „דאָווע-
רענאָסט" פון אַ געהילץ-הענדלער. נאָך אַ פינפערל—און מען
האָט דעם פּאַס צוגעשריבען. כשר וישר. האָט זיך סטעפּאַנאָוואַ
איינגעאָרדענט אויף אַ קוואַרטיר, גענומען זיך צו דער אַרבייט.
נעהט דורך אַ וואָך—מען פּאָדערט סטעפּאַנאָוואַ'ן (חנה-העניע'ן,
הייסט עס) אין „אוטשאַסטאָק". קיין שום געפעהרליכעס! דער
פּאַספּאָרטיסט וויל נאָר וויסען, ווי ביי חנה-העניע'ן געהען די
געשעפטען, ווענען זי פערקויפט געהילץ און ווי טייער. דער
ענטפער אויף דער שאלה איז געווען אַ דרייערל. יענער בענו-
גענט זיך און ווייטער כשר נאָר נישט אויף לאַנג. דער פּאַס-
פּאָרטיסט האָט אַ גרויס געזינד, איז נעבעך אַ מטופל מיט קינ-
דער, וויל ער טאַקע אָפט וויסען, ווי עס געהען חנה-העניע'ס
געשעפטען. און דער „אָקאָלאָדאָטשני" אינטערעסירט זיך אויך
מיט דעם, און דער פּריסטאַוו אויך. און דאָ קומט אויס סטע-
פּאַנאָוואַ'ן אָבצופאָהרען אויף אַ עטליכע טעג, שרייבט מען זי
אויס, און אַז זי קומט צוריק, הויבט זיך אָן אויף דאָס ניי די-
זעלבע סדרה. און דאָ טרעפט זיך בייטען די דירה, איבערגעהן
אין אַנ'אַנדער „אוטשאַסטאָק", וואו דער פּאַספּאָרטיסט איז אויך
אַ מטופל מיט קינדער. בקיצור, סטעפּאַנאָוואַ האָט קיין רוה נישט.
עס געהט נישט דורך אַ וואָך, מען זאָל זי נישט שלעפּען אין
„אוטשאַסטאָק". שטעלט זיך פאָר דעם תענוג: אַנ'עכט גוי'איש
מיידעל, אַנ'אונלעגאַלע, איבער'ן קאָפּ אַריינגעטהון אין רעוואָלו-
ציאָנערער אַרבייט. אין צימער איז ביי איהר אָנגעפּאַקט מיט
אונלעגאַלע בראָשורען און פּראָקלאַמאַציעס. און דאָ האָב שטענ-

דיג צו ס'זון מיט די ווייסע קנעפ! מיין סטעפּאַנאָווא איז נעבּיך פערפינכטערט און פערביטערט געוואָרען!

# ג

—ויהי היום,—האָט ווייסער דערצעהלט זילבּערצווייג,—קומט צו אונז אַ חבר פון אַ פּראָווינציאַלען קאָמיטעט אַ יוד. זיצען מיר אין אָווענד זאַלבּעדריט, ריידען וועגען פּאַרטייאישע ענינים. פערבּייגעהענדיג דערצעהל איך דעם חבר וועגען די צרות, וואָס סטעפּאַנאָווע'ן קומט אויס אויסצושטעהן פון איהר יודישען פּאַס. אַז דער חבר שיסט דאָס אויס מיט אַ געלעכטער:

—פּראים! משוגעים,—שרייט ער—ווי זענט איהר דאָס נישט געפאַלען אויף אַ המצאה: שמד'ן זיך!!

מיר האָבּען זיך אויך צולאַכט. פּראָסט ווי קאָלומבוס'עס איי, און אונז איז עס אין זינען נישט איינגעפאַלען.

אין יענע צייטען, ווי איהר געדענקט, בּין איך געווען זעהר ווייט פון נאַציאָנאַליזם. נאָר משומדים האָבּ איך דעמאָלט אויך פיינד געהאַט, געהאַלטען שמד פאַר אַ מיאוסע זאַך. נאָר דאָ בּין איך גרייט געווען צו טאַנצען פאַר פרייד וואָס יודען האָבּען אַזאַ טייערע פּריווילעגיע, ווי שמד. א קליינינקייט: ראַטעווען אַ חבר'טע פון אַ סכנה, בּעפרייען זי פון דער נויטיגקייט צו בּעגעגענען זיך מיט די פּאָליציי-לייט. אָבּהיטען אַ קאָמיטעט פון אַ דורכפאַל. און מיט וואָס? מיט דעם וואָס א קריסטין וועט זיך שמד'ן!

בקיצור. איך האָבּ זיך אינגאַנצען בּערוהיגט.

עס זענען פערבּייגעגאַנגען עטליכע טעג. איך האָבּ זיך בּעדאַרפט זעהן מיט סטעפּאַנאָווא'ן. געהענדיג צו איהר דערמאָהן איך זיך איהר „שמד", לאַך איך זיך פונאַנדער. געוואָלט קויפען אַ בּוקעטעל בּלומען, אוועקטראָגען איהר מיט א מזל-טוב, נאָר אויפ'ן וועג האָט זיך קיין בּלומען-געשעפט נישט גע-טראָפען.

געקומען צו איהר, גיב איך איהר אָב אַ ברייטען מזל-טוב און הויב זיך אָן צו ווינצלען. איך פרעג: ווי פיהלט זי זיך אין דער נייער הויט? צי דריקט איהר נישט דער צלמ׳ל אויפ׳ן האַלז? ענטפערט זי מיר, אַז זי איז נאָך נישט געגאַנגען צום גלח.

—וואָס עפּיס?—וואונדער איך זיך.

—אַט אַזוי... נישט צוגעקליבען זיך...—ענטפערט זי מיט אַ האַלבען מויל.

—נו, לעגט עס מעהר נישט אָב!—זאָג איך—לעגאַליזירט זיך! עס איז קיין קליינינקייט נישט. איהר קאָנט גריגג דורכפאַלען.

עס געהט דורך נאָך אַ וואָך. טרעף איך זיך ווייטער מיט איהר. זי איז נאָך אַלץ צום גלח נישט געגאַנגען, הויב איך זיך שוין אָן צו בייזערן:

—היינט מוזט איהר געהן צום גלח!—הייס איך איהר—זאָל דאָס נעהמען אַ סוף!

זי שווייגט אַ ווײַלע. נאָכדעם רעדט זי אַרויס שטיל, מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען.

—איך וויל נישט געהן...

—פאַרוואָס?—שריי איך אויס פערוואונדערט.

—עס עקעלט...

—וואָס עקעלט?—פערשטעה איך זי נישט.

—אָט די גאַנצע געשיכטע מיט׳ן שמד׳ן זיך.

—וואָס הייסט?—וואונדער איך זיך נאָך מעהר,—איך וואָלט עס פערשטעהן, ווען איהר וואָלט זיין אַ יודיש קינד. איהר זענט דאָך אָבער אַ קריסטין סיי ווי אַ גע׳שמד׳טע?

—אָבער דאָס איז דאָך אַ קאָמעדיע.

—נו, און אַז אַ קאָמעדיע, וואָס מאַכט עס אייך אויס?

—אָט דאָס—זאָגט זי—עקעלט מיך: שפּילען אַ קאָמעדיע מיט אַזאַ זאַך, ווי אַ גלויבען...

—זעה, אָקאָרשט!—רוף איך אויס מיט אַ געלעכטער—מען קאָן מיינען, אַז איהר זענט אַ גלויבענדע קריסטין.

—קיין גלויבענדע בין איך נישט,—זאָגט זי,—אָבער איך

קאָן דאָך נישט פערגעסען, אַז דאָס, פון וואָס איך קלויב זיך צו מאַכען אַ וויץ-שפּילכעל, איז פאַר מיליאָנען מענשען אַ היי-ליגטום...

—איהר רעדט ווי אַ טאָלסטאָוונע—ענטפער איך—אויב איהר האַלט פאַר אונמאָראַליש לייגען און מאַכען קאָמעדיעס, חיינט פאַרוואָס נאַרט איהר שטענדיג אָב די רעגירונג?

—דער זשאַנדאַרם איז פאַר קיינעם קיין גאָט נישט,—ענטפערט זי.

—נו, איהר רעדט נאַרישקייט!—רוף איך זיך אָב שוין גראָב.

—עס קאָן זיין, אַז נאַרישקייט,—ענטפערט זי געלאַסען,—פאַרהאַן געפיהלען, וואָס זענען שטאַרקער פאַר'ן שכל.

און שווייגענדיג אַ ווײַלע גיט זי צו:

—איך וועל אייך זאָגען דעם אמת. איך רעכען, אַז מַאַ-כען אַ קאָמעדיע פון אַ פרעמדען גלויבען, וויצלען זיך איבע-אַ גאָט, וועלכער איז מיר פרעמד, נאָר דעם אַנדערן הייליג, קאָן נאָר אַ מענש, וועלכער האָט קיין אייגענעם גאָט נישט אין הארצען.

בקיצור, וויפיל איך האָב מיט איהר נישט גע'טענה'ט, איז זי געבליבען ביי איהרס און האָט זיך טאַקי נישט גע'שמד'ט. חי געפעלט אייך דער גוי'אישער קאָפּ?

דאָס ערשטע מאָל אין לעבען האָב איך דער-מען קאָן אַנ'אַנדערש מאָל מקנא זיין אַ -גוי'אישען קאָ-

# צוויי מאַרטירער

פיער שעה בּין איך אָבּגעזעסען מיט׳ן אַלטען גרשון פאַלק און געהערט זיין ערצעהלונג—און די גאַנצע צייט האָבּ איך מיך געפּונען אונטער דעם איינדרוק, אַז איך הער עפּעס אַ פאנטאַ-סטישע לעגענדע און זעה פאַר זיך אַ מענשען נישט פון אונ זערע דורות, נאָר פון די אור-אַלטע צייטען.

פאַלק׳ן איז געווען איבּער ניינציג יאָהר. נישט קוקענדיג אויף דעם, האָט ער געהאַט אַלע חושים, געווען נישט נאָר שטאַרק, אפילו מעכטיג און געהאַלטען זיך גלייך ווי אַ יונגער-מאַן. געווען איז ער פון ריזיגען וואוקס, אַ בּרייטבּייניגער אַ מעכטיגער, מיט אויסדריקליכע שטריכען פון פּנים, אַ גרויסע בּרייטע נאָז, דיקע וואָנצעס און אַ בּאָרד, נאָך נישט קיין גאַנץ גרויע, שיר נישט בּיז׳ן גאַרטעל, אין מיטען אויסגעגאָלט און צוטיילט אויף צוויי פליגעל. געדעדט האָט ער שאַרף און הויך, כּמעט געשריען—און אָבּריידענדיג פיער שעה, אַ האָר נישט פערמאַטערט זיך. אויף איהם איז געווען אַ שוואַרצער ראָק און אַ צילינדער-הוט. דאָס האָט ער אָנגעטהון צוליבּ מיר, אַ גאַסט פון פּעטראָגראַד.

און נישט נאָר דער אויסזעהן פאַלק׳ס איז געווען אַ מעכטיגער. דער גאַנצער סדר פון זיין לעבען איז געווען אויף אַ ברייטען מאַסשטאַב. געהאַט האָט ער דריי און צוואַנציג קינ-דער, ביי הונדערט אייניקלעך און עטליכע צעהנדליג אור-איי-ניקלעך. געוואוינט האָט ער אין דער שטאָדט וויאַטקע, וואו איך האָב זיך מיט איהם געטראָפען,—האָבען דאָרט צו איהם געהערט אַכט גרויסע מויערן, צוויי מאַגאַזינען. זיין פערמעגען האָט מען געשאַצט אין אַ האַלבען מיליאָן רובל.

גערעדט האָט ער רוסיש. אַ זאַנפטען, פאַרביגען רוסיש מיט אַלע אויסדריקען און אָפּקלאַנגען. דאָס פּנים איז ביי איהם אויך געווען אַ טיפּיש-סלאַווישער, די דיקע פונאַנדערגעשוואומענע נאָז, די סטאַרטשענדע באַקען, אפילו דער תמ׳עוואַטער בליק פון די נאַאיווע אויגען—קיין זכר פון אַ יודען איז אויף דעם אַלטען נישט געווען צו בעמערקען. און דאָך איז ער געווען אַ יוד. און נאָך וואָס פאַר אַ יוד!

געשטאַמט האָט ער פון ליטאָ פון אַ קליין שטעדטיל נע-בען שקלאָוו. געווען איז ער א דאַר, שוואַך יונגעלע און צו ניין יאָהר האָט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות און מהרש״א. געוויס וואָלט פון איהם אַרויס אַ דאַר שוואַך יודעלע, אַ מלמד און אַנ׳אביון ווי דער פאָטער. נאָר איהם איז בעשערט געווען אַ שטורמיש און אַ ריזיג לעבען, האָט זיך אַריינגעמישט... ני-קאָלאַי פאַוולאָוויטש.

יאָ, דער קיסר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט זיך אַריינגע-מישט אין זיין לעבען. נישט דירעקט, נאָר דורך אַ יודישען כאַפּער, וועלכער האָט זיך מיט אַ חברה יונגען איינמאָל ביינאַכט אַריינגעריסען צו איהם אין שטוב אַראָפּגעשלעפּט איהם פון אויווען, וואו ער איז געשלאָפען, אַרויסגעריסען פון די הענד פון דער מוטער, וועלכע האָט איהם געוואָלט בעשיצען, אַריינ-געוואָרפען, ווי אַ געבונדען קעלבעל אין וואָגען און שנעל פער-שוואונדען מיט איהם. בשעת דער מהומה און ראַנגלען זיך, האָט דער פאָטער נאָר צייט געהאַט אויסצושרייען איהם: „גרשון, שווער ביי גאָט, אַז דו וועסט בלייבען אַ יוד!״ און ער האָט

דורך געוויין געענטפערט: „איך שווער, טאַטע!“

מען האָט איהם אָבגעפיהרט אין דער נאָהנסטער שטאָדט, און צונויפגעבראַכט מיט אַנדערע אַזעלכע ווי ער געכאַפּטע קינדער. מען האָט פון איהם אַראָבגענומען די יודישע בגדים, אָבגעשוירען די פאות און אָנגעטהון אַ לאַנגען שינעל, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט אין די פיס. צו די קינדער זענען געווען צו-געשטעלט אַלטע בייזע סאָלדאַטען, דיאַדקעס, וועלכע האָבען פון דער ערשטער מינוט אָן גענומען אומבאַרמהערציג שלאָגען און שמייסען די קינדער.

מ׳האָט זיי פיל חדשים געפיהרט אויף פוהרען און גע-טריבען צופוס פון שטאָדט צו שטאָדט ביז מען האָט זיי גע-בראַכט אין טולאַ, דאָ האָט מען זיי געפיהרט אין באָד, אַ גאַנצען טאָג נישט געשלאָגען און אָנגעזאָגט, אַז מען וועט זיי פיהרען צו אַ גרויסען גענעראַל.

געבראַכט זיי אַלעמען אין אַ גרויס הויז, אַריינגעפיהרט אין אַ לאַנגען חדר, און אויסגעשטעלט אין עטליכע רייהען. באַלד איז געקומען דער גענעראַל, אַן׳אַלטער, מיט פיל מעדאַ-לען אויפ׳ן ברוסט. ער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט דעם אויפרוף: „קינדער!“ ער האָט געזאָגט:

—ביז איצט האָט יעדערער פון אייך געהאַט אַ פאָטער און אַ מוטער. פון היינט אָן דאַרפט איהר זיי אויף אייביג פאַר-געסען, ווייל איהר האָט איצט אַ נייעם פאָטער. דאָס איז דער קיסר ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש.

און געהייסען אויסשרייען „הוראַ!“

צווישען די קינדער האָט זיך געפונען אַ צוועלף-יעהריגער, מיט׳ן נאָמען אברהמ׳ל. ער האָט פערשטאַנען רוסיש און איבער-געזעצט דעם גענעראַלס ווערטער. און די קינדער האָבען אויס-געשריען „הוראַ!“ זייער נייעם „פאָטער“.

ווייטער האָט זיי דער גענעראַל דערצעהלט, אַז זייער „פאָטער“ בעגעהט זיך גוט און האַרציג מיט די, וואָס פאָלגען איהם, אָבער ער איז אומבאַרמהערציג צו די, וועלכע ערפילען נישט זיין געבאָט. דערום מוזען זיי וויסען אַז זייער „פאָטער“

בעפעהלט, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער פאַלשען יודישען גלויבען און אָננעהמען דעם ליכטיגען גלויבען אין יעזוס קריס-טוס—און ווייטער געהייסען אויסשרייען „הוראַ!"

אברהמ'ל האָט דאָס מאָל מיט אַ דערשראָקענעם קול אי-בערגעזעצט דעם גענעראַל'ס ווערטער. דער קינדערשער הוראַ האָט דורכגעקלונגען אַ וויינענדער, אַ פערשטיקטער.

מיט אַמאָל האָט זיך בעוויזען אַ גלח מיט אַ גרויסען זיל-בערנעם צלם אין האַנד. ער האָט אָנגעהויבען פון דערווייטען צלמ'ען די קינדער, און צוטראָגען יעדערן צו די ליפּען דעם צלם אַ קוש טהון. נאָר נישט איין קינד האָט זיך נישט צוגע-ריהרט מיט די ליפּען צום צלם. זיי האָבען זיך אָבגעוואָרפען צוריק מיט שרעק. עס האָט אויסגעבראָכען אַ היסטעריש געוויין. עטליכע קינדער זענען געפאַלען צו דער ערד, אַנדערע האָבען געשריען „שמע ישראל!"

ביים גענעראַל האָבען זיך אָנגעגאָסען די אויגען מיט בלוט. ער האָט אָנגעהויבען טופען מיט די פיס אויף די קינדער, אויף די דיאַדקעס, האָט געשריען „זשידיוכעס! איך וועל אייך פערשמייסען!" און געהייסען אָבפיהרען זיי אין קאַזאַרמע.

די דיאַדקעס האָבען געשלאָגען און געשמיסען די קינדער. נאָר, אַז מ'האָט זיך געלעגט שלאָפען און די קינדער זענען געבליבען אַליין, האָבען זיי זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן און געגעבען די האַרבסטע שבועה נישט צו שמד'ן זיך.

אויף מאָרגען האָט מען די קינדער נישט געגעבען עסען. און אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען זיי ווייטער אָבגעפיהרט אין דעם חדר, וואו זיי זענען דאָס פאָריגע מאָל געווען. דאָרט האָט זיך איצט געפונען אַ טיש, אויף וועלכען עס זענען געווען אויסגעשטעלט בולקעס און קיכלעך, פוטער און האָניג און עס זענען געלעגען בערגלעך קאָנפעקטען. עטליכע שעה האָט מען אָבגעהאַלטען די הונגעריגע פערשמאַכטע קינדער אַנטקעגען דעם טיש, נישט צולאָזענדיג זיי צו איהם נאָהנט. נאָכדעם איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען אַן אָפיציר, וועלכער האָט אָנגעהויבען ריי-דען צו זיי יודיש. געזאָגט, אַז ער איז אויך פון יודען, האָט

לאַנג נישט געוואָלט שמד'ן זיך, נאָר דערזעהענדיג, אַז עס איז נישט צו מאַכען, האָט ער זיך גע'שמד'ט און איצט איז ער גליקליך. ער האָט ווייך איינגערעדט די קינדער צו שמד'ן זיך. גאָט וועט זיי נישט שטראָפען, ווייל זיי ערפילען דעם קיסר'ס בעפעהל.

געענדיגט האָט ער מיט די ווערטער:

—ווער עס וועט צוזאָגען שמד'ן זיך, מעהר נישט צוזאָגען, דער קאָן צוגעהן צום טיש און עסען וואָס זיין הארץ גלוסט.

דער ערשטער איז צוגעגאַנגען דער צוועלף-יעהריגער אברהמ'ל און צוגעכאַפּט זיך צום עסען, נאָך איהם האָבען זיך אַ ציה געטהון עטליכע אַנדערע. נאָר דאָס מעהרסטע טייל קינדער איז געבליבען ווי צוגעשמידט און נישט גערירט זיך פון אָרט. כדי דער יצר-הרע זאָל זיי נישט גורם זיין האָבען זיי זיך אָבגעקעהרט פון טיש, נאָר די דיאַדקעס האָבען זיי געצווינגען צו קוקען ווי יענע קינדער עסען. אַזוי זענען זיי אָבגעשטאַנען נאָך אַ שעה, נאָר בייגעשטאַנען דעם נסיון.

צוריק אין קאַזאַרמע האָט מען אָבגעפיהרט נאָר די, וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו שמד'ן זיך. די איבעריגע האָט מען אָבגעשיידט און אַ לאַנגע צייט, ביז זיי האָבען זיך נישט אָבגע'שמד'ט, נישט צוגעלאָזען צו די. אין קאַזאַרמע האָבען די פערשמאַכטע קינדער בעקומען צו שטיקלעך טרוקען ברויט.

געווען איז צווישען די קינדער אַ יונגעלע פון אַ יאָהר צעהן, אַ הויכער, אַ דאַרינקער, מיט ברענענדע אויגלעך, גערופען האָט מען איהם מענדעל. געווען איז ער אַ שניידערס אַ זוהן. נאָר ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לערנען און פרומקייט. פון דעם ערשטען טאָג האָט ער גענומען אויף זיך די אָנפיהרונג מיט די קינדער, הייס איינגערעדט זיי צו געהן אויף קדוש השם ווי דניאל, חנניה, מישאל ועזריה און אויפגעוויזען וואָס פאַר אַ גרויס עולם הבא זיי וועלען דערפאַר האָבען. אין אַ קורצער צייט האָט ער בעקומען אַזאַ איינפלוס, אַז די קינדער זענען געווען גרייט נאָך זיין וואָרט צו געהן אין פייער

און אין וואַסער. ער האָט אַלעמען בעהעפט מיט אַ שטרענגסטען תקיעת-כף, האָט איינגעפיהרט מ׳זאָל אויפשטעהן פריהער פון די דיאַדקעס און שטילערהייד אָבדאַווענען. אָפּט פלעגט ער אין מיטען נאַכט אויפוועקען די קינדער און לערנען מיט זיי אויס-ווענינ משניות.

און די ענוים, כדי צו נויטען די קינדער שמד׳ן זיך האָבען נישט אויפגעהערט. מען האָט געשמיסען, געפייניגט מיט הונגער, געהאַלטען שעה׳ן לאַנג באָרוועסע אויפ׳ן פראָסט. איינ-מאָל האָט מען זיי אויסגעשטעלט אויפ׳ן פלאַץ און צו זיי גע-זאָגט:

—די, וואָס זענען גרייט זיך שמד׳ן זיך, זאָלען בלייבען שטעהן אויפ׳ן אָרט. און די, וואָס ווילען נישט, זאָלען מאַכען דריי טריט הינטער זיך.

און הינטער דער רייהע קינדער זענען געשטאַנען סאָל-דאַטען מיט אויסגעשטרעקטע שטיקעס. די קינדער האָבען עס נישט געוואוסט. האָבען אָבגעטראָטען און אָנגעשטאָכען זיך. פיל זענען פערוואונדעט געוואָרען. דאַן האָט מען זיי ווידער אויס-געשטעלט און איבערגע׳חזר׳ט דעם זעלבען בעפעהל. און אַלע, חוץ צוויי, האָבען ווייטער אָבגעטראָטען צוריק אויף די שטיקעס.

דאָס צווייטע מאָל האָט מען אָבגעפיהרט די קינדער ווייט פון שטאָדט, צוגעפיהרט צו אַ טייך, ביי וועלכען עס זענען גע-שטאַנען סאָלדאַטען אויף שיפלעך און מען האָט בעפעהלט:

—די, וואָס זענען גרייט צו שמד׳ן זיך, זאָלען אַריין אין די שיפלעך. די, וואָס ווילען בלייבען „זשידיוכעס", מוזען אַרי-בער דעם טייך צו פוס, אין די קליידער.

דער טייך איז געווען אַ ברייטער און אַ טיפער. קיינער פון די קינדער האָט נישט געקענט שווימען. עטליכע האָבען זיך אָבגעטיילט און אַוועק מיט אַ געוויין צו די שיפלעך. די איבע-ריגע זענען געשטאַנען אויף אַנ׳אָרט. די סאָלדאַטען האָבען גע-נומען זיי טרייבען, אָדער אין די שיפלעך, אָדער אין וואַסער. עס איז געוואָרען אַ יללה. דאָ איז אַרויסגעטרעטען מענדעל און אַ געשריי געטהון:

—קינדער! אויף קדוש השם!

און מיט דעם געשריי: „שמע ישראל” האָט ער זיך דער ערשטער אַ לאָז געטהון אין טייך און נאָך איהם די איבעריגע. און גלייך האָבען זיי אָנגעהויבען טרינקען זיך. די סאָלדאַטען, וועלכע האָבען נישט ערוואַרט, אַז די קינדער וועלען זיך וואַרפען אין וואַסער, האָבען זיך דערשראָקען און גענומען ראַטעווען זיי. צוויי זענען דערטרונקען געוואָרען. עטליכע האָט מען אַרויסגעצויגען האַלב טויטע.

און פיל אַנדערע נסיונות איז אויסגעקומען די קינדער אויסצושטעהן. און מ'איז אויסגעשטאַנען.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך אין קאַזאַרמע בעוויזען דער צוועלף-יעהריגער אברהמ'ל. ער איז שוין געווען גע'שמד'ט און מ'האָט איהם צוגעשיקט איבעררײדען די איבעריגע. ער איז געווען גוט געקליידט און האָט געהאַט ביי זיך קאָנפעקטען און קליינגעלד. איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ווירקען נאָר אויף איין זיבען-יעהריגען קראַנקען יונגעלע. נאָר מיט אַמאָל איז ער זיך צונויפגעקומען מיט מענדלען און פלעגט שעה'ן לאַנג אָפּזיצען מיט איהם אין אַ ווינקעל און סוד'ען זיך. די קינדער האָבען נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס דאָס בעדייט. מיט אַמאָל איז אברהמ'ל פערשוואונדען געוואָרען און מעהר נישט געוויזען זיך אין קאַזאַרמע.

עס איז פערביי אַ חודש. איינמאָל, ביינאַכט האָבען צוויי סאָלדאַטען אַריינגעטראָגען אין קאַזאַרמע אַ שינעל, אין וועלכען עס איז געווען עטוואָס איינגעוויקעלט, האָבען עס אַוועקגעלעגט אויף דער ערד און מיט די ווערטער: „נעהמט עס צו. דאָס איז אייערס”, זענען זיי צוריק אַוועק. די קינדער האָבען פונאַנדערגעוויקעלט דעם שינעל און געפונען דאָרטען אברהמ'לען. איינגאַנצען אַ צוהאַקטען אַ צובלוטיגטען, מיט אַ בלויען געשוואָלענעם און צושניטענעם רוקען ביז די ענטבלויזטע ביינער. ער איז געווען אָהן בעוואוסטזיין. מ'האָט איהם בעשפריצט מיט וואַסער, געבראַכט צו זיך, האָט ער געבעטען מ'זאָל מיט איהם זאָגען „ודוי”. קיינער האָט נישט געוואוסט אויסווענדיג, האָט מען מיט

איהם געזאָגט „על חטא“, נאָר איידער ער האָט געענדיגט, האָט ער ווידער פערלוירען דאָס בעוואוסטזיין און צו אינדערפריה געשטאָרבען. מ'האָט ערלויבט די קינדער מקבר זיין איהם ווי אַ יודען. שפּעטער האָבען ווי זיך דערוואוסט, אַז אונטער דער ווירקונג פון מענדלען האָט אברהמ'ל בעשטימט תשובה טהון און מוסר נפש זיין זיך על קדוש השם. איינמאָל, אַז מ'האָט די גע'שמד'טע קינדער געפיהרט אין קירך, האָט ער אַראָפּגעריסען דעם צלמ'ל, גענומען איהם טרעטען מיט די פיס און זידלען. מ'האָט איהם באַלד אַרעסטירט, גע'משפט און פער'משפט צו פינפהונדערט ריטער—„סקוואָז סטראָי“.

ווי שטאַרק די קינדער האָבען זיך נישט געהאַלטען, דאָך האָט זיך זייער צאָהל אַלץ געמינערט. פיל זענען געשטאָרבען פון די קלעפּ און אָבצעהרונג. עטליכע האָבען זיך גענומען דאָס לעבען. דערצו האָט מען פון זיי אויסגעטיילט אַ קינדער צוואַנ-ציג און איבערגעגעבען אין די דערפער צו פויערים. דאָרט זע-נען זיי אויסגעשטאַנען שרעקליכע ענוים. אָבגעריסען פון די חברים, זענען זיי ביסלעכווייז פערגרעבט געוואָרען און כמעט אַלע האָבען זיך גע'שמד'ט. צווישען די אָבגעשיקטע אין דאָרף איז געווען אויך מענדעל. ער איז אַנטלאָפען פון פויער, צו וועלכען מ'האָט איהם אָבגעגעבען. מען האָט איהם געכאַפּט, שטאַרק געשמיסען און אומגעקעהרט צום בעל-הבית. אין גיכען איז ער ווידער אַנטלאָפען. דאָס מאָל, אַז מען האָט איהם גע-כאַפּט און געבראַכט משפט'ן, האָט ער זיך אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער פון דריטען שטאָק און איז גע'הרג'עט געוואָרען.

דאָס איז שוין געווען אויפ'ן צווייטען יאָהר. די קאַנטאָ-ניסטען זענען געווען אָבגעשיקט אין וויאַטקע. פון צווייהונדערט קינדער זענען געבליבען יודען נאָר צוועלף. דער אָנפיהרער זייערער אויף מענדעל'ס אָרט איז געוואָרען גרשון פאַלק. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף די חברים און זיי זע-נען אַלע געבליבען יודען. זיי האָבען איינגעפיהרט צווישען זיך בנוגע צו יודישקייט די זעלבע שטרענגקייט וואָס האָט געהערשט אין קאַזאַרמע. זיי האָבען פערשריבען אין פנקס תקנות, וועלכע

בעשטראָפונג עס קומט פאַר יעדער עבירה: פאַר פער-עהלען אַ דאַווענען אומדערוואַכּען צעהן שמיץ. שבת-צוואַנציג, פאַר חלול שבת פון צעהן ביז דרייסיג שמיץ. פאַר עסען טרפה פופציג שמיץ. מען האָט שטרענג אויסגעפיהרט די שטראָפען און קיינער פון דער מאַכט האָט נישט געוואוסט דערפון.

גאַנצע פיער יאָהר האָבען זיך געצויגען די ענוים. נאָר ביסלעכווייז האָבען די תלינים איינגעמידט זיך און אַ מאַך געטהון מיט׳ן האַנט אויף די קינדער. אייניגע האָבען אפילו בעקומען אַ געוויסען דרך ארץ פאַר זייער מוטיגער שטאַרקייט אין גלויבען. איין מאָל איז געקומען אַנ׳אַלטער גענעראַל, האָט זיי אַרויסגערופען און געפרעגט:

—איהר זייט יודען?

—מיר זענען יודען, אייער וויסאָקאָ פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ—האָבען זיי געענטפערט אין איין קול.

—און איהר ווילט זיך בשום אופן נישט שמד׳ן?—

—בשום אופן נישט, אייער וויסאָקאָפּרעוואָכאָדיטעלסטוואָ.

—איך לויב אייך!—האָט זיי געזאָגט דער גענעראַל.—בלייבט אויף ווייטער טריי אייער גאָט. ווער עס איז טריי זיין גאָט, איז טריי זיין קיסר.

די ווערטער האָבען געמאַכט אַנ׳אונגעהויערן איינדרוק אויף די קינדער. צווישען זיי האָט זיך געשאַפען אַ לעגענדע אַז דער גענעראַל איז געווען אַ פערשטעלטער אליהו הנביא.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך זייער לאַגע פערבעסערט. צום פינפטען יאָהר האָט מען זיי בעפרייט אויף יום-כפור און ערלויבט צו דאַווענען מיט אַ מנין. קיין יודען זענען אין שטאָדט נישט געווען, האָבען זיי אַליין איינגעאָרדענט אַ מנין. פון די זעלטענע גראָשענס וואָס זיי פלעגען בעקומען האָבען זיי געהאַט אָבגעשפּאָרט אַכט און דרייסיג קאָפּיקעס. פאַר דעם געלד האָבען זיי געקויפט ביי אַ דורכגעהענדען פערשיקטען יודען פאַר פופצעהן קאָפּ. אַ סדור, פאַר דריי קאָפּיקעס געדונגען אַ בעזונדער חדר אויף דאַווענען און פאַר צעהן קאָפּ. געקויפט ליכט. גרשון האָט געדאַווענט פאַר׳ן עמוד. בשעת ער האָט אָנגעהויבען

זינגען אויפ'ן קול „כל נדרי” האָט זיך פון דרויסען דערהערט אַ געוויין, וועלכער איז געוואָרען אַלץ העכער, שטאַרקער און ביטערער. אַז מען איז אַרויסגעגאַנגען, האָט מען דערזעהן אַז אַרום הויז שטעהען ביי פופציג קינדער, פון די גע'שמד'טע, וועלכע וואַגען נישט אַריינגעהן אין הויז, און זאָגען נאָך מיט אַ גרויס געוויין „כל נדרי”.

אַז די קאַנטאָניסטען איז געוואָרען אַכצעהן יאָהר, האָט מען זיי פערזענט פאַר סאָלדאַטען און ערלויבט חתונה האָבען. וואו אָבער קריגט מען יודישע טעכטער? האָט מען זיך אַן עצה געגעבען. מען פלעגט אָבוואַרטען די עטאַפען וואָס געהען קיין סיביר. אין יעדען עטאַפ פלעגען זיך געפינען עטליכע פערשיקטע יודען וואָס זענען געגאַנגען מיט די פאַמיליעס. אָט ביי זיי פלעגען די קאַנטאָניסטען קויפען מיידלעך פאַר ווייבער. גרשון האָט געקויפט אַ ווייב פאַר צוועלף רובל. ער האָט אָבגעלעבט מיט איהר זעכציג יאָהר, און זי האָט איהם געבוירען דריי און צוואַנציג קינדער.

די גאַנצע פינף און צוואַנציג-יעהריגע דינסט איז גרשון אָפגעקומען אין וויאַטקע, איז געבליבען דאָ אַ תושב, גענומען האַנדלען און ביסלעכווייז געוואָרען אַ גביר.

דער אַלטער פאַלק האָט מיר דערצעהלט זיין לעבענס-געשיכטע מיט אַ פרעהליכען טאָן פון אַ זיגער. און ער איז דאָך באמת געווען אַ זיגער: מנצח געווען ניקאָלאַיען און זיין אייזערנע רעזשים! די שרעקליכסטע ענוים וואָס איהם איז אויסגעקומען איבערצוטראָגען, האָבען נישט אונטערגעריסען זיין לעבענס-קראַפט. פערקעהרט, דאָס זיין אויף דער פרייער לופט, די רעגעלמעסיגקייט פון לעבען און אַרבייט און די גראָבע אָבער זעטיגע שפייז האָבען פערשטאַרקט זיין גוף אַזוי ווי די יסורים האָבען פערשטאַרקט זיין נשמה.

ער האָט זיך פאַר מיר בעריהמט מיט זיינע אייניקלעך: פערהאַן צווישען זיי דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, אינזשעניערן. ער האָט מיר בעוויזען אַ פאָטאָגראַפיש בילד פונם עלטסטען אור-אייניקעל, וואָס ער האָט די טעג בעקומען.

—זיין פאַמיליע איז מעלניקאָוו, מיין טאָכטערס אַנ'איינ־קעל. ער איז אַ סטודענט אין פעטערבורג. אפשר וועט איהר זיך מיט איהם טרעפען אין פעטערבורג, גיט איהם אָב אַ גרוס פון עלטער־זיידען. זאָגט איהם, אַז איך בין אויך דורכגעגאַנגען אַנ'אוניווערזיטעט, ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטשעס אוניווערזיטעט. און כאָטש איך בין נישט קיין דאָקטאָר, דאַרף ער זיך מיט מיר נישט שעמען.

איך האָב אָנגעקוקט דאָס בילד. דער אוראייניקעל האָט קיין שום עהנליכקייט נישט געהאַט מיט'ן עלטער־זיידען. אַ אויסגעווייקט אינטעליגענט פּנים אין ברילען.

---

עס איז פערביי אַ יאָהר.

איינמאָל קומענדיג צו מיינעם אַ גוטען בעקאַנטען רוסי־שען אַדוואָקאַט און פּאָליטישען כלל־טהוער, האָב איך ביי איהם געטראָפען ביים טיי־טיש, צוזאַמען מיט די היים־לייט, אַ יונגען־מאַן, אַ סטודענט מיט אַ טיפּיש יודישען אויסזעהן, אין ברילען. מ'האָט מיר איהם פאָרגעשטעלט: „מעלניקאָוו". מיר האָט זיך אַ דאַנק געטהון, אַז איך האָב איהם שוין ערגיץ געזעהן און גע־קענט די פאַמיליע. נאָר איך האָב זיך נישט אָבגעשטעלט אויף דעם: וועניג מענשען בעגעגענט מען אין לעבען.

מיין בעקאַנטער אַדוואָקאַט איז געווען אַ בעוואוסטער יו־דען־פריינד און איז עטליכע מאָל אַרויסגעטראָטען אין גאָסו־דאַרסטווענע דומע, אין וועלכער ער איז געווען אַ מיטגליד, מיט שאַרפע רעדעס געגען דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. איצט האָבען מיר אויך געשמועסט אויף דער טעמאַ. פאַקטען וועגען יודישער רעכטלאָזיגקייט זענען געווען גענוג.

—אָט איך וועל אייך דערצעהלען אַ פאַקט, וועלכער שטייגט־איבער אַנדערע נבלות פון דער רעגירונג בנוגע צו יו־דען—האָט זיך אָבגערופען דער בעל־הבית—אָט דער יונגערמאַן,—האָט ער אָנגעוויזען אויף מעלניקאָוו'ן,—מיין זוהנ'ס אַ חבר, האָט

געהאַט דאָס אומגליק געבוירען צו ווערען אַ יוד. פריהער איז ער אויסגעשטאַנען פיל צרות ביז ער איז אָנגעקומען אין גימנאַזיע, ביז ער האָט זי געענדיגט. געקומען צום אוניווערזיטעט — די פּראָצענט-נאָרמע און די „זשערעביאָווקע”. בקיצור, נישטאָ קיין מעגליכקייט אַנצוקומען. פערלוירען אַ גאַנץ יאָהר און עס איז פּוּרגעשטאַנען צו פערלירען אַ צווייטען און אַ דריטען. מיט אַמאָל האָט זיך געפונען אַנ׳אויסגאַנג. אין פינלאַנד, אין וויבאָרג, איז דאָ אַ פּריסטער מיט׳ן נאָמען פּיר, וועלכער, פאַר אַ געוויסע סומע, פערשרייבט יודען אַלס געטויפטע, נישט מאָהנענדיג פון זיי קיין שום צערעמאָניע, קיין שום רעליגיעזען אַקט. זיי זעהען איהם אפילו נישט אָן אין די אויגען. אַ פּראָסטע פאָרמאַליטעט. האָבען זיך פיל יודישע יונגעלייט, און צווישען זיי אויך ה׳ מעלניקאָוו, בענוצט מיט דעם און, בעקומענדיג אַ פּאַפּיר, אַז זיי זענען געטויפט, זענען זיי גלייך אַנגעקומען אין אוניווערזיטעט. שטעלט-זשע אייך פאָר! איצט האָט דער הייליגסטער סינאָד אָנגענומען אַ בעשלוס, אַז די אַלע, וואָס האָבען זיך געטויפט ביים פּריסטער פּיר, רעכענען זיך פאַר נישט געטויפטע און בלייבען ביי זייערע בעגרענצטע יודישע רעכט. נאָך דער ערקלערונג האָט מען מעלניקאָוו׳ן און זיינע חברים אויסגעשלאָסען פון אוניווערזיטעט און איצט שיקט מען איהם אַרויס ווי אַ רעכטלאָזיגען פון פעטערבורג. וואָס זאָגט איהר אויף דער נבלה?

איך האָב אַ בליק געטהון אויף מעלניקאָוו׳ן און דאָס מאָל האָב איך זיך דערמאָהנט, אַז דאָס האָב איך זיין בילד געזעהן ביים אַלטן פאַלק׳ן. יענער האָט, דוכט זיך, אָנגערופען די פאַמיליע מעלניקאָוו.

—זאָגט מיר,—האָב איך זיך געווענדט צום סטודענט,— איהר האָט אַנ׳עלטער-זיידען אין וויאַטקע? גרשון פאַלק?

מעלניקאָוו האָט זיך דערפרעהט.

—יאָ, יאָ! פון וואַנען ווייסט איהר? איהר קענט איהם?

—איך האָב זיך מיט איהם דאָס פאָריגע יאָהר בעקענט. ער האָט מיר אייער פאָטאָגראַפיש בילד בעוויזען.

—אַזוי? בעקענט זיך? נו, וואָס פאַר אַ איינדרוק האָט ער אויף אייך געמאַכט? נישט אמת, אַנ'אָריגינעלער זקן?

—יאָ, זעהר אַנ'אָריגינעלער!—האָב איך מסכים געווען און דערצעהלט דעם אַדוואָקאַט וועגען מעלניקאָוו'ס עלטער-זיידען, וואָס ער האָט אויסגעליטען און אויסגעשטאַנען.

מעלניקאָוו האָט צוגעהערט מיין ערצעהלונג מיט אַ צו-פרידענער מינע, האָט צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אַז איך האָב געענדיגט, האָט ער זיך אָבגערופען צום אַדוואָקאַט:

—ווי איהר זעהט, איז עס ביי אונז בירושה אין דער משפחה: מיין עלטער-זיידע האָט אויך גענוג איבערגעליטען פון זיין יודישקייט...

—נישט פון זיין יודישקייט, נאָר פאַר זיין יודישקייט,— האָב איך איהם פערריכט...

מעלניקאָוו האָט נישט פערשטאַנען דעם אונטערשיד צווי-שען די צוויי ווערטער. נישט פערשטאַנען האָט זיי אויך דער יודען-פריינדליכער אַדוואָקאַט...

# צווישען גרים

—סטעפּאַן!

עס קומט אַריין אַנ׳עלטערער פויער אין אַנ׳אָבּגעטראָגענעם פּעלצעל מיט אַנ׳אויסגעריבּענעם בּאַראַשקענעם היטעל אונטער׳ן אָרעם, אַ געוועהנליך פויעריש געזיכט, אַנ׳אויסגעהאָרעוועטס, מיט אַ שיטער בּלאָנד בּערדעל; שטעלט זיך אָבּ בּיי דער טהיר שטיל און געהאָרכזאַם. דאָס איז אַ סטרוזש אינ׳ם הויז פון מיינע בּעקאַנטע אין צאַריצין, צו וועמען איך בּין פּערפאָהרען אויף עטליכע טעג.

איך קוק זיך צו אויפמערקזאַמער צום סטרוזש און בּעמערק איינינע איינצעלהייטען. זיין שטילקייט איז נישט קיין עניוות פון אַנ׳אונטערטעניגען קנעכט זי איז אַ טיפערע, אַנ׳אינערליכע, לייכט זיך אין די אויגען און דריקט זיך אויס אין דער פיגור: דער קאָפּ איז אויף אַ בּעזונדער אופן אָנגעבּויגען אָן אַ זייט, דער רוקען אויסגעבּויגען...

—סטעפּאַן: ווערסט מאָרגען אינדערפריה געהן אין שוהל דאַווענען?—פרעגט איהם דיווירטין.

—מען דאַרף, פערשטעהט זיך, געהן... פאַרט שבת...— ענטפערט סטעפאַן שטיל און הויבט-אויף די אויגען. אין זיי דריקט זיך דייטליך אויס אַ יודישע עניוות, אַ טיפע און אַ רע-ליגיעזע.

אַט די אונגעוועהנליכע צונויפפאַרונג פון אַ טיפיש-רוסי-שען פויער מיט „שבת" און „שוהל" וואונדערט מיך נישט. איך ווייס שוין, אַז סטעפאַן,—אַ געוועהנליכער רוסישער פויער פון כאַרקאָווער גובערניע,—געהערט צו דער סעקטע „פעריודישטע", וועלכע בעשטעהט פון עכטע גרים. סטעפאַן (זיין גר'ישער נאָ-מען איז „אברהם") דינט שוין מעהר ווי צעהן יאָהר ביי מיינע בעקאַנטע און זיי האָבען מיר פיל דערצעהלט וועגען זיין פרום-קייט און ריהרענדער נאַאיוועր איבערגעגעבענקייט דעם יודענטום. די ווירטין האָט איהם אַריינגערופען, ער זאָל געהן מיט מיר מאָרגען אין זייער גר'ישער שוהל.

—אדרבא,—האָט ער איינגעשטימט, האָט אַ וואָרף געטהון אויף מיר אַ צאַרטען בליק און איז שטיל אַרויס פון צימער.

## ב

וועגען דער סעקטע „פעריודישטע" האָב איך געהאַט אַ קנאַפע פאָרשטעלונג, ביז איך האָב זיך נישט בעגעגענט מיט איהרע אָנהענגער אין צאַריצין, וואו עס וואוינען עטליכע הונ-דערט געזינדען גרים, אַלע געוועזענע פויערים פון סאַראַטאָווער גובערניע. מעהרסטענטייל זענען זיי פוהרמאַנעס און בעלי-מלאכות, פערהאַן אויך קליין-הענדלער. זיי פיהרען אַ שטיל ניכטער און אָרענטליך לעבען, זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער אַרבייטסזאַמקייט און זענען שטרענג מקיים אַלע יודישע דינים און מנהגים. זיי האָבען זייערע בעזונדערע שוהלען, זייערע חדרים, מלמדים, שוחטים. די רייכע שיקען זייערע קינדער אין יודישע שטעדט, איבערהויפט אין ליטא, אין די ישיבות. מיט די אָרטיגע יודען בעגעגענען זיך די גרים וועניג, ווייל די יודען האַלטען

זיך פון זיי דערווייטען. זיי אָבער בעציהען זיך צו יודען מיט גרויס יראת הכבוד, ווי צו מענשען, וואָס שטאַמען פון די ביבלישע אָבות: מתחתן זיין זיך מיט אַ יודען רעכענט אַ גר פאַר זיך פאַר׳ן גרעסטען כבוד.

אין צאַריצין וואוינט בלויז אַ קליינער טייל גרים. אין גאַנץ רוסלאַנד רעכענט זיך איבער הונדערט טויזענד אַזעלכע „פעריודישטע". נאָהנט צו די „פעריודישטע" זענען די סעקטעס „מאָלאָקאַנער" און איבערהויפט „סובאָטניקעס". די לעצטע צוויי סעקטעס האָבען עטליכע מיליאָן אָנהענגער. די „הויפט-פונקטען", וואו עס געפינען זיך די „פעריודישטע", איז דער וואָלגאַ-קאַנט אין קאַווקאַז. צעהנדליגער דערפער אויף דער וואָלגאַ און גאַנצע קאָזאַקען-„סטאַניצעס" אויף קאַווקאַז זענען בעזעצט דורכאויס מיט „פעריודישטע". מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אין איינער פון די „סטאַניצעס" פערפאָהרען דער בעקאַנטער טעריטאָריאַליסט שרירה. די גרים, עכטע קאָזאַקען, האבען זיך זעהר פאַראינטערעסירט מיט זיינע ערצעהלונגען וועגען דער טעריטאָריאַליסטישער בעוועגונג און האָט אַרויסגעזאָגט אַ גרייטקייט אַריבערצופאָהרען אויף אַ יודישער טעריטאָריע, ווען אַזעלכע וועט זיך שאַפען. זיי האָבען בעגלייט זייער צופעליגען גאַסט, דעם אָנזאָגער פון יודישער אויפלעבונג, מיט פאַקעל-צוגען און רייטער-געלאַף און שיסעריי.

מיט פיר יאָהר צוריק האָט זיך צווישען די וואָלגאַ-גרים פערשפרייט די ציוניסטישע בעוועגונג. אָנגעהויבען האָט זיך עס פון אַ לעגענדע. צו זיי איז דערגאַנגען אַן׳אָבקלאַנג פון מאַקס נאָרדוי׳ס אַ רעדע, אין וועלכער עס זענען געווען די ווערטער: „דונער און בליץ". די ווערטער האָבען געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די גרים און זיי האָבען זיי אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן „דער דונער האָט שוין אָבגעדונערט און דער בליץ האָט שוין אָבגעבליצט. גאָט׳ס שעה איז אָנגעשטאַנען און משיח איז געקומען". פאַר משיח׳ן האָט מען געהאַלטען, פערשטעהט זיך, הערצל׳ען. עס האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז פאַלעסטינאַ געהערט צו יודען. און מען דאַרף זיך איילען קויפען

דאָרט ערד, אַנדערע זאָלען זי נישט פערכאַפּען. ווי געוויעהנליך, האָט מען בעשטימט שיקען שלוחים-אויספאָרשער. די שלוחים זענען געקומען קיין סאַראַטאָוו צום אָרטיגען ציוניסטישען קאָמי-טעט און האָבען בשום אופן נישט געוואָלט גלויבען, אַז פּאַלע-סטינאַ געהערט נאָך נישט יודען. עטליכע צעהנדליג געזינדען זענען אַריבערגעפאָהרען קיין פּאַלעסטינאַ און זיך דאָרט איינ-געאָרדענט אין די יודישע קאָלאָניעס.

וועגען דער שאַפונג פון דער „סעקטע" און איהרע גרינ-דער האָבען די אָרטיגע גרים זעהר אַ שוואַכע פאָרשטעלונג (איינציגע רעכענען, אַז זיי שטאַמען פון די האָזאַרען, כוזרים). דערפאַר זענען ביי זיי פערבליבען פריש די ערינערונגען וועגען די שרעקליכע פערפאָלגונגען, וואָס זייערע זיידעס און על-טערן זענען אויסגעשטאַנען פאַר זייער יודישקייט. צווישען אַנ-דערע האָט מען מיר דערצעהלט די פאָלגענדע לעגענדע:

איינמאָל איז ניקאָלאַי דער ערשטער געפאָהרען איבער קובאַנער קאַנט. פון איין סטאַניצע זענען איהם אַרויס אַנטקעגען מיט אַ קבלת-פּנים קאָזאַקען גרים מיט אַ ספר-תורה. אויסגע-שטעלט זיך, שטעהען ווי העלדען. נאָר די היטלען נעהמען זיי נישט אַראָב.

דער קייזער האָט דאָס דערזעהן און צעשריען זיך:

—וואָס איז דאָס פאַר אַ בונט! די היטלען אַראָב!

דער הויפּט-קאָמאַנדיר איז אַרויסגעטרעטען און געזאָגט:

—אייער קייזערליכע מאַיעסטעט, דאָס איז נישט קיין בונט. זייער גלויבען ערלויבט זיי נישט אַראָבצונעהמען די היטלען. זיי האַלטען זיך ביים יודישען גלויבען.

—ווי הייסט „ביים יודישען גלויבען?" ווי קאָן דאָס אַ קאָ-זאַק געהערען צום יודישען גלויבען?

—זיי זענען געווען פּראַוואָסלאַוונע, נאָר זיי האָבען זיך מגיר געווען.

ווי ניקאָלאַי האָט עס דערהערט, איז ער אַריין אין אַ שרעקליכען גרימצאָרן. איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס אין

דער קאַרעטע, אין וועלכער ער איז געזעסען, און אויסגעשריען מיט אַ דונערנדען קול:

—איך וועל זיי, די מנוולים ווייזען, ווי אַזוי אָבזאָגען זיך פון פראַוואָסלאַוונעם גלויבען! גלייך זאָל מען זיי אַלעמען פון קליין ביז גרויס שמיד...

נאָר ער האָט נישט געענדיגט דאָס וואָרט, איז בלייך געוואָרען, האָט זיך אַראָבגעלאָזט אויפ׳ן אָרט, האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט די הענד פאַר די עקען פון דער קאַרעטע און איז אַזוי אַ לאַנגע צייט געזעסען מיט אַן׳אַראָבגעלאָזטען קאָפּ. נאָכדעם האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, לאַנג געקוקט אויף דער ספר-תּורה, און שטיל, ווי פאַר זיך, אַרויסגערעדט:

—לב מלכים ושרים ביד ד׳ (דאָס האַרץ פון קיסרים און האַרען איז אין גאָט׳ס האַנד), האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געהייסען פאָהרען ווייטער. ער האָט בעפוילען נישט פערפאָלגען די גרים, נאָר אַריבערפיהרען זיי אין אַ ווייטערע סטאַניצע. פריהער האָט ער געהאַט בדעה, זיי שטאַרק צו בעשטראָפען.

## ג

אויף מאָרגען, שבת אינדערפריה, איז צו מיר געקומען סטעפּאַן, אַלץ אַזאַ שטילער און געהאָרכזאַמער. געוועזן איז ער אָנגעטון אין דעמזעלבען אויסגעריבענעם פעלצעל, וואָס נעכטען נאָר די האָר זענען געוועזן גלאַט-פערקעמט, די שטיוועל אויסגעפוצט און דער האַלז אַרומגעוויקעלט מיט אַ ווייס טיכעל. אויפ׳ן גר׳ס גאַנצען אויסזעהן איז געלעגען אַ יום-טוב׳דיגע שטימונג.

מיר זענען אַוועק אין שוהל. איך האָב פערפיהרט אַ געשפּרעך מיט סטעפּאַנען. אויף מיין ערשטער פראַגע וועגען די גרים און זייער רעליגיעזער אויפפיהרונג האָט מיר סטעפּאַן מיט אַ טיפען צער געענטפערט:

—איך בין נישט שטאַרק בעהאַוועגט אין די זאַכען: נישט געלערנט. קאַם-קאַם וואָס איך קלויב פונאַנדער די ווערטער אין „סדור". גאָט האָט מיך נישט געלייטזעליגט. דערפאַר וועט מיין זוהן זיין אַנ'אמת'ער יוד און אַ למדן... ער לערנט, גאָט צו דאַנקען אין דער ישיבה.

—וואו?

—אין ווילנאָ. געשיקט איהם אַהין. דאָרט האָט זיך געפונען אַ גוטער מענש, האָט איהם גענומען צו זיך און זהאַלט איהם ווי אַנ'אייגען קינד... נישט לאַנג האָט מען דאָרט געפראַוועט זיין „בר מצוה", געזאָגט אַ „דרשה", אַלץ ווי געהעריג.— האָט ער געענדיגט מיט אַ שטאָלצער פרייד. אַ ווײלע געשוויגען, נאָכדעם אַרויסגערעדט שטיל און האַרציג:

—איך קלער פאָהרען קיין „פּאַלעסטינקע" (דאָס וואָרט „פּאַלעסטינקע" האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ בעזונדער צערטליכקייט,) קויפען דאָרט אַ שטיקעל ערד און בעזעצען זיך. נאָר ווער ווייסט אויב גאָט וועט מזכה זיין! מען זאָגט—די שעה איז נאָך נישט געקומען. מען לאָזט נאָך נישט אַריין קיין „פּאַלעסטינקע".

געקומען אין שוהל. זי געפינט זיך אין הינטערשטען שטאָק פון אַ צווייגאָרענדיגען הויז (אין צווייטען שטאָק איז די יודישע שוהל). אַ הויכער חדר, ווייסע ווענט, פּראָסטע הילצערנע בענק, אַ קליינער איינפאַכער אָרון-קודש מיט אַנ'עמוד. אין מיטען חדר אַ פּראָסטער טיש, בעדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך. די איינציגע בעצירונג איז דער מיט גאָלד געשטיקטער פּרוכת. ביי דער שוהל צוויי חדרים. אין איינעם איז די ווייבערשע שוהל, אין צווייטען וואוינט דער שמש.

מען האָט זיך נאָר-וואָס געשטעלט דאַווענען. ביי צוויי מנינים גרים, אַלטע און יונגע, אויפ'ן אָנקוק, טיפּישע פּויערים פון גרויס-רוסלאַנד, אין טליתים מיט סידורים (מיט אַ רוסישער איבערזעצונג) אין די הענד, זענען געשטאַנען און שטיל געדאַוועט, אַרויסרייידענדיג שווער און האַרט די לשון-קודש'דיגע ווערטער. ביים עמוד איז געשטאַנען אַ מאַן פון אַ יאָהר פער-

ציג, פון אַ ריזיגען וואוקס, אַ בּרייטבּייניגער, אַ הויכער, מיט אַנ׳אָפּענעם סלאַווישען פּנים, אַ בּיסעל פונאַנדערגעשוואומענע שטריכען פון געזיכט, בּלויע אויגען און אַ בּרייטע געלע בּאָרד, פונאַנדערגעקעמט ווי אַ לאָפּאַטע. געווען איז ער אין אַ יאַר-מולקע, פון אונטער וועלכער עס זענען אַראָבּגעהאַנגען צוויי דיקע געלע פּאות. געזאָגט האָט ער די תּפילות מיט׳ן געוועהנ-ליכען סקאַרבּאָווען שבּת-נגון, געזאָגט גלאַט און אַרויסגערעדט זעהר ריכטיג די ווערטער, אפילו א בּיסעל צו ריכטיג, מעהר נישט דער „ה" איז בּיי איהם אַרויסגעקומען צו-האַרט, מיט האַלז-קלאַנג. געדאַוועגט האָט ער מיט התלהבות, פון צייט צו צייט אויסגעשריען: „אַי—אַי!", האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ, פערגלאָצט מיט די אויגען, אויסגעשפּרייט די הענד, און אויף זיין פּנים האָט זיך אויסגעדריקט אַ בּעגייסטערטער טרויער. דאָס אַלץ איז בּיי איהם אַרויסגעקומען אַזוי פּראָסט און נאַטירליך, אַז אין קיין איין בּעוועגונג זיינער האָט זיך נישט געפיהלט קיין געמאַכטקייט און עס האָט אויסגעוויזען גאַנץ נאַטירליך, וואָס דער ריזיגער סלאַוו, מיט אַ טיפּישען פּנים פון אַ דאָרף-פּויער, דאַוועגט מיט דערזעלבּער התלהבות, ווי אַ קאָצקער חסיד. אַזוי איז שוין דער כּח פון אַ טיפער ערנסטער שטימונג.

געענדיגט „שחרית", איז דער חזן אַוועק פון עמוד, האָט מיט אַ גרויס קאָלירט טיכעל אָבּגעווישט דעם שטערען, אויף וועלכען ס׳זענען געווען אַרויסגעטראָטען גרויסע טראָפּען שווייס, און האָט זיך אומגעקוקט. בּעמערקענדיג מיך, אַ פרעמדען מענ-שען, האָט ער אויפמערקזאַם אָנגעקוקט, נאָכדעם צוגעגאַנגען און פּראָסט און האַרציג דערלאַנגט מיר די האַנד.

—שלום עליכם!

און בּאַלד געפרעגט:

—מען קאָן אייך אויפרופען צו דער תּורה?

—אדרבּא,—האָבּ איך געענטפערט און צוגעגעבּען,—איך בּין אַ כּהן.

—דאָס איז אונז זעהר אָנגענעהם,—האָט ער געענטפערט

מיט א קאָנטעטען שמייכעל,—מיר, גרים, האָבען דאָך נישט קיין אייגענע כהנים.

מען איז צוגעטראָטען צו לייענען די תורה. געלייענט האָט דערזעלבער חזן, נאָר ביים טיש איז געשטאַנען נאָך אַ גר און פאָרגעזאָגט איהם פון חומש. ביים לייענען די תורה האָט זיך דער חזן געפיהלט ווייט נישט אַזוי פריי, ווי פאַר׳ן עמוד. נישט קוקענדיג אויפ׳ן פאָרזאָגער, האָט ער פון צייט צו צייט געמאַכט גרייזען, אָבגעשטעלט זיך. דעמאָלט פלעגט זיך ביי די גרים ווייזען אַנ׳אָנגעשטרענגטער דערשראָקענער אויסדרוק אויף די פנימער און פון אַלע זייטען פלעגט מען האַסטיג נעהמען אונטערזאָגען.

מען האָט מיך אויפגערופען צוויי מאָל: כהן און במקום לוי. שלישי האָט מען אויפגערופען אַנ׳אַלטיטשקען גר, אַנ׳איינ־געבויגענעם מיט טרעהרענדע אויגען. ער איז נישט זיכער צו־געגאַנגען צו דער בימה, מיט אַ ציטערנדע האַנד אָנגעריהרט מיט׳ן ברעג טלית דעם אָנגעוויזענעם אָרט, אַ קוש געטהון און אָנגעהויבען מיט אַ ציטערענדען קול:

—בר... בר... כו...

און אָבגעשטעלט זיך אַ דערשראָקענער, אַ פערלוירענער, מיט׳ן אויסדרוק פון טיפסטען צער אין די אויגען.

איבער דער שוהל האָט זיך פערשפרייט עפּעס אַנ׳אונרו־היגקייט. פון אַלע זייטען האָט מען שנעל גענומען אונטערזאָ־גען איהם די ברכה, נאָר וויל פיל האָבען אונטערגעזאָגט, האָט דער דערשראָקענער אַלטיטשקער זיך נאָך מעהר פערלוירען און איבערגע׳חזר׳ט אַלץ מיט מעהר צער און שרעק:

—ברכו... ברכו...

עס האָט זיך בעקומען אַנ׳אונבעשרייבליך ריהרענדע סצע־נע. און אויב תפילות דערגעהען צום כסא הכבוד, האָט דער דערשראָקענער „ברכו" פון אַלטיטשקען סאַראַטאָווער פויער געוויס אַרויסגערופען אַ ציטער פון העכסטער חדוה אין אַלע עולמות און אָנגענומען געוואָרען פון גאָט, ווי די טייערסטע מתנה פון אַ מענשליך צעבראָכען האַרץ.

איך האָב אַרויפגעלעגט דעם אַלטיטשקען די האַנד אויף דער פלייצע און שטיל און צאַרט געזאָגט איהם:

—זיידע, זאָגט מיר נאָך.

און לאַנגזאַם און אויסדריקליך פאָרגעזאָגט איהם די ברכה. און ער האָט מיר נאָכגעזאָגט, ווי אַ געהאָרכזאַם קינד. דאָסזעלבע איז געווען מיט דער לעצטער ברכה.

מען האָט אויפגערופען אַ בלאָנדען יונגענמאַן, וועלכער איז געקומען שפעט און איז געווען שטאַרק דערשראָקען, צי האָט ער נישט פערשפעטיגט. דער חזן האָט איהם געמאַכט „מי שברך" און דערביי געגעבען אַ נאָמען זיין ניי-געבוירענער טאָכטער. נאָכ'ן לייענען האָט דער חזן איהם אָבגעגעבען מזל-טוב און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

—אַ שענעם נאָמען געגעבען דיין טאָכטער: חוה, דאָס הייסט „די מוטער פון אַלע לעבענדע".

נאָכ'ן דאַווענען האָבען די גרים איינער דעם אַנדערן, און, אַרויסגעהענדיג פון שוהל, אויך די ווייבער געזאָגט אויף יודיש „גוט שבת!"

ז׳

מיך האָט בעזונדערס פעראינטערעסירט דער חזן, יעקב ז. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ פוהרמאַן און רעכענט זיך צווישען די גרים פאַר'ן גרעסטען למדן. מען האָט מיר איהם כאַראַקטעריזירט, ווי זעהר אַ פרומען. פאַר די צוואַנציג יאָהר, וואָס ער וואוינט אין צאַריצין, האָט ער נישט דורכגע-לאָזט קיין איין טאָג, ער זאָל נישט דאַווענען אין שוהל. ווען ביי איהם איז אַמאָל שבת קראַנק געוואָרען אַ זוהן, האָט ער ביז נאָך הבדלה נישט גערופען דעם דאָקטאָר, אַ יודען, כדי נישט שטערען זיין שבת-רוה, מען האָט מיר דערצעהלט עטליכע ביישפילען פון זיין שטרענגער אָרענטליכקייט און זיין גרייט-קייט צו העלפען דעם צווייטען.

אין עטליכע טעג אַרום איז מיר אויסגעקומען זיך צו בעקענען מיט איהם און האָבען מיט איהם אַ געשפּרעך.

—מיר זענען שוין אַלטע גרים,—האָט ער מיר געזאָגט מיט שטאָלץ,—אונזערע זיידעס האָבען נאָך פאַר ניקאָלאַי דעם ערשטען גע„סובאָטעיועט". זיי האָבען געוואוינט אין אַ דאָרף ביי דער וואָלגאַ. איך בין אויך געבוירען אינ'ם דאָרף. מיינע על-טערן האָבען זיך שוין מגיר געווען, געהאַלטען זיך פאַר יודען, אָבער זיי האָבען נישט געוואוסט פון יודישע דינים און מנהגים. איינמאָל איז צו אונז אין דאָרף געקומען אַ יוד, מען האָט איהם גערופען ר' דוד. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי מיר לעבען און געזאָגט: „איהר טראָגט דעם נאָמען „גרים" און לעבען לעבט איהר ווי געצענדינער". ענטפערן מיר איהם: „לערן אונז". און ער האָט אונז אָנגעהויבען לערנען. קודם כל איז ער אַוועקגע-פאָהרען אין דער ליטאָ און געבראַכט אַ ספר-תורה, טליתים, תפילין, סידורים און אַנדערע הייליגע זאַכען און גענומען אונז לערנען, ווי צו בעגעהן זיך מיט זיי. נאָכדעם זאָגט ער: „מען דאַרף בויען אַ מקוה". ער האָט געוויזען—און מיר האָבען אויס-געבויט און איינגעאָרדענט אַ מקוה. איז געקומען פסח, האָט ער בעוויזען, ווי מען דאַרף כשר'ן די מיהל, באַקען מצות. בקיצור, ער האָט אונז מדריך געווען אין אַלץ. אין דערזעלבער צייט האָט ער מיט די קינדער געלערנט עברי, חומש תנ"ך און אויס-געלערנט זיי דאַווענען. געווען איז ער אי חזן, אי מוהל, אי שוחט. אַזוי האָט ער פערבראַכט ביי רונד פיער יאָהר. געלעבט און געגעסען מיט אונז צוזאַמען. ער האָט נישט גענאָהנט ביי אונז קיין געצאָהלט. מיר האָבען איהם אַליין בעפרידיגט. אָט אַזוי האָט ער אונז געשטעלט אויף אַ דרך. נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

—נו, איצט זענט איהר שוין אמת'ע יודען. איהר ווייסט שוין אַלע דינים און מנהגים און קאָנט זיך בעגעהן אָהן מיר. און איז אַוועקגעפאָהרען.

ז. האָט מיר פיל דערצעהלט וועגען דעם לעבען פון ד, גרים אין צאַריצין. דערביי האָט ער אויסגעדריקט זיין טיפע,

צער, וואָס נישט אַלע גרים זענען געגוג פרום. נישט אַלע פּיה־רען אַ שטרענג יודישען לעבען: אייניגע ערלויבען זיך געהן אין טראַקטיר טרינקען בראָנפען, זענען מחלל שבת. אַז איך האָב איהם אויפגעוויזען, אַז צווישען יודען זענען אויך פאַרהאַן אַ סך נישט קיין פרומע, האָט ער אַ שאָקעל-געטהון מיט'ן קאָפּ און געענטפערט שטרענג:

—איהר האָט נישט וואָס צו פערגלייכען אונז מיט יודען. מיר, גרים, דאַרפען געדענקען אונזער שטאַנד. עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז בשעת די יודען זענען אַרויס פון מצרים, זענען די גרים געווען פאַר זיי ווי אַ קרעץ. פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען? ווייל יענע גרים האָבען נישט פערשטאַנען זייער שטאַנד.

—וואָס פאַר אַ שטאַנד?

—אָט וואָס פאַר אַ שטאַנד,—האָט ער גענומען מיר ער־קלערען,—אין חומש שטעהט געשריבען: „און אַ בונד האָב איך פערשניטען מיט מיין פאָלק ישראל". דאָס הייסט, גאָט האָט אויף אייביגע צייטען זיך פערבונדען מיט זיין פאָלק ישראל, האָט איהם געגעבען די תורה אויפ'ן באַרג סיני, געגעבען די תרי"ג מצות—זיי מקיים! נו, גוט. געהט אָבער דורך אַ צייט און גאָט זעהט דאָס פאָלק ישראל איז נישט מקיים זיינע מצות, איז זיך גאָט שטאַרק מצער. אָבער עס איז נישט צו מאַכען, דער בונד איז פערשניטען אויף אייביג, און מען קאָן איהם נישט ברעכען. אָט זאָגט ער צום פאָלק ישראל: „שווער איז דיר מקיים צו זיין אַלע מיינע תרי"ג מצות—היט כאָטש אָפּ פּסח און יום-כפור". אָבער ישראל וויל דאָס אויך נישט טהון, איז זיך גאָט נאָכמעהר מצער. אָבער דעם בונד קאָן ער אַלץ נישט ברעכען. און ער זאָגט: „כאָטש דו ביזט נישט מקיים מיינע געבאָטען, פונדעסטוועגען ביזטו פאָרט מיין פאָלק, ווייל אויף דיר ליגט די ברכה פון דיינע אור-עלטערן, מיינע טרייע קנעכט אברהם, יצחק ויעקב. אַזוי בעשטעהט עס מיט'ן פאָלק ישראל. אַ יוד, מעג ער זיין ווי נישט פרום, בלייבט פאָרט א יוד. און אַלע ווייסען און זעהען ווער ער איז. אָבער אַ גר? וואָס איז ער? כל-זמן ער איז מקיים אַלע יודישע דינים—איז ער אַ יוד,

ווי אָבער ער טרעט אָב פון זיי: היינט דורכגעלאָזט אַ דאַווענען, מאָרגען געגאַנגען אין טראַקטיר און זיך אָנגע׳שיכור׳ט, איבער-מאָרגען מטמא געמאַכט די לעפּצען מיט שענדליכע ווערטער — איז ער אויס יוד. און יעדערער וועט זאָגען: „וואָס פאַר אַ גר איז ער! אַ שיכור׳ער גוי, און נישט מעהר!“.

## ה

מען האָט מיר אָנגעוויזען, ווי אויף דעם אינטערעסאַנט-סטען פאָרשטעהער פון די צאַריצינער גרים אויף איינעם ב., וועלכער איז אויסגעשטאַנען אָהן אַ צאָהל רדיפות און צרות פאַר זיין יודישקייט. מעהר ווי אַ העלפט לעבען האָט ער פערבראַכט צוזאַמען מיט זיין ווייב און קינדער אין אַלערליי תפיסות. בלויז די לעצטע יאָהרען האָט מען איהם געלאָזט צורוה. ער האָט זיך בעזעצט אין צאַריצין און זיך בעשעפטיגט מיט קאָמיסיאָנען און קליינע פּאָדראַדען. מיר איז נישט אויסגעקומען צו זוכען דעם ב. דערוויסענדיג זיך, אַז עס איז געקומען אַ יוד, וועלכער אינ-טערעסירט זיך מיט די אָרטיגע גרים, איז ער אַליין געקומען צו מיר בעקענען זיך.

ב. האָט אויף מיר געמאַכט גאָר אַנ׳אַנדער איינדרוק, ווי ז. ביי איהם איז נישט געווען צו בעמערקען יענע שטרענגע פרומקייט און רוהיגע שטאַרקייט, וואָס ביי ז.

אַ מאַן פון אַ יאָהר זעכציג, אַ נידריגער, אַ שטאַרקער, אַ ריהרעווידיגער מיט אַ נערוועזען געזיכט און קלוגען, אַ ביסעל כיטרען בליק פון די אויגען, רעדט גיך געשטאַלטיג מיט אַ גע-לעכטערל. פון די ערשטע צוויי ווערטער איז געווען צו בע-מערקען, אַז דאָס איז אַ דיאַלעקטיק, אַ מומחה אין רעליגיעזע דיספּוטען. זיין געשפּרעך איז דורכגעפלאָכטען מיט ציטאַטען פון תנ״ך. אפילו צו מיר איז ער אויך געקומען מיט אַ תנ״ך, ווי ער וואָלט זיך גרייטען האָבען מיט מיר אַ וכוח. ער האָט מיר ערקלערט פאַרוואָס ער שיידט זיך נישט מיטן תנ״ך:

—דאָס לעבען איז אַ גיהנום. דער תנ״ך איז אַ נעץ. מענשליכע נשמות זענען לעבעדיגע פישלעך. טראָג איך מיט זיך שטענדיג די נעץ. טרעף איך אַ לעבעדיגען פישעלע—פערוואַרף איך די נעץ און ציה עס אַרויס פון גיהנום.

פונאַנדערפרעגען איהם האָב איך נישט בעדאַרפט. ער האָט מיר אַליין דערצעהלט די לאַנגע געשיכטע פון זיין דרייסיג-יעהריגען מסירת-נפש פאַר יודישקייט. דערצעהלט האָט ער וועגען די צרות, וואָס ער איז אויסגעשטאַנענען, אָהן אַ שום פערביטערונג, נאָר מיט אַ פרייד, מיט אַ טאָן פון נצחון. איהם האָט מען פערפאָלגט, געפייניגט און געפלאָגט, אָבער ער האָט שטענדיג מנצח געווען זיינע פיינד און האָט זיי, לויט זיין אויסדרוק, „פערטיליגט מיטן שווערד פון געטליכען וואָרט״.

ב. האָט זיך נאָך אין דער יוגענד אָנגעהויבען „פערריודישען״. נאָר אַ לאַנגע צייט האָט ער עס געהאַלטען בסוד און אפילו חתונה געהאַט מיט אַ קריסטין. בלויז אין 1874, אין עלטער פון פינפאונצוואַנציג יאָהר, האָט ער עפענטליך זיך אָבגעזאָגט פון קריסטליכען גלויבען און פערברענט די הייליגע ביבעל דער. אין דערזעלבער צייט איז ער זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיין קריסטליכער ווייב און חתונה געהאַט מיט אַ גר׳קע. מען האָט איהם גע׳מסר׳ט—און פון דעמאָלט אָן האָבען זיך אָנגעהויבען די פערפאָלגונגען געגען איהם. אַ יאָהר זעקס—זיבען האָט מען איהם דאָ געהאַלטען אין טורמע, דאָ—אונטער דער אויפזיכט פון דער פאָליציי, געמאַכט ביי איהם אונטערזוכונגען, געשלעפט אויף דאָפראָסען, געשיקט צו גייסטליכע, זיי זאָלען איהם מחזיר למוטב זיין. וועגען אָט די וכוחים מיט די גייסטליכע האָט ער דערצעהלט זעהר גערן און מיט גרויס פערגעניגען.

—מען האָט מיך אַרויסגערופען צום גלח, ער זאָל מיך איבעררעדען. דער גלח איז געווען אַ בעקאַנטער. גערופען האָט מען איהם פיאָדאָר. נעהם איך דעם תנ״ך, דעם קאַטעכיזם און געה. געקומען. דער גלח האָט מיך בעגעגענט, אַ ווייל געקוקט אויף מיר און פרעגט:

—צו וועלכען גלויבען געהערסט דו?

—צום יודישען,—זאָג איך.

שרייט ער אויס:

—הרג׳ע מיך, וועל איך נישט גלויבען, אַז דו ביזט אַ יוד. ביזט נישט עהנליך אויף אַ יודען.

—נישט עהנליך, און פאָרט אַ יוד.

—און צו וועלכען גלויבען האָסטו פריהער אַנגעהערט?

—צום פראַוואָסלאַוונעם.

—ווי-זשע,—זאָגט ער,—איז עס מעגליך אַריבערגעהן פון פראַוואָסלאַוונעם גלויבען צום יודישען?

—וואָס וואונדערט איהר זיך?—זאָג איך,—איך האָב זיך נאָר אומגעקעהרט צום שורש, צו דער אַלטער ביבעל...

—און ווי אַזוי,—פרעגט ער,—האָסטו פערניכטעט די אי-קאָנעס?

—איך האָב אָבגעהיט דעם צווייטען געבאָט פון די עשרת הדברות,—האָב איך געענטפערט.

אַ ווײלע האָט דער גלח געשוויגען, נאָכדעם זאָגט ער:

—און בראָנפען טרינקסטו?

—איך טרינק.

—נו, טאָ לאָמיר אויסטרינקען!

איך האָב געשיקט גאָך בראָנפען און מיר האָבען געמאַכט אַ כוסה.

—ווייסט—זאָגט צו מיר דער גלח,—איך זעה, אַז איך וועל מיט דיר גאָרנישט מאַכען. איך וועל דיך נישט מנצח זיין.

—עס פערשטעהט זיך,—ענטפער איך,—ווי קומט עס, איהר זאָלט מיך מנצח זיין. עס איז נישט נאָך אייערע כחות.

—איך וועל,—זאָגט ער,—אָנשרייבען, מען זאָל שיקען אַהער נאָך ניין גלחים. זאַלבע צעהנט וועלען מיר זיך ערשט נעהמען פאַר דיר.

—מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען! שרייבט זאָלען זיי קומען.

און פאַר מיר האַמפּערן זיך און דיספוטירן מיט גלחים איז געווען אַלץ איינס ווי טרינקען מעד, ווייל איך פלעג זיי צוקלאַפּען, נישט מיט אַ שווערד, נאָר מיט׳ן געטליכען וואָרט.

זענען טאַקי אַראָבגעקומען די גלחים, האָבען זיך צונויפ־געקליבען ביים גלח פּיאָדאָר'ן און האָבען מיך גערופען. מען האָט אַרויסגעטראָגען אויפ'ן הויף אַ טיש, אַלע צעהן גלחים האָבען זיך געזעצט אַרום טיש, מיר אויך געגעבען אַן אָרט און עס האָט זיך אָנגעהויבען די אויספרעגונג.

—צו וואָס פאַר אַ פאָלק געהערסטו?—פרעגט מיך איינער פון די גלחים.

—איך געהער צום פאָלק פון אברהם אָבינו,—ענטפער איך,—איך בין אברהמ'ס אַ זוהן לויט'ן געבאָט. איהר געדענקט וואָס גאָט האָט געזאָגט אברהמ'ען: „און איך וועל דיך מאַכען פאַר אַ פאָלק אַ גרויס, אַ שטאַרקס און אַ פיל־צאָהליגס". אָט צו דעם פיל־צאָהליגען פאָלק געהער איך אָן, איך—זכריה בן אברהם.

איינער פון די גלחים, רודאַקאָוו, ווי ער האָט דערהערט מיינע ווערטער, איז געוואָרען אַן אויפגעקאָכטער, איז אויפגע־שפּרונגען פון אָרט, אַוועקגעלאָפען אין קיך און זיך אומגעקעהרט מיט אַ גרויסען מעסער אין האַנד.

—אויב דו וועסט דערווייזען,—האָט ער אויסגעשריען,—אַז דו שטאַמסט פון אברהמ'ן, וועל איך לאָזען, מען זאָל מיך מיט אָט דעם מעסער מל זיין! דו שטאַמסט נישט פון אברהמ'ס פאָלק, נאָר פון פאָלק עמלק!

—ניין,—זאָג איך,—איך שטאַם פון אברהמ'ן, און איהר שטאַמט פון עמלק'ן. איהר ווילט, ווי עמלק, אויסראָטען אברהמ'ס שטאַם. אָבער איהר האָט פערשפּעטיגט, איהר וועט איהם נישט אויסראָטען.

—צו וואָס אויסראָטען אייך? אייער צאָהל איז אַזוי אויך אַ קליינע און אונזער צאָהל איז גרויס.

—פאַר דעם מבול,—זאָג איך,—איז געוועזען נאָך אַ גרעסערע צאָהל זינדיגער און גאָט האָט זיך מיט זיי אַן עצה געגעבען.

אין דער צייט האָט די גלח'טע אַרויסגעטראָגען און אַוועק־געשטעלט אויפ'ן טיש אַ סאַמאָוואַר, אַליין זיך געזעצט נעבען

מיר, האָט אָנגעגאָסען אַלעמען טיי און מיר אויך דערלאַנגט אַ גלאָז טיי.

—איך דאַנק,—זאָג איך,—איך וויל נישט.

און רוק אָב דאָס גלאָז.

—וואָס,—זאָגט זי—איהר האָט אפשר מודא מיר זאָלען אייך נישט אומברענגען מיט אונזער טיי?

—דאָס,—ענטפער איך,—איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען. אַלעמען וועט איהר נישט אומברענגען. געדאַרפט בעצייטענס אומברענגען אברהמ׳ן.

—פאַרוואָס-זשע טרינקט איהר נישט, אויב איהר האָט קיין מורא נישט?

—איך טרינק נישט—זאָג איך—דערפאַר, ווייל בּיי אייך איז אומעטום אומריינקייט. אייער נשמה איז פול מיט טומאה און אייערע לעפצען זענען פער׳הזר׳ט.

נאָכדעם האָב איך זיך אויפגעהויבען און זאָג צו די גלהים:

—אָט וואָס! מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען אויף אַנ׳-עפענטליכען וכּ׳ח און איך וועל ריידען מיט אייך אַזוי, ווי מען קלאַפּט מיט אַ האַמער איבער׳ן קאָפּ. אויב עס וועט נויטיג זיין, וועל איך געהן פאַר מיינע ווערטער אויף דער תליה. איך בּין איצט ווי אַ סאָלדאַט אויף דער מלחמה. וואָרום איך האָב גע-שוואוירען מיין אַלמעכטיגען גאָט, בּיז דעם לעצטען טראָפּען בלוט צו פערטיידיגען מיין אמונה!

און איך האָב אָנגעהויבען. איך האָב זיי אַרויסגעזאָגט אַזעלכע זאַכען, אַז זיי האָבען אי די אויערן פערשטאָפּט, אי מיט די פויסטען געוואָרפען זיך אויף מיר. ווען זיי האָבען זיך בערוהיגט, האָט איינער צו מיר אויסגעשריען:

—אַך, דו זשיד, זשיד! דו האָסט דעם גאַנצען שכל פער-לוירען, ווייל דו געהסט אין דער יודישער סינאַגאָגע.

—עס פערשטעהט זיך, איך געה! אַ,—זאָג איך,—שען איז אין דער יודישער סינאַגאָגע! אַהין געהען יודען, כּדי צו בע-לויכטען די וועלט! נישט זידלען דאַרפט איהר יודען, נאָר קו-

שען זייערע טריט. זיי לייכטען פאַר דעם אַלמעכטיגען גאָט, ווי הייליגע שטערנדלעך.

—גנבים זענען זיי, דיינע זשידעס, אָט וואָס!

—פּאַרוואָס-זשע—זאָג איך—זענען ביי אייך הייליג די נביאים און אַנדערע, וואָס האָבען געשטאַמט פון אָט דעם פאָלק גנבים?

נאָר אָנשטאָט צו ענטפערן, האָבן זיי געפרעגט:

—און דו גלויבסט אין משיח'ן?

—יאָ, איך גלויב!—זאָג איך,—איך גלויב אין גאָט'ס געזאַלבטען משיח'ן און וואַרט יעדע שעה אויף זיין קומען.

—פּאַרוואָס-זשע גלויבסטו נישט, אַז ער איז שוין געקומען?—פרעגען זיי.

—דערפאַר,—זאָג איך,—ווייל אין תנ"ך שטעהט געשריבען: „און עס וועט קומען משיח, און דאָס פאָלק ישראל וועט לעבען רוהיג". צי לעבען דען יודען איצט רוהיג? איהר שלאָגט און פייניגט זיי, איהר זייט זיי מחרף ומגדף. דאָס ווייזט דאָך, אַז משיח איז נאָך נישט געקומען.

ז

אין אָנהויב פון די 80-ער יאָהרען איז ב. מיט דער פרוי, צוזאַמען מיט נאָך עטליכע גרים-משפחות געווען אַדמיניסטראַטיוו פערשיקט אויף קאַווקאַז אין קאַרסער ראַיאָן. אין יענער צייט האָט בעזוכט דעם קאַרסער ראַיאָן דער אַלטער גרויספירשט מיכאַאיל ניקאָלאַיעוויטש. ווען ער איז דורכגעפאָהרען קאַרסער ראַיאָן, האָבען ב. און די איבעריגע גרים איהם בעגעגענט מיט ברויט און זאַלץ און מיט אַ ספר-תורה. דער גרויספירשט האָט צוגענומען דעם ברויט און זאַלץ און אַ קוש געטהון די ספר-תורה און כלומרשט געזאָגט: וואוילע יונגען זענט איהר, פּעריודישטשע! אייערע ירושלים'ער תפילות זענען דערגאַנגען צו גאָט! נאָכדעם האָט מען די גרים עטליכע יאָהר געלאָזט צורוה. דעמאָלט האָט זיך ב. מל געווען. די טאָלעראַנץ פון די אָרטיגע גייסטליכע

איז דערגאַנגען אַזוי ווייס, אַז דער גלח איז געקומען צו ב. אבגעבען איהם מזל-טוב מיט׳ן „אַריינטרעטען אין דער משפחה פון אברהם אָבינו״, מיט צונעהמען דעם צייכען פון יודישקייט״.

איין מאָל, אין אַ יום-טוב האָבען זיך צו ב. אין הויז אַריינגעריסען זשאַנדאַרמען מיט אַ גאַנצער מחנה קריסטען, האָבען געמאַכט ביי איהם אַ פּאָגראָם, אַלץ צעבראָכען און איהם אַליין שטאַרק געשלאָגען.

—אייך, זשידעס, דאַרף מען אויסקוילען, פערטיליגען פון דער וועלט,—האָבען געשריען די פּאָגראָמשטשיקעס.

אויסער זיך פון כעס (דערצו איז ער נאָך געווען, ווי ער איז מודה, אַ ביסעל שכור), איז ב. אַרויסגעלאָפען אין גאַס און אָנגעהויבען מחרף ומגדף זיין דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבען און זידלען דעם קייזער. מען האָט איהם, פערשטעהט זיך, אויפ׳ן אָרט אַרעסטירט.

—„מען האָט מיך געבראַכט צום זשאַנדאַרמסקען אויף אַ פערהער—דערצעהלט ב.—ער האָט מיך בעגעגענט מיט די ווערטער:

—„גוט מאָרגען, זשיד!״

—אַ גרויסען דאַנק אייך!—ענטפער איך,—פאַר דעם נאָמען האָב איך פיל איבערגעליטען. איהר האָט מיך דערמיט נישט בעליידיגט, נאָר מיר פערשאַפט נחת״.

—„דו ביזט אַ בונטאָווטשטשיק!—זאָגט ער,—וואָס פאַר אַ ווערטער האָסטו זיך ערלויבט צו ריידען געגען קייזער!״

—„איך בין נישט קיין בונטאָווטשטשיק,—ענטפער איך—נאָר דאָס האַרץ האָט אין מיר אויפגעקאָכט און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס איך רייד. מען האָט זיך אַריינגעריסען צו מיר אין הויז, אַלץ צעבראָכען, מיך געשלאָגען מכות רצח. פאַרוואָס? פאַר ווען? מיט וואָס פאַר אַ רעכט? וואָס בין איך עפּיס אַני-אויסוואורף? איך און מיין גאַנצער שטאַם זענען עכטע רוסען, איינגעוואָרצעלטע. די ערד פון רוסלאַנד איז אונזערע, בירושה פון דור צו דור. מיר האָבען פאַר רוסלאַנד פערגאָסען אפשר מעהר בלוט, ווי איהר אַלע צוזאַמען. מיין באָבע האָט מיט אַ

לאָפּאַטע דעם פּראַנצויז געטריבען. קומט מען און מען שלאָגט מיך ווי עפּעס אַנ׳אויסוואורף״.

—„וואָס פאַר אַנ׳אָרט איז פאַר דיר רוסלאַנד, אַז דו ביזט אָבגעפאַלען פון רוסישען גלויבען?״—זאָגט מיר דער זשאַנדאַרמסקי.

—„פּאַרוואָס-זשע,—פרעג איך—האָט מען נישט פערטריבען פון רוסלאַנד וולאַדימיר דעם הייליגען? אָננעהמענדיג קריסטענטום איז ער דאָך אויך אָבגעפאַלען פון רוסישען גלויבען״.

בקיצור. מען האָט מיך גע׳משפט און פער׳משפט צו דריי חדשים טורמע.

ווען מען האָט מיך בעפרייט, האָב איך געוואָלט אַוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינאַ. נאָר דאָ האָט מען געגען מיר פערפיהרט אַ נייעם פּראָצעס, פאַרוואָס איך האָב פערברענט די הייליגע בילדער און האָבענדיג אַ ווייב נאָכאַמאָל חתונה געהאַט. דערביי האָט מען נישט גענומען אין אַכט, אַז ווי נאָר איך האָב זיך מגיר געווען, איז מיין ערשטע חתונה ממילא געוואָרען בטל.

עס האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען פערהערען, גלח׳ישער מוסר, דראָהונגען, אַז מען וועט מיך פערשפּאַרען אין אַ מאָנאַסטיר. מען האָט מיך געטריבען פון איין אָרט אויף אַ צווייטען. מעהר ווי צעהן יאָהר האָבען זיך געצויגען די צרות און פערפאָלגונגען.

אין דער צייט איז ביי מיר געבוירען געוואָרען אַ זוהן. געפונען האָב איך זיך דעמאָלט אונטער דער אויפזיכט פון פּאָליציי אין קאַלוגאַ. איך דארף מל זיין דאָס קינד, און יודען האָבען מורא. „ברענג פון פּאָליציי אַנ׳ערלויבעניש, וועלען מיר מל זיין דאָס קינד״,—זאָגען זיי. איך בין אַוועק אין פּאָליציי און געטראָפען דאָרט דעם פּריסטאַוו.

—„ווער ביזטו?״—פרעגט ער מיך.

—„אַ געוועזענער פּראַוואָסלאַוונער, איצט אַ יוד״.

—„וואָס-זשע ווילסטו?״

—„אַ צעטעל פון אייך, אַז איהר האָט נישט דאַגעגען, מען זאָל מל זיין מיין זוהן״.

„וואס—זאגט ער—האסטו אויסגעטראכט! די זשידעס וועלען דאך קוילען דיין קינד!"

—„ניין, וואשע בלאגאראדיע! די מלאכה קענען זיי נישט, זיי האבען אליין מורא, מען זאל זיי נישט קוילען"...

—„זיי האבען מורא? פארוואס-זשע האנדלען זיי מיט גע- גנב'עטע זאכען"?

בקיצור, קיין צעטעל האט ער מיר נישט געגעבען.

איך בין מיט'ן קינד אוועקגעפאהרען אין א שטעדטיל, וואו עס האבען געוואוינט יודען, פופציק וויארסט פון קאלוגא. איך בין אוועק אין שוהל. דארט האב איך געטראפען צוויי יודען. ווי איך האב זיך שפעטער דערוואוסט,—א חסיד און א מתנגד. זיי האבען מיך אויסגעהערט. דער חסיד האט א שאקעל געטהון מיט'ן קאפ, האט זיך אויפגעהויבען און, נישט ענטפערנ- דיג, אוועקגעגאנגען. דער מתנגד האט א ווייל̇ע געטראכט און איינגעשטימט. ביי איהם אין הויז האט מען מל געוועזן מיין זוהן.

אין גיכען האט מען מיך ארויסגעשיקט קיין קורסק. גע- קומען אהין אן א גראשען, דאס געזינד הונגערט. בין איך אוועק צום ארטיגען ראבינער. איך האב איהם דערצעהלט וועגען מיין נויט און געבעטען הילף.

ער האט זיך אנגעבלאזען און נישט-צופרידען געענטפערט:

—„איהר זייט זיך מגיר צוליב דעם, כדי צו בעטלען ביי יודען הילף".

איך בין געווארען שטארק אין כעס און געענטפערט:

—„ניין, געעהרטער ראבינער. אט אייערע יודען שמד'ן זיך, כדי צו בעקומען רעכט און אלערליי גליקען. און דער יודישער גלויבען, וואס קאן ער געבען אין ענין עולם הזה, חוץ לייד און בעליידיגונג?

איך בין אוועק פון איהם אהן בילעט, אבגעפאהרען מיטן געזינד פון קורסק, מיט גרויסע צרות זיך דערקליבען קיין יעקאטערינאדאר. דארט דריי טעג אבגעוואלגערט זיך אין אנ- אנשטאלט פאר ארימע לייט, נאכדעם האבען אונז יודען א בי- סעל אויסגעהאלפען. איינמאל פאר פסח געה איך אין גאס, אין

זעה אַ לויה. האָב איך גענומען נאָכגעהן. נעבען מיר איז גע-גאַנגגען אַ יודענע, קוקט זי און וואונדערט זיך, וואָס אַ רוס געהט נאָך אַ יודישע לויה, האָב איך איהר געזאָגט, אַז איך בין אַ גר. אַז זי איז געקומען אַהיים, און דערצעהלט דעם מאַן וועגען דער בעגעגעניש, האָט ער זיך צעבייזערט אויף איהר: „פאַרוואָס-זשע האָסטו איהם נישט איינגעלאַדען צו אונז? אפשר האָט ער נישט וואו צו זיין פסח?" איז זי אַזועק איבער דער שטאָדט און גענומען מיך זוכען. האָט זי מיך געטראָפען און אָבגעפיהרט צו זיך אַהיים. זאָגט צו מיר איהר מאַן: „זייט ביי אונז פסח". ענטפער איך: „איך האָב אַ ווייב מיט אַ קינד, ווי קאָן איך זיי לאָזען אַליין?" זאָגט ער: „ברענגט זיי אויך צו מיר. עס וועט קלעקען פאַר אַלעמען". האָב איך זיי געבראַכט און מיר זענען דעם גאַנצען פסח פערבליבען ביי דעם יודען. ער האָט אונז אויפגעהאַלטען ווי אייגענע. נאָך פסח זאָגט ער צו מיר: „אָט וואָס, זכריה. דו פאָהר זיך זוכען אַ וואָסער-עס-איז בעשעפטיגונג און דיין ווייב מיט'ן קינד וועלען בלייבען ביי מיר". איך בין אַוועק קיין עריוואַן, געפונען דאָרט אַרבייט און גענומען אַהין דאָס ווייב מיט'ן קינד.

אין גיכען איז פאָרגעקומען מיין משפט. אַ גאַנצען טאָג האָט ער געדויערט. בשעת אַ הפסקה האָב איך בעגעגענט אין קאָרידאָר דעם פראָקוראָר. ער האָט שוין מיך געקענט פון פרי-הערדיגע פראָצעסען. ער האָט מיך אָבגעשטעלט, דערלאַנגט די האַנד:

—נו, וואָס ב.,—זאָגט ער,—מיר וועלען דיך פער'משפט'ן. מיר וועלען דיך אין טורמע אַריינזעצען, נישט נאָר פערשפאַרען אין אַ מאָנאַסטיר".

—„זעהר גוט,—זאָג איך,—פערשפאַרט! איך וועל דאָרט אַלע מאָנאַכען צוציהען צום יודישען גלויבען. מגיר זיין.

האָט ער זיך צעלאַכט. נאָכדעם זאָגט ער:

—„וואָס מיינסטו! אַ רוסישער מענטש ווייסט אַליין נישט אין וואָס ער גלויבט... דערפאַר טאַקע טאָר מען אַזעלכע, ווי דו, נישט גלעטען איבער'ן קעפעל. זאָל מען אייך לאָזען טהון,

וואָס איהר ווילט, וועט איהר גאַנץ רוסלאַנד צעברעקלען אויף סעקטעס".

נישט קוקענדיג אויפ'ן פּראָקוראָרס דראָהונגען, האָט מיך דאָס געריכט פריי געשפּראָכען.

נאָכדעם פרעגט מיך דער ריכטער:

—"צו וואָס פאַר אַ גלויבען ווילסטו זיין צוגערעכענט: צום קאַראַאימישען אָדער תּלמוד'יסטישען?"

—"צום תּלמוד'יסטישען—ענטפער איך,—איך האָב געשוואוי-רען מיין גאָט צו זיין אַ יוד און ליידען צוזאַמען מיט יודען אַלע פערפאָלגונגען. קאַראַאימען האָבען זיך אָבגעשפּאָלטען פון יודען—אָנערקען איך זיי נישט".

צוליב דער שמחה, וואָס מען האָט מיך בעפרייט האָב איך געמאַכט אַ מאָלצייט, בעשטעלט אַ וואַרימעס פאַר פופציג רובל און אומישנע איינגעלאַדען די צוויי גלחים, וועלכע האָבען מיך די גאַנצע צייט גע'מוסר'ט: איינער אַנ'אַרמיענער, דער צווייטער אַ רוס. זיי זענען ביידע געקומען. דער אַרמיענער טרינקט אַ גלעזעל נאָך אַ גלעזעל, קנאַקט צו מיט דער צונג און זאָגט:

—"אַי! אַ פיינער גלויבען דער יודישער!"

און דער רוסישער גלח, אַ שיכּור'ער, קלאַפּט מיך איבער דער פּלייצע און שרייט:

—"ב.! איך ליב דיך פאַר דיין מסירת נפש!"

דערמיט האָבען זיך נאָך נישט געענדיגט די רדיפות אויף ב. מען האָט איהם ווידער אָנגעקלאָגט, געטריבען מיט'ן עטאַפּ, גע'משפּט, געהאַלטען אין תּפיסה, פערשיקט. אַזוי האָט עס גע-דויערט ביז'ן יאָהר 1905.

ב. האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך צו גאַסט.

—קומט צו מיר, וועט איהר זעהן, ווי איך לעב. אַ דאַנק

 

גאָט, נישט ערגער פון לייטען. איהר ווערט זיך בעקענען מיט מיין פרוי. זי הייסט שרה, אַ פרומע יודענע, איז מיט מיר צו־זאַמען אויסגעשטאַנען אַלע צרות, דורכגעגאַנגען אי קאַלך־אויווענס, אי לייבען־גריבער. איהר וועט זעהן מיין טעכטערל, רבקה׳לע. מיר ערציהען זי אין שטרענגער יודישקייט. אונזערע צוויי זיהן געפינען זיך אויף קאַווקאַז, האָבען דאָרט אַ געשעפט. אויך פרומע יודען.

אויפ׳ן צווייטען טאָג האָב איך בעזוכט ב.

אַ קליינע דירה פון צוויי חדרים. איינגעאָרדענט בעל־הבתיש און ציכטיג. בעגעגענט האָט מיך די ווירטין, אַן׳עלטערע פרוי אין אַ פאַרוק און אַ קאָלירטען פאַרטוך. פעסט געבויט, מיט אַ רונדען פנים, מיט אַן׳אויסזעהן פון אַ גוטער בעל־הבית׳טע און צאַרטער מוטער. די שטריכען פון פנים—סלאַווישע, נאָר אין די אויגען—דער אויסדרוק פון שטילער, בעשיידענער, יודישער צניעות. נעבען איהר איז געשטאַנען אַ מיידעל פון אַ יאָהר פערצעהן, אַ גימנאַזיסטקע, מיט איידעלע נערוועזע פנים־שטריכען און קלוגע אויגעלעך. איהר פנים איז געווען אַ טיפּיש־יודישעס.

ב. האָט מיך בעקענט מיט זיין פרוי און טאָכטער. ער האָט פון אַ גרויסען קאַסטען אַרויסגענומען אַ גאַנצען פּאַק פּאַ־פּירען, שוין געלע פון אַלטקייט.

—אָט דאָס זענען מיינע אַטעסטאַטען, מיט וועלכע מיך האָט בעשאָנקען די ליבע פון מיינע געוועזענע פּראַוואָסלאַווּנע ברידער;—האָט ער געזאָגט,—קוקט אַריין אין זיי, וועט איהר זעהן, ווי מען האָט מיך געצערטעלט, ווי מען האָט געזאָרגט וועגען מיין נשמה און דערביי געבראָטען מיך אויף אַ לאַנגזאַ־מען פייער.

די דאָקומענטען זענען טאַקע געווען זעהר אינטערעסאַנטע. דאָרט האָבען זיך געפונען בעשולדיגונגס־אַקטען, אויספּרעג־ליס־טעס, פּסק־דינים וועגען פער׳משפט׳ן, בעשטימונגען וועגען אַרויס־שיקונגען, בעריכטען פון גלחים וועגען האַרטנעקיגקייט א. אַ. וו. ב. האָט מיט גרויס ליבע בעוויזען אַלע דאָקומענטען און יעדען פון זיי אויסגעטייטשט.

די ווירטין האָט דערלאַנגט טיי מיט איינגעמאַכטס און אונצופרידען געזאָגט דעם מאַן:

—וואָס האָסטו זיך פאַרנומען מיט די פּאַפּירען! לאָז אויס-ריידען אַ וואָרט מיט אַ מענשען.

—ניין, מיין טייערינקע,—האָט ב. געענטפערט,—די פּאַפּי-רען מוז איך ווייזן, נישט אַנדערש! איך האָב אַ מענש אָנדער-צעהלט וועגען זיך גאַנצע בערג מעשיות, און ער קאָן מיינען, אַז איך האָב זיך באַריהמט. זאָל ער זעהן, אַז איך האָב איהם געזאָגט אמת.

פערענדיגט מיט די דאָקומענטען, האָבען מיר פערפיהרט אַ געשפּרעך. איך האָב געפרעגט, ווי איז ביי זיי די בעציהונג מיט דער אָרטיגער קריסטליכער בעפעלקערונג.

—נישקשה, דאַנקען גאָט!—האָט געענטפערט די ווירטין,— מען לעבט צווישען זיך פריינדליך, ווי שכנים.

—ווי שכנים...—האָט זיך אָבגערופען מיט אַ שמייכעל ב.— פונדעסטוועגען, אַז עס מאַכט זיך, גיט דער שכן אַ זאָג: „זשיד". אויף דעם איז ביי מיר דאָ איין ענטפער: „אַ גרויסען דאַנק פאַר אַ גוט וואָרט"... נעכטען איז ביי מיר געוועזען אַ געשפּרעך מיט אַ „קופּיעץ": „וואָס, זאָגט ער, האָסטו געפונען פאַר אַ גוטס ביי די יודען, וואָס דו האָסט זיך צו זיי צוגעקלעבט?"—„מיט וואָס,—פרעג איך,—געפעלען זיי דיר נישט?"—„זיי זענען זעהר ריהרעוודיגע, בעוועגליכע".—„אַ ציגיינערס אַ פערד,—זאָג איך,— איז אויך אַ ריהרעוודיגס, אַ בעוועגליכס, דרעהט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטען. ווייסט פאַרוואָס? ווייל דער ציגיינער האָט איהם שטאַרק אָנגעשמיסען מיט דער בייטש: קוקט ער זיך אַלץ אום דערשראָקען, צי איז נישטאָ די בייטש. דאָסזעלבע איז מיט יודען. איהר האָט זיי גוט אָנגעשמיסען, קוקען זיי זיך שטענ-דיג אום, דערפאַר זענען זיי ריהרעוודיג.

—אין יאָהר 1905—האָט ער ווייטער דערצעהלט—בעת אומע-טום זענען פאָרגעקומען יודישע פּאָגראָמען, האָט מען ביי אונז אויך אָנגעהויבען ריידען, אַז מען וועט שלאָגען יודען. האָבען זיך אונזערע גרים פערזאַמעלט, צוגעגרייט העק און מעסערס

און בעשטימט נישט דערלאָזען צו קיין פּאָגראָם. מיר האָבען אויסגעקליבען אַ פּאָר געזונטע יונגען און אַוועקגעשיקט זיי צו די אָנפיהרער פון די שוואַרץ-מאה׳ניקעס מיט אַזאַ מין אָנזאָג:

—„הערט, בעסער נישט רוקט זיך, אַנישט, וועט זיין שלעכט: מיר וועלען נישט ערלויבען, איהר זאָלט שלאָגען יו-דען. מיר וועלען אַריין אין אייער חברה און אַרויסרופען אַזאַ מהומה, אַז איהר וועט איינער דעם אַנדערן קוילען". יענע האָבען זיך דערשראָקען און צו קיין פּאָגראָם איז נישט געקומען.

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגען, דערנאָך צוגעגעבען:

—דעם אמת געזאָגט, זענען ביי אונז די פּראַוואָסלאַוונע נישט אַזעלכע, ווי אין אַנדערע קאַנטען. עפּיס איז די נשמה ביי זיי אַן׳אונרוהיגע, האָט נישט קיין שטאַרקייט. דער פּראַוואָסלאַוונער זאָגט אפילו, אַז ער האַלט זיך שטאַרק ביי זיין גלויבען. אָבער די געדאַנקען זענען ביי איהם צעמישטע. אַרום איהם געפינען זיך גרים, סובאָטניקעס, מאָלאָקאַנער, שטונדיסטען און אַנדערע סעקטאַנטען. יעדערער זאָגט זיינס. יעדער טייטשט אויס דעם תנ״ך אויף זיין שטייגער.—אָט וואַקעלט זיך דער פּראַוואָסלאַוונער, זוכט.

איך האָב זיך געווענדעט צום מיידעלע, געפרעגט, וואָס זי לערנט.

—וואָס מען גיט-אַרויס פון גימנאַזיע-ביבליאָטעק,—האָט זי געענטפערט פערשעמט און אַראָבלאָזענדיג די אויגען זיך צוגע-טוליעט צו דער מוטערס פאַרטוך.

—אונזער רבקה׳לע האָט גרויס חשק צו יודישע ביכער,—האָט געענטפערט די מוטער,—אָבער אַזעלכע ביכער זענען דאָ נישטאָ.

—יאָ, נישטאָ,—האָט איינגעשטימט ב. מיט אַ זיפץ,—די עטליכע יודישע ביכער אין רוסיש, וואָס איך האָב, האָט זי שוין לאַנג דורכגעלייענט.

ער האָט אַרויסגענומען פון קאַסטען אַ צעהנדליג ביכער. דאָרט זענען געווען: „אַ יודישער קאַטעכיזיס" פון סעגאַלן, אַ

באַנד פרווס „געדיכטען“, אַ יאָהרדיגער קאָמפּלעקט „רוסקי יעווריי“, אַ ביכעל „סיאָן“ און אַנדערע.

—איך האָב געוואָלט ביי אייך פרעגען—האָט זיך אָבגערופען שטיל און נישט זיכער די ווירטין—אפשר איז דאָ אין רוסיש אַ ביכעל פאַר יודישע פרויען... אָט, איהר פערשטעהט, די אַלע דינים און מנהגים, וואָס אַ פרוי דאַרף אָבהיטען. אונזערע גר׳קעס, ווי זיי האָבען חתונה, קומען צו מיר פרעגען... וואָס איך וויים, זאָג איך זיי. אָבער נישט אַלץ וויים איך. איז דאָס האַרץ אונרוהיג...

—מיר איז נישט אויסגעקומען צו זעהן אַזאַ בוך אין רוסיש,—האָב איך געענטפערט.

—איך מוז אייך זאָגען,—האָט זיך אָבגערופען טרויעריג ב.—אַז אונזערע ברידער-יודען טראַכטען וועניג וועגען אונז. דרוקען נישט פאַר אונז קיין ביכער, שיקען נישט צו אונז קיין וועג-וויייזער. נישט פערגעסט, אַז עס זענען דאָ נישט וועניג גרים. בלויז ביי דער וואָלגאַ געפינט זיך ביי אַ האַלב מיליאָן (?) גרים.

—מיט מיר איז געווען אַמאָל אַזאַ צופאַל,—דערצעהלט ער,—אַז איך בין געווען אין ראָסטאָוו ביים דאָן, האָט מען מיך אַרויסגערופען אין געריכט אַלס עדות. אַז עס איז געקומען צו דער שבועה, זאָג איך: „רופט אַרויס דעם רב“. איז געקומען דער רב, אַן אַלטיטשקער, האָט אָנגעהויבען פאָרלייענען מיר די שבועה אין יודיש. זאָג איך צו איהם: „איך פערשטעה נישט, לייענט אין רוסיש“. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער קען נישט קיין רוסיש. זאָג איך צו איהם:

—„געערטער פאַסטוך! אַ טשערעדע איז ביי דיר אַ גרויסע, נאָר דיינע שעפּעלעך לויפען זיך פונאַנדער אין אַלע זייטען. איצט קומען צו דיר שאָף פון אַ פרעמדער טשערעדע. לערן זיך אויס פערשטעהן זייער לשון. אַנישט וועסטו אי די אַלטע פערלירען, אי די נייע נישט געווינען.

—אַז איך בין געווען אין טיפליס,—דערמאָהנט זיך ווייטער ב.—האָבען מיר, אין אונזער גרי׳שער שוהל, געליינט די

תורה אויף רוסיש. מיט׳ן נגון, מיט׳ן טראָפּ, אַלץ, ווי געהעריג, נאָר אין רוסיש. מיינט איהר, גאָט האָט נישט פערשטאַנען? זיכער גוט פאַרשטאַנען און איז אפילו שטאַרק צופרידען געווען!

---

צום בעדויערן האָב איך נישט געהאַט די מעגליכקייט פערבלייבען לענגער אין צאַריצין, כדי נעהנטער צו בעקענען זיך מיט די גרים, זייער לעבען און אויפפיהרונג. נאָר דאָס, וואָס איך האָב געזעהן און געהערט פאַר די עטליכע טעג, האָט מיך געבראַכט צום געדאַנק אַ קוק טהון אויפ׳ן יודאַאיזם נישט באָר ווי אויף אַ נאַציאָנאַלען, נאָר ווי אויף אַ וועלטליכען און אַלמענשליכען אוצר...

# א קליינשטעטלדיגער מעפיסטא

אין שטעדטיל ב., וואוהין איך בין געפאָהרען אויף אַ טאָג וועגען אַ פּערזענליכער אָנגעלעגענהייט, האָב איך זיך גע־טראָפען מיט אַ אַלטען בעקאַנטען און פערבראַכט ביי איהם אַ גאַנצען אָוועגד. מיר האָבען געשמועסט וועגען אָרטיגען יודישען לעבען. געווען איז עס פאַר דער מלחמה, פאַר דעם באָלשע־וויזם, פאַר די אַלע פּלאָגען, וואָס יודען האָבען איבערגעלעבט פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר. נאָר אויך שוין דעמאָלט איז דער צושטאַנד פון די יודישע ליטווישע שטעדטליך געווען זעהר נישט קיין פרעהליכער. פון יאָהר צו יאָהר איז געפאַלען דער מסחר, האָבען זיך פערקלענערט די יודישע פרנסות און דאָס גרעסטע טייל פון דער יודישער בעפעלקערונג האָט געלעבט אין שרעקליכע דחקות, איז אויסגעגאַנגען פאַר הונגער. די יוגענד האָט מאַסענווייז פערלאָזט די פעראָרימטע היים, געלאָ־פען אין די גרויסע שטעדט, איבערהויפט עמיגרירט קיין אַמע־ריקא. די שטעדטליך, וואו עס זענען פערבליבען מעהרסטענטייל פרויען, אַלטע לייט און קינדער, זענען פון טאָג צו טאָג גע־וואָרען עלענדער, הילפלאָזער און אָרעמער.

אין צימער, וואו מיר זענען געזעסען, האָבען זיך געפונען, חוץ מיין בעקאַנטען, זיינע צוויי דערוואַקסענע זיהן און עטליכע יונגעלייט, פּאַרטייאישע טהוער, וועלכע זענען געקומען פונאַנדערפרעגען מיך וועגען פּעטערבורג. זיי האָבען גענומען אַ לעבהאַפטען אָנטייל אין אונזער געשפּרעך און בעמיהט זיך צו ערקלערען אַלע געשעהענישען מיט די אונערטרעגליכע אומשטענדען, וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען נאָך דער אונטערדריקונג פון דער רעוואָלוציע פון יאָהר 1905.

אין צימער איז אַריין אַ מענש פון אַ מאָדנעם אויסזעהן. אַ נידעריגער, כמעט אַ קאַרליק, און אַ ברייטביינעגער, אַזוי, אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ פיערקאַנטיגער. געוועזן איז דאָס אַ טיפער זקן, פון אַ יאָהר אַכציג, מיט שטאַרק פערגרעבטע געזיכט-שטריכען, מיט אַנ׳אָהנצייניגען מויל מיט אויסגעבליאַקירטע, נאָר נאָך נישט אינגאַנצען אויסגעלאָשענע אויגען, אַרומגערינגעלט מיט רויטע נאַקעטע אויגנהייטלעך. אויף די ליפּען איז ביי איהם געוועזן אַ רחמנותדיגער, הילפלאָזער, נאָר עין דערזעלבער צייט אויך אַ טיף-איראָנישער שמייכעל. געוועזן איז אויף דעם אַלטען א צוריסענער, פערשמאָלצענער קאָפּטען און אויפ׳ן קאָפּ איבער דער יאַרמולקע אַ פערשמאָלצען היטעל, פון אונטער וועלכען עס זענען אַראָבגעהאָנגען שיטערע, צופּודעלטע, גרייזגרויע פאות.

—דאָס איז דער ווירט פון הויז, וואו איך וואוין—האָט מיר שטיל איינגערוימט מיין בעקאַנטער. אין שטאָדט האַלט מען איהם פאַר אַ טשיקאַווע בריאה. נאָר ער איז גאָר קיין נאַר נישט. רעדט זיך מיט איהם דורך.

—וואָס הערט זיך נייעס, רב בער?—האָט איהם אַ פרעג געטהון איינער פון די יונגעלייט מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל.

און דערזעלבער איראָנישער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף די ליפּען אויך ביי די אַנדערע יונגעלייט.

דער אַלטער האָט נישט געענטפערט אויף דער פראַגע, ווי ער וואָלט זי נישט הערען. ער איז צוגעגאַנגען נאָהנט צו מיר, האָט זיך אָבגעשטעלט אַנטקעגען, און נישט געבענ[illegible] מיר

קיין „שלום", האָט ער האַרט און אָבגעריסען, מיט אַ הייזערי-גען קול אַ פרעג געטהון:

—פון וואַנען? פון פייטערבורג?—און אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע קיילעכדיגע, רויט אַרומגערינגעלטע פויגעלשע אויגען.

—יאָ, פון פעטערבורג.

—נו, וואָס?... וואָס טהוט זיך דאָרט אין פייטערבורג? עס איז פרעהליך—הו-האַ? מי טאַנצט אין די גאַסען?—האָט ער ווײַ-טער געפרעגט, נישט אַראָבלאָזענדיג פון מיר זיין אָנגעשטעלטען בליק.

—פון וואַנען נעהמט איהר, אַז אין פעטערבורג איז אַזוי פרעהליך?

—אַז דאָרטען וואָלט נישט זיין פרעהליך, וואָס וואָלט מען אַהין געלאָפען? אַמאָל פלעגט מען לויפען אין מיר—פאַרהאַן אַזאַ שטעדטיל, וואָס איז מען אַהין געלאָפען? ווייל דאָרט איז געווען אַ גרויסע ישיבה. אין פייטערבורג איז דאָך אָבער קיין ישיבה נישטאָ, וואָס-זשע לויפט מען אַהין?

—ווער לויפט דאָס אַזוי פון דאַנען אין פעטערבורג?

—איז נישט אין פייטערבורג, איז אין אַנ'אַנדער כף-הקלע, אין אַמעריקא. וואָס איז דער חילוק? נאָר מען לויפט, יונג און אַלט, ווי אויף אַ חתונה.

—רעכענט איהר, הייסט דאָס, אַז אין אמעריקא פאָהרט מען צוליב פרעהליכקייט וועגען?—האָב איך איהם געפרעגט.

דער אַלטער איז מיט אַמאָל געוואָרען זעהר ערנסט און האָט אָנגעהויבען ריידען אויפגערעגט, גיך, מיט אַ רוגזה'דיג פאָלעמישן טאָן:

—און וואָס האָט איהר געמיינט?... אָט די יונגעלייטלעך האָבען אייך אודאי געזאָגט, אַז אין אַמעריקא לויפט מען פון נויט און הונגער? טאָ, שפייט אויף דעם! איהר הערט—שפייט-הע! פון הונגער! אַקוראַט, ווי אָרימקייט און הונגער וואָלטען זיין אַ נייעס ביי יודען! זאָגט מיר, ווען האָט אַ יוד נישט גע-הונגערט? אי מיר, אי אונזערע טאַטעס, אי אונזערע זיידעס

זענען זיבען מאָל אין וואָך געשטאָרבען פון הונגער, און פונ-
דעסטוועגען זענען זיי נישט געלאָפען אין אַמעריקא.

—דעמאָלט האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון אַמעריקא,—
האָט זיך אָבגערופען מיין בעקאַנטער.

—איז נישט געווען אַמעריקא, זענען געווען אַנדערע
פרעהליכע ערטער,—האָט אָבגעענטפערט דער אַלטער,—איז געווען
„יענע מקומות", „טיף ראַססייע", וואו מענשען האָבען געשאַרט
גאָלד מיט לאָפּעטעס. פונדעסטוועגען איז קיינער אַהין נישט
געלאָפען. פאַרוואָס? ווייל יודען זענען געווען יודען, געווען
מענשען. דעמאָלט האָט מען גאָרנישט פערשטאַנען, ווי אַזוי קאָן
מען דאָס אַוועקפאָהרען פון דעם אייגען שטעדטיל. ווי וועל איך
דאָס אַוועקפאָהרען פון ב.? דאָ בין איך געבוירען געוואָרען,
דאָ איז מיין שטוב, מיין שוהל, דאָ אויפ'ן בית-עולם ליגען
מיינע עלטערן, מיינע זיידעס און עלטער-זיידעס. דאָ קען איך
אַלעמען און אַלע קענען מיך, בקיצור, דאָ בין איך אַ מענש...
אָבער די איצטיגע יונגעלייט האָבען אַלץ אָבגע'פטר'ט פון זיך.
גאָט? וואו גאָט, ווען גאָט—נישטאָ קיין גאָט! תּורה? וואָס פאַר
אַ תּורה! ווייבערישע זאַבאָבאָנעס! נישטאָ קיין תּורה! טאַטע און
מאַמע, ווער טראַכט וועגען זיי, ווער הערט זיי? זענען זיי לע-
בעדיגע, אָדער זיי ליגען אויפן בית-עולם—אַלץ איינס שפּייט
מען אויף זיי! נישטאָ טאַטע-מאַמע! און אַז גאָרנישט איז נישטאָ,
קאָן מען לויפען, וואוהין די פיס טראָגען! וואָס, בין איך אפשר
נישט גערעכט.

ער האָט ווייטער אָנגעשטעלט אויף מיר דעם פיקסירענ-
דען בליק פון זיינע פויגעלשע אויגען. זיין נידעריגע שטאַרקע
פיגור מיט די צעפודעלטע גרויע האָר האָט געמאַכט אַ מאָדנע
איינדרוק. אין איהר האָט זיך אויסגעדריקט אַ קינדישע אומבע-
האָלפענקייט, נאָר אין דערזעלבער צייט האָט זיך אין איהר
געפיהלט אַ שטאַרקייט פון טיף איינגעוואַקסענע וואָרצלען פון אַ
הונטערט-יאָהריגען דעמב.

איך האָב גאָרנישט נישט געענטפערט, וואַרטענדיג אויף
די ווייטערדיגע רייד פון אַלטען. ער האָט זיך נעהנטער צוגע-

רוקט צו מיר און מיט אַ רחמנות׳דיג-איראָנישען שמייכעל אָנגעהויבען שטילער, ווי מען דערצעהלט אַ געהיימניש.

—האָט איהר ווען געזעהן אַ קינד, בעת—האָט קיין פעראיבעל נישט—ער בעשמוצט זיך? כע-כע! ער לויפט אַוועק פון דעם אָרט. און נישט נאָר ער אַנטלויפט, ער ווייזט נאָך פון דער ווייטען אָן אויף איהם מיט דער האַנד און שרייט: פע! אָט אַזוי זענען אונזערע יונגעלייט. אַליין האָבען זיי אַלץ פעראומריינינגט, און איצט אַנטלויפען זיי אין אַמעריקא און שרייען פון דאָרט, אַז דאָ איז אַלץ נישט גוט.

די יונגעלייט האָבען זיך צעלאַכט און איינער האָט זיך אָבגערופען:

—איהר זייט, רב בער, ברוגז אויף אַמעריקא, ווייל דאָס ווייב האָט אייך פערלאָזט און אַהין אַוועקגעפאָהרען?

—זי איז נאָך נישט אַוועקגעפאָהרען. זי זיצט דערווייל אין וויטעבסק און וואַרט אויף אַ בילעט—האָט ער אָבגעענטפערט רוהיג.

און ווענדענדיג זיך צו מיר, האָט ער גענומען דערצעהלען:

ביי מיר זענען צוויי זיהן אין אַמעריקא. זיי איז אפנים דאָרט געפעלען געוואָרען, האָבען זיי אָנגעהויבען שרייבען בריף, איינריידענדיג מיך מיט מיין אַלטער, מיר זאָלען אויך קומען אַהין. מיין אַלטע איז אַ קלוגע, איז זי אַוועקגעפאָהרען. און איך בין אַ נאַר—בין איך דאָ געבליבען. אַ שטוב איז ביי מיר אַ גרויסע און אַ פוסטע. שפּאַן איך אום אַ גאַנצען טאָג פון איין חדר אין דעם אַנדערן. אַז עס דערעסט דער אומשפּאַצירען, געה איך אַוועק אין שוהל... אַז איך וואָלט אָבער נישט געווען קיין נאַר, וואָלט איך אויך אַוועק קיין אַמעריקא. וואָס מיינט איהר, איך וואָלט דאָרט געמאַכט גילדענע געשעפטען! איך בין אַן׳אַלטיטשקער און אַ קורצינקער, וואָלט איך דאָרט אַרויסגעהן אין גאַס, וואָלט זיך שטעלען אויף אַ פּאַס, אַלע זאָלען מיך קאָנען אָנקוקען, וואָלט צוטופען מיט׳ן פוס און צוזינגען: „טראַ-ראַ! טראַ-ראַ-ראַ!” מען וואָלט זיך געקייקעלט פאַר געלעכטער

און מען וואָלט מיך פּערוואָרפען מיט רענדלסך... אָבער איך בין אַ נאַר, איך פערשטעה דעם אייגענעם גליק נישט, בין איך דאָ געבליבען. זיץ איך אין שוהל, זאָג תהילים און קיינער גיט מיר דערפאַר קיין גראָשען נישט! כאַ-כאַ-כאַ!

ער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דראָבנעם, הייזעריגען געלעכטער, אין וועלכען עס האָט געקלונגען אַנ'אָנגעוועהטאָגטע בעליידיגונג.

איבעררייסענדיג דעם געלעכטער, האָט ער ווייטער אָנגעהויבען ערנסט און רוהיג:

—ווען איך זאָל אייך זאָגען, אַז איצט געהט אַלץ קאַפּויר, מיט'ן קאָפּ אַראָב, וועט איהר מסתמא אַ טראַכט טהון: „ע, אַנ'אַלטער נאַר, רעדט פון פייער!" אָבער, איך בעט אייך, הערט מיך אויס. אָט נעהמט, למשל, אַזאַ זאַך: אין די פריהערדיגע צייטען האָט מען שטאַרק געשאַצט דעם קאָפּ. אַ קלייניגקייט דער קאָפּ! דאָרט ליגט דאָך די הייליגע תורה! פלעגט מען דעם קאָפּ אָפּהיטען און בעשיינען. מען פלעגט איהם בעצירען מיט אַ פּאָר געקרייזעלטע פּאות, ווייטער פלעגט מען איהם צודעקען, און נישט נאָר בייטאָג, אפילו ביינאַכט, מיט אַ יאַרמולקע. און אויף דער יאַרמולקע פלעגט מען נאָך אָנטון אַ היטעל. און וואָס עפּעס אַ היטעל? טאַקע אַ שטריימעל. און מען האָט אויף איהר קיין געלד נישט געזשאַלעוועט, געצאָהלט צו צוואַנציג-דרייסיג רובל פאַר אַ שטריימעל! און דער איבעריגער גוף—ווער האָט וועגען איהם געטראַכט? זענען די הויזען צוריסען—אויך אַ דאגה! שטיוועל? ווער האָט געטראָגען שטיוועל? מי איז געגאַנגען אין שיך פאַר צוויי גילען... איצט איז געוואָרען אַלץ פערקעהרט. וועגען קאָפּ האָט מען אויפגעהערט צו טראַכטען, די פּאות אָפּגעשוירען, די יאַרמולקע אַראָפּגעוואָרפען. אויף אַ היטעל גיט מען אויס קוים צוואַנציג קאָפּיקעס, אי דאָס טראָגט מען זי נישט. דערפאַר איז אָבער געוואָרען אַ מיוחס דער בויך! מי טראַכט נאָר וועגען איהם, מי לעגט אין איהם אַריין גאַנצע פערמעגענס! און ווי מי פּוצט דאָס איהם אויס. ערשטענס—אַ מאַנישקע, צוויטענס, אַ זשילעטקע, אין דאָס איז

ווייניג—הענגט מען נאָך אָן אויף איהם אַ גילדענע קייט.

דער אַלטער איז מיט אַמאָל אַנטשוויגען געוואָרען. די אויגען האָבען זיך בּיי איהם אויסגעלאָשען און ער האָט אַרויס-גערעדט מיט אַ טיפען טרויער:

—עס שטאַרבּט, עס שטאַרבּט אָב די וועלט... עס וועלען בּאַלד נישט פערבּלייבען קיין יודען...

איינער פון די יונגעלייט איז האַסטיג אויפגעשטאַנען פון אָרט און אויפגערעגט אַרויסגערעדט:

—איהר האָט אַ טעות, זיידע! דאָס יודישע פאָלק האָט אָפּ-געלעבּט פיער טויזענד יאָהר, וועט עס איצט אויך נישט שטאַר-

ער אַלטער האָט אָנגעשטעלט אויף איהם זיינע פויגעלשע אויגן און געענטפערט מיט דעם פריהערדיגען איראָנישען שמייכעל:

—ווער זאָגט שטאַרבּען? זאָל גאָט שומר ומציל זיין! איך האָבּ עס נישט געזאָגט. פּערקעהרט: יודען וועלען זיך פּרוכּפּערן און מעהרען. יואָס, וואָס, נאָר די מצוה פון „פּריה ורביה” איז מען איינט מקיים זעהר געשמאַק, אַזוי געשמאַק, אַז מען קלייבּט אפילו נישט פונאַנדער צווישען די אייגענע ווייבּ און אַ פרעמ-דער... נ-ניין, יודען וועלען נישט אויסשטאַרבּען, זיי וועלען לעבּען...

און צוגעהענדיג נעהנטער צום יונגענמאַן, האָט ער צוגע-געבּען מיט אַ בּייסענדען סאַרקאַזם:

—אָבּער עס זענען דאָ אַלערליי לעבּענס: עס לעבּט אַ מענש, עס לעבּט אַ קאַץ, און עס לעבּט אַ חזיר אין בּלאָטע... פּערשטעהסט?

# אינהאַלט

## פון

## פערצעהנטען באַנד


| | |
|---|---|
| | זייט |
| אונטער אַ מאַסקע | 7 |
| ואהבת לרעך כמוך | 57 |
| דער הונגעריגער | 71 |
| פיעדקע | 103 |
| עם הספר | 119 |
| אַ גוי׳עשער קאָפּ | 107 |
| צוויי מערטירער | 139 |
| צווישען גרים | 155 |
| אַ קליינשטעדטילדיגער מעפיסטאָ | 183 |